STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06449

HEYMISHE UN FREMDE

Yitshak Goldkorn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גאָלדקאָרן

היימישע און פרעמדע

דעם טייערן פריינד
ד"ר מרדכי [illegible]
א מתנה.
[illegible]
[illegible] 1973

PARA USO PERSONAL
SIN FINES [illegible]

The preparation of this book
was made possible by a grant from
The Memorial Foundation
For Jewish Culture, New York, N.Y.

יצחק גאָלדקאָרן

הײמישע און פרעמדע

ליטעראַרישע עטיודן

פארלאג סביבה
בוענאָס איירעס

יצחק גאָלדקאָרן / היימישע און פרעמדע
ליטעראַרישע עטיודן
בוענאָס - איירעס, 1973

ITZCHAK GOLDKORN

HEIMISHE UN FREMDE
LITERARY ÉTUDES

Copyright by I. GOLDKORN, New York

Published by Sviva,
Buenos Aires, 1973

Printed in Argentina
Impreso en Argentina



די פינף פרעמד־שפּראַכיקע שרייַבערס, וואָס ווערן באַ־האַנדלט אין זעם בוך, פאַראייניקט בלויז דער פאַקט, וואָס זיי האָבן נישט געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך. זיי אונטער־שיידן זיך אָבער איינער פון צווייטן אין דער באַציונג צו יידישקייט, אין זייער יידיש־גייַסטיקן קאָלאָריט. ביַי עלזאַ לאַסקער־שילער און פראַנץ קאַפקאַ איז פאַראַן דאָס נביאיש־ווידיאָנערישע אין דער בענקשאַפט צום אַבסאָלוטן, צו דער געטלעכקייט. ביַי סטעפאַן צווייַגן האָט דער נביאישער משיחיזם אָנגענומען אַן אייראָפּעיש־קאָסמאָפּאָליטישע פאָרעם, אָבער אין תוך איז דאָס געווען דער זעלבער ניצוץ. אַרטור שניצלער, מיט זייַן **קליִנישן** פסיכאָלאָגיזם און אַרטור קעסטלער מיט זייַן אינ־טעלעקטואַליזם, זענען די **פרעמדסטע** אין דער גרופּע לויט דעם עמאָציאָנעלן קלימאַט, און זיי קאָנען באַצייכנט ווערן ווי שרייַ־בערס פון יידישן **אָפּשטאַם.**

א

משה לייב האַלפּערן
איציק מאַנגער
מאַני לייב
ישראל שטערן
ז. סעגאַלאָוויטש
הערש וועבער
יעקב פרידמאַן
אהרן צייטלין
דוד אײַנהאָרן
רייזל זשיכלינסקי
אליעזר גרינבערג
מאיר זימל טקאַטש

משה לייב האַלפּערן:
גרויסער שטורעם און דינע שטילקייט

א

41 יאָר נאָך זײַן טויט און איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט זינט דעם דערשײַנען פון זײַנע ערשטע גרויסע שאַפונגען געהערט נאָך אַלץ משה לייב האַלפּערן צו דער גרופּע „יונגע" — צו די י ו נ ג ע אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור און אין דער וועלט־פּאָעזיע, וועמענס ווערק זענען נאָך איצט, און וועלן שטענדיק בלײַבן, פריש.

דער דיכטער פון „ניו־יאָרק" איז אַוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 46 יאָר (געבוירן דעם 2טן יאַנואַר, 1886, אין זלאָטשעוו, מזרח־גאַליציע; געשטאָרבן דעם 31סטן אויגוסט, 1932, אין ניו יאָרק). ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון 22 יאָר, און האָט אין דעם לאַנד געלעבט, געליטן און געשאַפן אין פאַרלויף פון 24 יאָר — די צײַט, וואָס איז געווען פאַרבונדן נישט בלויז מיט דעם אויפשטײַג פון דער גלענצנדיקער פּאָע־טישער קאָנסטעלאַציע, די „יונגע", נאָר איז אויך געווען בכלל די גאָלדענע עפּאָכע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור אויף דער זײַט אַטלאַנטיק.

משה לייב האַלפּערן, דער יונג־פאַרשטאָרבענער גרויסער פּאָעט, וואָס האָט אַלע זײַנע יאָרן אין דער „גאָלדענער מדינה" אָפּגעלעבט אין נויט, האָט דאָך באַוויזן — נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן — אָפּצושפּאָרן אַ ריזיק קינסטלעריש פאַרמעגן: די צוויי ביכער „אין ניו יאָרק" און „די

גאָלדענע פּאַווע״, ווי אויך די לידער, וואָס זענען דערשינען אין צוויי בענ־דער נאָך זײַן פּריצײַטיקן טויט. (די לידער זענען דערשינען אין 1934 אונטערן טיטל משה לייב האַלפּערן, מיט ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן פון דעם דיכטער און עסייִסט אליעזר גרינבערג).

וואָלט וויטמאַנס באַצייכענונג פאַר זײַנע „גראָזן־שטענגלעך״ —„דער, וואָס רירט אָן דאָס בוך, רירט אָן אַ מענטש״— איז גאָר צוטרעפנדיק פאַר האַלפּערנס לידער. דאָס איז הויפּטזאַכלעך דער יחידישער לירע־שפּילער און זינגער, דאָס לויטערע געזאַנג, וואָס קוועלט פון טיף־מענטשלעכן און פּערזענלעכן. לויטערע יחידישע פּאָעזיע איז, אָבער, גלײַכצײַטיק אוני־ווערסאַל. ווײַל פּונקט ווי דער יחיד קען זיך אידענטיפיצירן מיט דעם פאָלק, פון וועלכן ער איז אַ טייל, אַזוי קען דאָס פאָלק זיך געפינען אין דעם יחיד —אין זײַן קריסטאַלן געזאַנג— וואָס קריסטאַליזירט זײַנע דינסטע און זעלטנסטע שפּירונגען און אַנונגען.

משה לייב האַלפּערנס דיכטונג האָט פיל אַספּעקטן: זי איז ליריש, עפּיש, באַלאַדיש־גראָטעסק, קאַריקאַטוריסטיש, סאָציאַל־פּראָטעסטירנדיק און סאַטיריש. אָבער דאָס וועזנטלעכסטע בײַ אים איז דאָס לירישע. נישט קוקנדיק אויף דער פיל־פאַרביקייט, איז ער געווען איינהײַטלעך אין זײַן רעגנבויגנדיקער צעזונגענקייט און אין די פאַרשיידענע „אינסטרומענטן״ פון זײַן פּאָעטישער „אָרקעסטראַציע״. די סקאַלע פון זײַן געזאַנג איז גע־ווען איינהײַטלעך אין איר ווונדערלעכער רײַכקייט פון וואַריאַציע און מאָ־דולירונג: אין די שטילסטע און צאַרטסטע טענער און אין די העכסטע „קרעשטשענדאָס״ פון זײַן דיכטערישן לייבן־קול. אַ קוים־געהערטער לייט־מאָטיוו בליצט דורך זײַן גאַנצע פּאָעטישע שאַפונג — פון אַזעלכע קאַ־פּריזנע און באַחנטע צעשפּילעוודיקייטן, ווי „זשום־זשום־זשואַ״ — איבער דעם לירישן געוויין פון „דײַן לעבן״ — דורך דעם סימפאָנישן „מײַן אומרו פון אַ וואָלף״ — ביז צו דער וויזיאָנעריש־פאַנטאַסמאַגאָרישער „אַ נאַכט״ און אַנדערע גינגאָלדענע געזאַנגען. ער איז געווען — סײַ דער קול רעש גדול און סײַ דער קול דממה דקה: דער שטאַרקער ברום פון דעם לייב, די שטים פון דעם גרויסן שטורעם, און די שטים פון דער דינסטער שטילקייט, ווו ער האָט דערגרייכט דאָס העכסטע. אין פּאָעזיע, ווי אין דער רעליגיע („לא ברעש אדני״), קיניגט איבער אַלע הויכקייטן דאָס דינע געזאַנג, די לירישע „אַדאַדזשיאָס״ און „אַנדאַנטעס״. זײַן דיכטונג איז אַ סימפאָניע פון שטורמישע בלוט־ און טרערן־קאַסקאַדעס, וואָס ווערן „אײַנגענומען״ פון אַ

פאַרכישופטן פאַסטאָראַל. תפילה, גערעגנגל, בונט, קאַפּריזנע צעשפּילטקייט, אור־כאַאָס פון נאַכט און אָקעאַן און תהום — גייען איבער אין אויסגעליי־טערטקייט פון אַ פרילינגדיקן באַגינען, אין אַ שטילקייט־מיסטעריע פון זון־פאַרגאַנג, אין אַ רעגנבויגן פון שלום־מאַכן נאָך אַ שטורמישן געוויטער. אויך דער קול רעש גדול בײַ משה לייבן איז גרויסע פּאָעזיע. מיר ווערן דערשיטערט פון אַזעלכע קאָסמישע קלאָג־לידער, ווי „די זון ווערט אַרונ־טערגיין פון באַרג״, „אָוונט״, „אַ נאַכט״, פון אַזעלכע איובדיקע שטימונגען, ווי:

מיר זענען געגליכן צו חורבות אין אַ וויסטער געגנט,
זינגען ווי די פוסטקייט דאָרט, ווען ס׳פּלייצט און רעגנט.

אָבער ס׳קומט אויך די אויסלײַטערונג, די זון נאָכן זומער־רעגן:

רייד פאַראַן אין מיר אַזוינע שיינע, אפשר,
ווי קינדער ערשט פון שלאָף.

משה לייב האַלפּערן האָט אומדירעקט אין פיל לידער, און דירעקט אין עטלעכע, געצייכנט זײַן אויטאָ־פּאָרטרעט. די פיל־געשטאַלטיקייט, די פּאַראַדאָקסאַלע פּסיכאָלאָגישע „מישונג״ איז אָבער געצייכנט געוואָרן מיט מאָנומענטאַלע שטריכן אין „מײַן אומרו פון אַ וואָלף״:

מײַן אומרו פון אַ וואָלף און פון אַ בער מײַן רו,
די ווילדקייט שרײַט אין מיר, די לאַנגווײַל הערט זיך צו.
איך בין נישט וואָס איך טראַכט, איך בין נישט וואָס איך וויל,
איך בין דער צויבערער און איך בין דאָס צויבערשפּיל.

איך בין אַ רעטעניש, וואָס מאַטערט זיך אַליין,
אַ פלינקער ווי דער ווינט, געבונדן צו אַ שטיין.
איך בין די זומערזון, איך בין די ווינטערקעלט...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
איך בין דער קינדערטאַנץ און בײַם לבנה־שײַן
בין איך דער נאַר, וואָס בענקט אין בלויען לאַנד אַרײַן,
און אַז איך גיי פאַרבײַ אַן אײַנגעפאַלן הויז,
בין איך די פוסטקייט אויך, וואָס קוקט פון דאָרט אַרויס,
אַצינד בין איך די שרעק אין דרויסן פאַר מײַן טיר,

ד גרוב, די אָפּענע, וואָס וואַרט אין פעלד אויף מיר.
אַצינד בין איך אַ ליכט, אַ יאָרצײַטליכט, וואָס ברענט,
אַן איבריק בילד אַן אַלטס אויף גרוי־פאַרשטויבטע ווענט.
אַצינד בין איך דאָס האַרץ — דער אומעט פון אַ בליק,
וואָס האָט געבענקט צו מיר מיט הונדערט יאָר צוריק.
אַצינד בין איך די נאַכט, וואָס הייסט מיך ווערן מיד,
דער שווערער נאַכט־טומאַן, דאָס שטילע אָוונטליד.
דער שטערן איבער מיר דאָרט אויבן אין דער הויך,
דאָס רוישן פון בוים, אַ גלאָקנקלאַנג, אַ רויך.

די אויבנדערמאָנטע שורות, ווי גאָר פיל פון משה לייבס לידער, זענען געקענצייכנט מיטן אָטעם פון העכסטער פּאָעזיע, פון טיפסטער אינטראָס־פּעקציע אין געמיט־אָפּגרונטן. „שטאַרק״ און „שיין״ זענען נישט קיין אויס־שעפּנדיקע באַצייכענונגען פאַר געזאַנג פון אַזאַ פאַרנעם. דאָס ליד און בכלל די לירישע און טראַגישע דע־פּראָפונדיס־לידער פון „אין ניו־יאָרק״ — און טיילווײַז אין „די גאָלדענע פּאַווע״ און די צוויי לידער־ביכער, וואָס זענען דערשינען נאָך זײַן טויט — זענען פּשוט געוואַלדיק. דאָס זענען פּאָעטישע סייסמאָגראַף־רמזים פון וועלטן־אויפטרייסלענדיקע און וועלטן־געבוירנ־דיקע נשמה־ ציטערנישן. „זרחי בײַם ים״, „אַ נאַכט״, „גינגעלי״, און אַ סך אַנדערע לידער פון דעם פאַרנעם, זענען דורכגענומען מיט די טיפסטע אַנונגען, זעונגען מאחורי פּרגוד העולם און מאחורי פּרגוד האדם, עכאָס פון יענער זײַט רעאַליטעט — פון דעם געהיימען קוואַל פון וויזיע, נבואה און גאָטגעבענטשטער שירה.

משה לייב האַלפּערנס דיכטונג איז געלאָדן מיט אַ הויכער שפּאַנונג, מיט אַן עלעקטרישן שטראָם, וואָס נעמט אַרום דעם לייענער. זײַן כישוף־שפּראַך און כישוף־שפּרוך ברענגען אין באַוועגונג די געהיימע נשמהדיקע קלאַווישן אין אונדז; זיי רופן אין אונדז אַרויס די געהעריקע עכאָס און פירן אונדז אַרויס פון אונדזער באַגרענעצטן עמפּירישן אָרביט צו דער אומ־ענדלעכקייט.

ב

משה לייב, דער סובטעלער ליריקער, דער פּאָעט פון דממה־דקהדיקע געזאַנגען און גראַנדיעזע נאַטור־בילדער, אויך נשמה־פּאַנאָראַמעס, איז דאָס

גלײַכן דער גרויסער שטראָפער, דער שילדערער פון אַ ווולגאַרער, האַ־מעטנער און גײַסטיק־סטערילער וועלט. ער האָט די שילדערונגען נאָך צו־געווירצט מיט זײַן אומפאַרגלײַכלעכער סאַטירע און קאַריקאַטוריסטישער מײַסטערשאַפט. האָבן טאָקע טייל מפֿונקים געהאַט טענות פאַר זײַנע וווּל־גאַריטעטן, די „גראָבע רייד" און לעסטערונגען משה לייבס. מ׳דאַרף אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז גרויסע מוכיחים און סאַטיריקערס באַנוצן האָמעאָפּאַטישע מיטלען — זיי באַקעמפן דאָס ווולגאַרע מיטן ווולגאַרן און דאָס גראָבע מיטן גראָבן. און טאָקע די סאַמאַראָדנע נביאים אַליין. אין יחזקאלס משל מיט די צוויי פרויען, אהלה ואהליבה, איז פֿאַראַן אַ סך דראַסטישע ווולגאַריטעט, וואָס קען אַפילו באַצייכנט ווערן ווי „פּאָרנאָגראַפיש". קיינער וועט אָבער אין דעם נישט באַשולדיקן דעם גרויסן וויזיאָנער און שטראָפער. דער ני־דעריקער ציניקער לאַכט אויס דאָס שיינע; דער דערהויבענער ציניקער לאַכט אויס דאָס נידעריקע און מיאוסע.

דער דיכטער פון „די גאָלדענע פּאַווע" איז מײַנסטנס אַרומגעגאַנגען ווי אַ „נעבעכטיקער" אויף דעם וואָכעדיקן יאַריד, און ער האָט זיך געשטיקט אין אַן אַטמאָספערע פון פיזישן און גײַסטיקן דלות. און ער האָט די עולם־התוהדיקעווירקלעכקייט און סביבה געשילדערט אין זײַנע סאָציאַלע מאַ־טיוון און סאַטירעס, פון וועלכע אַ טייל זענען איצט אויס אַ ביסל פאַרעל־טערט. אָבער אַפילו זײַנע בונטאַרישע און „ווולגאַרע" לידער האָבן אויך אַן עטישע — און אַוודאי אַן עסטעטישע — דימענסיע.

ניטשעס מעטאַפאָר וועגן דעם „אָרעמען פישער", וואָס רודערט אַהיים (אין זון־פאַרגאַנג) מיט אַ „גאָלדענעם רודער", קען דאָ אָנגעווענדט ווערן לגבי די פּובליציסטישע, ביטער־סאַטירישע לידער, באַזונדער פון „די גאָל־דענע פּאַווע" און די 2 בענד, וואָס זענען דערשינען נאָך משה לייבס טויט. ער האָט געשטראָפט די גראָבקייט, די טעמפּקייט און ער האָט געסווישטשעט מיט זײַן סאַטירישער בײַטש איבער דער ברוטאַלער „ברויט־ און ווורשט־" קולטור. ער האָט געחוזקט איבער „אונזער גאָרטן":

> אַזאַ גאָרטן, ווו דער בוים
> האָט זיבן בלעטלעך קוים.

ער האָט זיך געראַנגלט צווישן דער „סצילאַ און כאַריבדיס" פון אַ נעאָ־רוימישער קולטור פון עקסטרעמען מאַטעריאַליזם: פון איין זײַט עקס־טרעמע נויט, און פון דער צווייטער זײַט — דער אָפּגאָט, דער עגל הזהב,

וואָס איז געווען די אַלטערנאַטיווע פון דער מאַטעריעלער נויט, אָבער עלנט און דלותדיק אין גײַסטיקער, אויך עטישער און עסטעטישער הינזיכט. משה לייב האַלפּערן, דער אײדעלער און טיף־סענסיטיווער דיכטער, האָט, ווי אַנדערע גרויסע ייִדישע שעפערישע פּערזענלעכקייטן, אָפּגעלייקנט אין אַ געוויסער מאָס דאָס „געזעץ" פון סביבה־באַדינגונגען, וואָס פאָרמירן און געשטאַלטיקן יחידים און גרופּן. דאָס וווּנדער פון דער ייִדישער שעפערישקייט אין אַמעריקע, פון די גלענצנדיקע ליטעראַרישע קאָנסטעלאַציעס, איז געווען דער סאַמע פאַקט פון זייער עקסיסטענץ אין אַ פיזישן און גײַסטיקן וואַקום. דער אויפבלי פון אַ משה לייב האַלפּערן אין די שווערע און טראַגישע באַדינגונגען פון „אונדזער גאָרטן" דערמאָנט אין די פּאַטעטישע ווערטער פון ישעיה: ויעל כיונק לפניו וכשורש מארץ ציה... („און ער וועט אויפוואַקסן פאַר אים ווי אַ צאַרטע פלאַנץ און ווי אַ וואָרצל אַרויסקומען פון אַ טרוקענעם באָדן..."). משה לייב, דער ליריקער, מקונן, בונטאַר, סאַטיריקער און וויזיאָנער, איז נישט בלויז אויפגעוואַקסן, נאָר אויך א ו י ס ג ע װ אַ ק ס ן אין דעם מעכטיקסטן און עקזאָטישסטן בוים, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט געצאָלט אַ טײַערן פּרײַז — זיך אַליין, זײַן לעבן. דאָס קערנדל פון זײַן לעבן האָט געמוזט אַרײַן אין דער ערד, כדי די וווּנדערלעכע פלאַנץ פון זײַן דיכטונג זאָל אויפגיין.

מע דאַרף גלײַכצײַטיק אָנווײַזן, אַז אַ טייל פון זײַנע אַזוי־גערופענע פּובליציסטישע לידער זענען נישט בלויז בילדער פון קרומקייטן, וואָס זענען רעפלעקטירט געוואָרן אין אַ גלײַכן „שפּיגל"; זיי זענען נישט בלויז מײַסטערהאַפטיקע סאַטירעס און גראָטעסקן פון אַ גאָר־דערפינדערישן וואָרט־קינסטלער, נאָר אויך — שטאַרקע דיכטונג:

„...איך זע פעלקער ־ סוחרים, קאַרליקלעך, וואָס שפּילן זיך אין ריזן / מיט קוליעס אונטער זיך אַליין, / מיט קינדער־קעפּ אויף שפּיזן, / און פאַנגעפּלאַטער / הורענהעמד אין מיטן וועלט פאַרהויבן" („אַ באַנקעט־רעדע").

אַפילו דאָס סאַמע אָפּשטויסנדיקע, וווּלגאַרע און גראָטעסק־קאַריקאַטוריסטישע — און די אויבנציטירטע פערזן זענען גאָר־כאַראַקטעריסטישע מוסטערן פון דעם — ווערט בײַ משה לייבן דיסטילירט דורך דעם דיכטערישן (נישט שפּראַכלעכן) עמאָציאָנעלן פילטער, און די אָפּשטויסנדיקע ווולגאַריטעט ווערט „נייטראַליזירט", אויפגעלייזט אין דער הויכער וויזיאָנערישער טעמפּעראַטור.

ג

משה לייב האַלפּערנס העכסט-אָריגינעלער פּאָעטישער סטיל איז דער אויטענטישער „פינגער־אָפּדרוק" פון זײַן אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט. און די גרויסע אייגנאַרטיקייט באַשטייט נישט בלויז אין זײַנע מײַסטערישע פאַרגלײַכן, מעטאַפאָרעס און סימבאָלן, — און זיי זענען ווונדערלעך אין זייער ספּאָנטאַנישקייט, — נאָר אין גאַנצן דיכטעריש־עלעקטריזירטן רוים פון זײַן ליד. דער לייענער געניסט, פאַרשטייט זיך, פון די קינסטלערישע „מיט־לען"; אָבער דער שטאַרקסטער אוממיטלבאַרסטער אײַנדרוק איז — דער „עלעקטריש"־פּאָעטישער קאָנטאַקט, דער געשלאָסענער „קרײַז", וואָס ווערט געשאַפן צווישן לייענער און דעם ליד. מען פילט ווי ס'שטראָמט כוח, שע־פערישקייט און שיינקייט — דער געהיימנישפולער „עפּעס", וועלכן מיר באַ־צייכענען מיטן נאָמען פּאָעזיע, וואָס נאָך אַלע קריטיש־כירורגישע צעגלי־דערונגען, איז נאָך אַלץ שווער צו דעפינירן איר מהות. ווען משה לייב האָט אָפּגעוואָנדן זײַן בליק פון דעם אַספּאַלטענעם מדבר, פון דעם עמק הבכא, פון דער שענדנדיקער און לעסטערנדיקער ווירקלעכקייט, קריגט זײַן דיכטונג דערהויבענע און פאַרטיפטערע דימענסיעס. דאָס איז שוין מער נישט קיין פּראָטעסט און לירישער וויי־אויפגעשריי קעגן דעם טרויעריקן אַרום, נאָר אַ כישופדיקע טראַנספאָרמאַציע, אַ וועלט פון ווונדערלעכע ווי־זיעס און אימאַזשן, טענער פון אַ קאָסמישן געזאַנג, גראַנדיעזע נאַטור־בילדער און גוואַלטיקע זעלבסט־אָפּשפּיגלונגען. ער שילדערט „זרחי בײַם ים", דעם פאַרלוירענעם מענטש אין דעם „קיינעמס לאַנד" צווישן זײַן און נישט־זײַן. אַ דאַנק האַלפּערנס עקספּרעסיוון כוח, דערזעען מיר דאָ נישט בלויז זרחין בײַם ים, נאָר אויך דעם ים אין זרחין — זײַן געמיט, וואָס איז טיפקייט, אומרו, און אור־כאָאָס, ווי ס'איז דער ים, די געהיימנישפולע אומ־ענדלעכקייט, וואָס רינגלט אונדז אַרום. דער דיכטער פון „ניו יאָרק" שוועבט אַוועק, צײַטנווײַז, אין וועלטן פון אייביקער שיינקייט און נאָסטאַלגיע. ער באַווײַזט, אין אַזעלכע מאָמענטן, די קונסט פון שאַפן און פון א י ב ע ר־ש אַ פ ן. פון פאַרוואַנדלען טרויער, פאַרצווייפלונג, אין דעם אַלט-גריכישן „הובריס" אין שיינקייט, אין צעזונגענער יום־טובדיקייט פון גרויסער פּאָעזיע:

...אַפילו די פינצטערניש איז אַ געזאַנג:
זי וואַקסט ווי אַ וואַלד, וואָס הייבט זיך אויף

מיט די ביימער ביז איבער די הימלען אַרויף
און איר טרויעריק רינט ווי צעשמאָלצן גאָלד
אויף אַלץ, וואָס האָט אייביק זיין געזאָלט.

ד

העכער פערציק יאָר נאָכן טויט פון דעם זעלטענעם פּאָעט, איז וויכטיק אָנצוווייזן אויף דעם וואָלט-וויטמאַנישן „סינאָנים" פון ליד און מענטש, פון דעם געזאַנג און דעם זינגער, פון דער שאַפונג און דער פּערזענלעכקייט. ס'איז וויכטיק אָנצוווייזן אויף דער איינהייטלעכקייט פון זיינע וואונדערלעכע לידער מיט דעם גראַנדיעז-טראַגישן ליד פון זיין לעבן און טויט; אויף אַ כאַראַקטער, וואָס האָט זיך נישט געבויגן, נאָר געבראָכן אונטער דער פּאַר־ניכטנדיקער לאַסט פון די באַדינגונגען, אָבער געבליבן געטריי זיין הויכער קינסטלערישער שלימות און עטיש־עסטעטישע אימפּעראַטיוון. אין דעם אַספּעקט איז ער ענלעך צו אַ צווייטן גרויסן קינסטלער אונדזערן — י. מ. ווייסענבערגן, וועמענס לעבן איז געווען אַ העלדן־דראַמע און זיין טויט — אַ טראַגישע פּאָעמע.

משה לייב, דער גרויסער עסטעט־וואַגאַבונד, דער ריטער פון שיינ־קייט און דערהויבנקייט אין לעבן און אין ליד — מיט זיינע ראַנגלענישן, נשמה־קאָנוווּלסיעס, זיין הונגער און יסורימפולע עקסיסטענץ — האָט באַ־וויזן אַרויסצושלאָגן קינסטלעריש פייער פון דער שטייניקער עקסיסטענץ. מע וואָלט אַפילו געקענט זאָגן, אַז די מוראדיקע פאַרצווייפלונג, די שווע־רע נסיונות און דער מדברדיקער אַרום זענען געווען, אין אַ געווויסן זין — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט אויסזען— טרייב־כוחות פאַר זיין הויך־געלאָדענער פּאָעטישער דינאַמיק. לאַראַשפוקאָס אַפאָריזם וועגן אַ ווינט, וואָס פאַרלעשט אַ קליין ליכטל, אָבער צעבלאָזט אַ שטאַרק פייער, קאָן אָנ־געווענדן ווערן אין דעם פאַל אויף אונדזער גרויסן פּאָעט, ביי וועלכן „פון בי־טערן איז אַרויס זיסקייט". די שטערונגען אויף זיין וועג האָבן נאָך פאַר־שטאַרקט דעם טעמפּאָ פון זיין פּאָעטיש־קינסטלערישן וואַסערפאַל — צו באַנוצן אַ מעטאַפאָר פון דעם טיפזיניקן העלדערלין.

משה־לייב האַלפּערן האָט אַראָפּגעגלידערט אין דעם נשמה־קעלער, אין דעם לאַבירינט, ווו דער מענטש ווערט געפייניקט פון אייביקע פּראָבלעמאַ־טישע פייערן. ער האָט אָבער באַוויזן צו פאַרוואַנדלען דעם קאָסמישן און

פּריוואַטן גיהנום אין אַ פּאָעטישער געלייטערטקייט. ער האָט זיך געראַנגלט ווי אַ מיקעל אַנדזשעלאָ, אַ בעטהאָווען, אַ באָדלער, וואָס האָבן איבערגעוועל־טיקט די כוחות פון דער פינצטערניש און אויסגעשמידט פון דער פאַר־צווייפלונג מאָנומענטאַלע שאַפונגען.

„זרחי" — משה־לייבס טראַגישע טעמאַטישע סובסטאַנץ — בלוט און ווונדן און נאַכט און געוויין — איז טראַנספאָרמירט געוואָרן אין דערלייזנ־דיקער פּאָעזיע, אַ דאַנק דער קינסטלערישער אַלכעמיע, וואָס פאַרוואַנדלט דאָס שווערע און טריבע בליי פון דער עקסיסטענץ אין „גינגעלי"־גינגאָלד.

משה־לייב האַלפּערן און זײַן ווערק — דאָס איז אַ סאַגאַ וועגן אַ וווּנדער־לעכן פּרינץ פון געזאַנג, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אויף אַ פרעמדער ערד. אַ לעגענדע פון אַ פּרינץ און אַ בעטלער — אין דער זעלבער פּערזאָן: אַן אָרעמער וואַגאַבונד אין לעבן און אַ פּרינץ אין דער דיכטונג.

ער, דער פּרינץ משה־לייב, דער גרויסער וואָרט־צויבערער, האָט מיט זײַן שפּרוך־שפּראַך געעפנט אַ ווונדער־שלאָס פון שירה. ער האָט פאַר־וואַנדלט טרערן אין פינקלענדיקע קרישטאָלן, די ווונדן אין רובינען און די טיפסטע ליידן — אין דערהויבנסטן ליד.

איציק מאַנגער: באַלאַדן־מײַסטער

א

אין דעם פאָרוואָרט צו „ליד און באַלאַדע" — אַן אָפּקלײַב פון כמעט זײַן גאַנצער פּאָעטישער שאַפונג ביז 1950 — דערמאָנט איציק מאַנגער, אין אַ צוריקבליק צו זײַן שעפערישן וועג, אַז „...נאָך שווערער איז געווען צו געפינען די מוזיקאַלישע באַגלייטונג, דעם סינטעז פון מוזיק און וויזיע".

מוזיקאַלישקייט און וויזיע זענען אייגנטלעך די צוויי הויפּט־אַטריבוטן פון מאַנגערס פּאָעזיע. און עס גייט נישט אַזוי פיל אין דעם, וואָס זײַנע לידער און באַלאַדעס ווערן אַזוי אָפט געזונגען, נאָר וואָס זיי אַליין זענען געזאַנג. דאָס זעלבע איז אויך וועגן זײַן וויזיאָנערישן שטריך; עס גייט נישט אַזוי אין דער וויזיאָנערישקייט פון דער „טעמאַטיק", פון דעם אינהאַלט, ווי אין דעם אַ ט ע ם פון וויזיע. דיביידע אַטריבוטן פון שירת־מאַנגער זענען די מאַגישע שפּרוכן, מיט וועלכע דער ווונדערלעכער „חייט אויס וואָלאַכיש לאַנד" עפנט פאַר אונדז די טויערן פון דיכטונג.

מאַנגערס גרויסע דערגרייכונג איז — ווי ער איז אַליין מרמז — דער סינטעז צווישן מוזיק און וויזיע. אָט די צונויפשמעלצונג פון עלעמענטן האָט ער דערגרייכט דורך דער הויכער טעמפּעראַטור פון זײַן מיטאָלאָגישער וואָרט־„קוזשניע" און פערזן־„שמעלצאָפן".

סינטעז — אין דעם בעסטן קינסטלערישן זין פון וואָרט — איז, בכלל, אַ וועזנטלעכער שטריך פון מאַנגערס שאַפונג, אַ סטיליסטיש־אינהאַלט־

לעכע „לעגיטימאַציע” פון זײַן איינמאָליקער אייגנאַרטיקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. דער סינטעז פון לירישן און עפּישן, פון יחידישן און פאָלקסטימלעכן, פון דעם סודותדיק־הייליקן און דעם שפּאַסיק־פּראָפאַנעם, פון דעם רעאַלן און דעם פאַנטאַסטישן. אָט דער סינטעז איז נוסח — מאַנגער: דאָס פאַריחידישן דאָס עכטע און שיינע אין פאָלקס־ליד און דאָס „פאַרפאָלקסטימלעכן” דאָס אינדיווידועלע לירישע ליד.

מאַנגערס ז י ך ־ ז י נ ג ע נ ד י ק ע לידער זענען פּײַערלעכע אינקאַנטאַציעס, מוזיקאַלישע „אײַנשווערונגען” פון דעם מיסטעריעזן און וווּנדערלעכן; זיי זענען עכאָס פון אומענדלעכע געמיט־לאַבירינטן און צייכנס פון קוים־געאָנטן.

דער זינגענדיקער „חייט” באַוועגט זיך אין אַ פאַרכאַפּנדיקן גראַ־ציעזן טאַנץ אויף דער דינער אײַזשאָל פון דעם רעאַלן; אָבער אין זײַן עקסטאַטישןווירבלטאַנץ פאַרנעמען מיר דאָס בת־קול פון דעם תהום:

דער פויגל טרייסלט אָפּ דאָס גאָלדענע ליכט
פון זײַנע שוואַרצע פאַנטאַסטישע פליגל
און זינגט די גרויסע נישט־פאַרשטענדלעכקייט
אַרײַן אין האַרץ פון דער אומענדלעכקייט,
נאָר אויף מײַן טויער וויינט אַ שוואַרצער ריגל.

(„ליכט”)

די סענסיביליטעט פון אַ גרויסן און אָריגינעלן פּאָעט איז אַן אַנטע־נע, וואָס כאַפּט־אויף די „מעסעדזשעס” פון יענער זײַט וואָרט — די זינגעוודיקע „גרויסע נישט־פאַרשטענדלעכקייט” — און דער לייענער ווייסט, ווי דער „אויפנעמער”, אַז די דעשיפרירונג צעשטערט דעם רמזים־„מעסעדזש”, אַז „אויף מײַן טויער וויינט אַ שוואַרצער ריגל”.

דיכטונג — אין אירע טיפערע און ווערטפולע פלאַסטן — איז בבחינת „התנבא ואינו יודע מה התנבא”, הגם מען דאַרף קאָנען און וויסן ווי אַזוי אויסצוכישופן די נבואה און אַפילו איר „אינו יודע”:

און איך וואָס האָב דאָס דאָזיקע ליד געמאַכט,
ווייס נישט אַליין, וואָס כ'האָב געזונגען.

דאָס שטילע גיין פון מאַמעס דורכן דאָרף
האָט ווי אַ זילבערנער טרויער אין מיר אָפּגעקלונגען
און דאָס געוויין פון די קריגלעך אויף דער ערד.
(„באַלאַדע פון די בלאָע קריגלעך")

מע רעדט אַ סך וועגן פאַרשטענדלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט פון פּאָעזיע. פאַקטיש זענען דאָס רעלאַטיווע באַגריפן, ווען זיי ווערן אָנגעווענדט אויף די ווײַטע און דערהויבענע ספערן פון געזאַנג. אומפאַרשטענדלעכקייט אין פּראָזע איז גאָר אָפט אַן אויסדרוק פון אומבאַהאָלפנקייט און אומשעפערישן כאַאָס (סײַדן ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע קינסטלער־פּראָזאַיקערס, וואָס מאַכן עקסקורסיעס אין עקזאָטישע און אומאויסגעפאָרשטע עמאָציאָנעלע אורוועלדער). אומפאַרשטענדלעכקייט און אומקלאָרקייט אין ליד קאָן גראָד אָפט זײַן אַ פּאָסיקער „מעדיום", אַן אָפּשײַן און אַ בת־קול פון דעם אומגעהויערן, וואָס ווערט אויפגעכאַפּט און „רעגיסטרירט" אויף דעם נשמהדיקן „ראַדאַר" פון אַ קינסטלער־פּאָעט. זעלבסטפאַרשטענדלעך דאַרף מען מאַכן אַ „להבדיל" צווישן דעם ק ו ד ש פון עכטע פּאָעטישע אומקלאָרקייטן — דעם אוניווערס פון קוים־געאַנטע אַנטפּלעקונגען, און די זיג־זאַגיקע עמאָציע־בליצן — און דעם ח ו ל פון קונצנמאַכערישע „רעבוסן" און אַנדערע אומקלאָרקייטן, וואָס זענען סטראַטעגישע וואָרט־קאָמופלאַזשן איבער אינהאַלטלעכע הוילקייטן.

אין מאַנגערס ליד זענען „פּאַראַן רגעס — טיפער פאַרן וואָרט", וואָס אַנטפּלעקן זיך אין דער פאָרעם פון בליציקע סימבאָלן און בילדער:

לעגענדע מיט בלאָע צייכנס אַרום די אויגן,
צעשפּרייט דײַנע פליגל ווי אַ רעגנבויגן,
און הייליק מיט אַלע דײַנע פאַרבן אונדזער נויט.
(„שטערן־גלויבער")

די דרײַ שלוס־פערזן פון דעם סאָנעט זענען אַ הימן צו דער שיינקייט און פון דער שיינקייט, צום סודותדיקן קוואַל, פון וועלכן עס שטראָמט דער פּאָעטישער רוח־הקודש. „לעגענדע מיט בלאָע צייכנס אַרום די אויגן" איז אָן ספק איינע פון די דערהויבנסטע און זעלטנסטע שורות אין דער גאַנצער ייִדישער דיכטונג. ס'איז דאָ נישט וויכטיק די קלאָרקייט

אָדער אומקלאָרקייט; ס'איז נאָר וויכטיק דער כישופדיקער זאָג, די אינקאַנ־טאַציע און דער בליק, וואָס אַנטפּלעקט ווײַטע, קוים־געאָנטע ספערעס.

ב

מאַנגערס באַפליגלט געזאַנג רײַסט מיט און זײַן וויברירנדיק וואָרט צעגייט זיך ווי אַ נאַרקאָטישער סערום מיט זיסן שווינדער און עקסטאַז אין געמיט. ער איז דער פּאָעט פון „דעמערונג“, אָוונט און נאַכט, פון מיס־טעריעזן ציטער און „דעליר“:

איך בין דער וועג קיין מערב,
דער בלאָנדער זון־פאַרגאַנג,
דאָס ברוינע פאַסטעך־פײַפל,
דער מידער אָוונטקלאַנג.
גיי מיר נישט נאָך, מײַן חבר —
מײַן גיין איז אַ פאַרגיין;
הענג נישט דײַן יונגן גלויבן
אויף מײַן בלוי געוויין.
מײַן שיינקייט איז אַ מעסער,
וואָס שנײַדט אין האַרץ אַרײַן,
מײַן צער — צוויי בלויע ליפּן
איבער אַ קריגל ווײַן.

(„כ'בין דער וועג קיין מערב“)

דער לייטמאָטיוו פון דעם סודותדיקן פאַרגיין איז אַ „טעמע מיט וואַ־ריאַציעס“, וואָס קלינגט־אָפּ אין פיל שעפערישע געשטאַלטיקונגען אין מאַנגערס פּאָעזיע, מיט איר אייגנאַרטיקן צוויבער־סינטעז פון מוזיק און וויזיע:

שפּילט דאָס בלוט פון זונפאַרגאַנג
אויף מײַנע ווײַט־געקרייצטע הענט. —
האָסטו דערקענט דעם זונפאַרגאַנג,
האָסטו מײַן נאָמען אויך דערקענט.

— — — — — — — — — — —

שענק מיר דײַן שמייכל פאַר מײַן טרויער
און ווײַטער גיי אַוועק אין רוים.
אַ יעדעס גרעזל האָט זײַן טרויער,
אַ צלם שלאָפט אין יעדן בוים.

(„כ׳בין דער אָוונט״)

מאַנגער, דער „פרינץ און ציגײַנער״, האָט זיך אַרײַנגעריסן מיט שטורעם אויף זײַן אימפעטיקן „פעגאַז״ אין מלכות־ייִדיש, און דער ווינט האָט באַפרוכפּערט מיט דער זריעה פון אַ פאַרבנרײַכער און עקזאָטישער פלאָרע דאָס עניוותדיקע גראָזן־פעלד פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

צו גלײַך מיט דעם ווילד־שיינעם און „ציגײַנעריש־שעפערישן״ האָט דער רומענישער טרובאַדור, אין זײַן ערשטן שאַפונג־פעריאָד, טייל מאָל געהאַט דעם לצנישן שטריך. דאָס איז געווען אַן עקסהיביציאָניסטישער פּאַראַד פון פּראָגראַם־אַרטיקן באַהעמיזם, טיילווײַז געצילט צו שאָקירן דעם באַלעבאַטישן „פיליסטער מיטן פּליך״. אויף וויפל דאָס זענען נישט געווען קיין עכטע אויסדרוקן פון נאַטירלעך־ווילדער שיינקייט און יוגנטלעכן בונט, זענען אַזעלכע שאָקירנדיקע „עסקאַפּאַדעס״ געווען אַ קינסטלעך־היסטעריאָנישער קלאַפּערגעצײַג, וואָס האָט נישט צוגעגעבן, נייערט געמינערט מאַנגערס דיכטערישע געשטאַלט.

אין זײַן לידערבוך „דעמערונג אין שפּיגל״ (וואַרשע, 1937) איז שוין די עכטקייט פון דעם פּאָעטישן „פּ ר י נ ץ ־ ציגײַנער״ נישט געשטערט דורך וואַגאַבונדישער טעאַטראַלישקייט. די טראַגישע שיינקייט פון פאַרגאַנג איז פרײַ פון עקסטראַוואַגאַנטער בראַוווּר און אָרנאַמענטיק, און מאַנגערס שירה שטראַמט מאַיעסטעטיש און לויטער ווי אַ טײַך אין פעיערישן ליכט פון שקיעה־שטראַלן:

פלאַפּלט דער דולער מאַנאַך
צום קראַנקן נאָוועמבער־וואַלד:
די גרויסע דעמערונג גייט,
וואָס איז שוין אַן אייביקייט אַלט.
זי הילט און פאַרהילט און שטילט אײַן
דאָס ווײַב און דעם וואַלד און דעם ווײַן.

זי גייט מיט די שטילסטע טריט,
ווײַל זי איז די שטילקייט אַליין,
זי לייקנט דאָס גליק, וואָס איז גאָלד
און פֿאַרוואַנדלט אַלץ אין געוויין.
זי גלייבט נאָר דעם שלאָף און דער רו
און די אויגן וואָס מאַכן זיך צו.

קומט אַרויס זי מקבל צו זײַן
מיט מידע, געבויגענע קעפּ,
זי וועט מיט אַ כּישוף־שפּרוך
אַנטבלויזן די בלאָע טרעפּ,
וואָס פֿירן אַרויף, אַרויף
דורך טרוים און רוים און אין־סוף.

זי האָט מיך צום נביא געזאַלבט
אין דער זיבעטער בחינה פֿון טרוים —
וואָס איז דער קלאַנג פֿון דער זון
אין דער קרוין פֿון דעם עפּלבוים,
אַנטקעגן איר שטילן גיין,
אַנטקעגן איר טיפֿן זײַן?

רויש און ציטער און ברויז —
אַנטדרימלט, אַנטדרימלט שלאָפֿט אײַן!
מורמל פֿון קינד און פֿון ווינט —
גייט שטילער אין דער שטילקייט אַרײַן!
צאַפּל און ציטער און צוק —
צאַפּלט אויס, ציטערט אויס און גענוג.

פֿלאַטער פֿון פֿויגל אין פֿלי,
זשום און ברום פֿונעם וואַלד —
די גרויסע דעמערונג גייט,
וואָס איז שוין אַן אייביקייט אַלט.
זי הילט און פֿאַרהילט און שטילט אײַן
דאָס ווײַב און דעם וואַלד און דעם ווײַן.

(„דעמערונג")

מאַנגער זינגט אין זײַן ליד, „איך דער פּרינץ": „אין מײַן צימבל שלאָפֿט אַ קעניגרײַך / וואָס צאַנקט און וועט שטאַרבן נישט־געקרוינטער־הייט". דאָס צאַנקנדיקע און שלאָפֿנדיקע קעניגרײַך פֿון מאַנגערס צימבל שטאַרבט נישט און בלײַבט נישט אומגעקרוינט. פֿאַקטיש איז זײַן ליד וו ע ג ן צאַנקען און ס'איז געזונגען פֿון „שלאָף", פֿון אַ טיף־פּאָעטישן טראַנס. זײַנע שורות זענען געקענצייכנט מיט אַ פֿײַערלעכקייט, מיט אַ הימנישן „פֿלואיד" און מיטן פֿאַרשיכורנדיקן אַראָמאַט פֿון שטאַרקן פּאָעטישן ווײַן. די עכטקייט פֿון זײַן טאָן און דער מיסטישער בלענד פֿון זײַנע זעונגען זענען די עלעמענטן, וואָס פֿאַרוואַנדלען דאָס צאַנקען אין אַן אומפֿאַרלעשלעכן פֿלאַם, און דעם שלאָף אין אַ העכערער קאַטעגאָריע פֿון וואַך־זײַן, און דאָס שטאַרבן — אין אַ געבורט.

ג

איציק מאַנגערס כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן — זײַן עפּיש־לירישער „סינטעז", די אייגנאַרטיקע פֿאַרשמעלצונג פֿון דעם אינטעלעקטועלן מיטן פֿאָלקסטימלעכן, פֿון רעאַליזם מיט פֿאַנטאַסטיק — זענען די עלעמענטן אַ דאַנק וועלכע ער איז דער געזאַלבטער באַלאַדע־מײַסטער אין דער יידישער ליטעראַטור.

באַלאַדע, וואָס איז אורשפּרינגלעך געווען אַ „טאַנצליד" בײַ די מיטל־אַלטערלעכע פּראָוואַנסאַלער טרובאַדורן (פֿון „באַלאַר": טאַנצן), איז אַ האַרמאָנישע צוזאַמענשמעלצונג פֿון עפּישער און לירישער פּאָעזיע און דריקט אויס אין אַ קאָנצענטרירטער פֿאָרעם דראַמאַטישע געשעענישן פֿון פֿאַנטאַסטיש־טראַגישן כאַראַקטער אין אַ פֿאָלקסטימלעכן לבוש. אָט די שאַפֿונג פֿון גײַסטערהאַפֿט־פֿאַנטאַסטישן און עלעגישן איז אַ פּאַסיקע פֿאָרעם פֿאַר מאַנגערן, דעם פּאָעט פֿאַר־עקסעלאַנס פֿון דערהויבענער פֿאָלקסטימלעכקייט, פֿון נאַכט, פֿון טרויער, און פֿאַר זײַן ערדיש־דערהויבענעם ניגון:

פֿאַר מיר, דעם באַלאַדישן קאָמאַנדיר,
מאַרשירן פֿאַרבײַ די געשפּענסטער.

(„דער אַלטער ר' פּנחס פֿון האָראָדענקע")

אויפן באַפעל פון דעם „קאָמאַנדיר״ שוועבט פאַרביי אין מאַנגערס באַלאַדעס אַ פילקאָלירטע פאַנטאַמען־פּראָצעסיע: דער בעש״ט און — פּראַנץ פון אַסיזי; היליקע און לומפּן; שניידערס און שרה־בת־טובימס; תאוהדיק־צעגליטע מאַנאַכן און קדושה־דורכגעדרונגענע פּראָסטאַקעס — די וועלט פון אויבן, וואָס ער האָט פאַרטיפט און פאַרהיימישט, און די וועלט פון אונטן, וועלכע ער האָט דערהויבן.

מיט וויזיאָנערישן שוווּנג און קרישטאָלענער פּאָעטישער לויטערקייט האָט דער דיכטער אויסגעזונגען דעם טיפזיניק־טראַגישן דיאַלאָג צווישן דעם „ליידיקן און געקרייציקטן״, צווישן דעם „לאָבוז״ און דעם „רבי פון פּאַדעלאַי״. ער ווענדט זיין נשמהדיקן בליק, ווי דאָסטאָיעווסקי, צו דער וועלט פון „בלוט און געוויין״ — צו אַלע געפאַלענע, פאַרשטויסענע און עלנטע און ער איז זיי דיכטעריש מתקן מיט זיין געזאַנג, ווי אין זיין פּראַכטיקן סאָנעט „קאַליקעס״:

אַ ברידער מיינע, ריטערס פון די אַלע זיבן נויטן,
נאַכטיקערס אין הקדשן, שטאַרבערס הינטער פלויטן,
וויזיע פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן — —

איך שטראָמט, איר שטראָמט צו מיר אין גאַנצע שייקעס,
מיט דרימבעס, האַרמאָניקעס און באַלאַלייקעס —
וואָס איז מיין סאָלאָ אַנטקעגן אייערע כאָרן?

מאַנגערס לידער פון זיין לעצטן שעפערישן פעריאָד, באַזונדערס די סאָנעטן־ציקלען צו זיין ברודער נטע, צייכענען זיך אויס מיט אַ לאַחר־יאושדיקן טראַגיזם און שיינקייט פון פאַרגאַנג, וואָס שטראָמט אַרויס פון זיינע שורות ווי אַ לעצטער הימל־אויפטרייסלענדיקער „אַדיע״: „די אויגן פון דער שיינקייט זענען טונקל, טיף און גרויס / זי טראָגט אויף איר ברוסט אַ צאַנקנדיקע רויז / די אָוונטזון וואָס געזעגנט זיך מיט דער ערד״.

די לעצטע שורות פון דעם „אויטאָביאָגראַפישן״ „סאָנעט פאַר מיין ברודער נטע״ אַנטפּלעקן מיט פאַרבלענדנדיקע מעטאַפאָרישע בליצן גאָר די טיפקייט, מוזיקאַלישקייט און פּאָעטישן ספּעקטרום פון איציק מאַנגערס

אינערלעכער וועלט. אַזעלכע זענען אויך די לידער: „האַרבסטיקע לאַנדשאַפט", „די רייד פון דעם שנײַדער-געזעלן נטע מאַנגער צום פּאָעט" און ענלעכע, וועלכע שיקן געזעגענונג-שטראַלן פון דער ערדישער שקיעה פון דעם „אויף תמיד פאַרשטומטן לידערקוואַל".

אין פּאָעטישן זין איז אָבער מאַנגערס זון נישט פאַרגאַנגען און זײַן לידערקוואַל איז נישט פאַרשטומט, נאָר ער ריזלט מיט דערפרישנדיקער, קרישטאָלענער לויטערקייט.

מאַני לייב, די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט

מאַני לייב איז, אין אַ געוויסן זין, דער בעל־שם־טוב פון דער ייִדישער ליריק. דאָס וווּנדער פון זײַן פּערזענלעכקייט שטײַגט איבער זײַן ווערק, הגם זײַנע לידער פאַרנעמען אַן אויסדערוויילט אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די לעגענדע און דער גוטער שם זענען אַ רעזולטאַט פון זײַן פּערזענלעכקייט און שעפערישקייט, וואָס הויכן אויס אַ מאַגישן אָטעם, דעם באַזונדערן צויבער, וואָס איז פאַרבונדן מיט זײַן אייגנאַרטיק־פאַרטיפטן דרך אין לעבן און אין ליד. און געווען איז דאָס אַ וועג פון לויטערקייט און פשטות, פון אונטערטויכן צו די טיפקייטן פון יסוד און סוד — צו דעם פּאָעטיש־דמיונדיקן, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן בײַ אים אין רעאַליטעט, און צוםווירקלעכן, וואָס איז אין זײַן רײַכער און פילקאָליריקער וויזיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרכישופט מעשהלע.

אין מאַני לייבס לידער און באַלאַדעס קומט צום אויסדרוק זײַן אייגנאַרטיקע דיכטערישע וועלט — גאָר די שיינקייט און דאָס וווּנדער און זײַן לעבנס־געראַנגל, וואָס קאָן סומירט ווערן אין די פערזן פון זײַן שורות אַכט: „בייך, דו האָסט נישט אויסגעשעפּט / אַלע ימען מיט אַ קאַן / אויך דאָס ליד ווערט אויסגעוועפּט / ווו די שיינקייט איז פאַראַן. / נאָר די שיינקייט קומט דאָך נישט / ווי אַ רעגן קומט אַליין: / כישוף זי פון דײַן געמיט / ווי דעם פונק פון קיזלשטיין".

מאַני לייבס אויפגאַנג און אויפזינג אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז פאַרבונדן מיט די פרילינג־שטראָמען פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג, די „יונגע" אין אַמעריקע, וואָס האָט געהאַט אין אירע רייען אַזעלכע

פּאָעטן ווי: משה לייב האַלפּערן, ה. לייוויק, און ער איז פאַרבליבן אַ לירישער פּאָנען־טרעגער פון דער גרופּע, צוזאַמען מיט זישאָ לאַנדוי און ראובן אייזלאַנד. די גרייטע פּראַזע, די מגידיש־רעטאָרישע פּראָקלאַמאַציעס און שאַבלאָנער נוסח — קעגן דעם האָבן געקעמפט די „יונגע" — נישט מיט אַנטי־פּראָקלאַמאַציעס און טעאָריעס, נאָר מיטן וואַרעמען און פרישן אָטעם פון זייער געלייטערטן וואָרט, וואָס האָט אויפגעטייעט די פאַרפרוירענע פּאָעטישע פאָרמען פון יידישן ליד.

צווישן די באַנייערס און „אויפטייערס" און אויפטועס האָט פאַרנומען אַ באַזונדערס אָנגעזען אָרט דער איידעלער זינגער פון ביעזשין, „אַ פּייפער פון ביט הי". ער האָט אַנטפּלעקט נייע פאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמעס מיט זיין ליד, וואָס איז אַ קווינטעסענץ פון מוזיק, וויזיע, דינע אַנונגען, יחידישע געלייטערטקייט און עכטע פאָלקסטימלעכקייט.

ווען מאַני לייב איז ווי אַ 23־יאָריקער יונגער־מאַן אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1906, האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט פון שווערער האָרעוואַניע ווי אַ לערן־יינגל און קאַמאַשן־שטעפּער, אויך פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן קאַמף און טורמע־שטראָף אין אוקראַינישן היים־שטעטל ביעזשין. און דער גרעסטער טייל פון זיין שווער לעבן אין אַמעריקע איז אויך געווען אונטערן צייכן פון האָרעוואַניע אין זיין פאַך ווי „אַ שוסטער אַ פּאָעט", געקומען פון דער דורותדיקער „איינגעפונדעוועטער" יידישער אָרעמקייט און פון אַ רעוואָלוציאָנערן „חדר". אַפילו שפּעטער, אין אַמעריקע, אַ לאַנגיאָריקער יגיע־כפּיימניק — האָט מאַני לייב אויך געזונגען די מאָטיוון פון נויט, אַרבעט און געראַנגל. אָבער אויך דאָ — יחידיש־אייגנאַרטיק און זיס — פאָלקסטימלעך, אָן דער שאַבלאָנער באָמבאַסטיק; ער איז נישט געווען קיין וואַסערדיקער „מבשר", געטריי בלייבנדיק זיין געפיל. ער איז „אַ פייפער נאָר אַזוינער — קיין נביא בין איך נישט". ער זינגט:

נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שניי געשמידט...
דער ווינט — אַ היימלאָזער — אים אײנעם שלאָפט זיך נישט,
און ווי די גאַנצע נאַכט טרייבט ער אין גאַס זיך אום
און ווייט מיט שניי און שטויב און וואָיעט בייז און שטום...

— — — — — — — — — — — — —

ווער איז דאָס יענע ערשטע אין דעם נייעם טאָג,
וואָס איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויפן ראָג,

און קוקט זיך אום ארום, מיט אויגן — סם און האס,
און לאזט אוועק זיך שפאנען אין דער לענג פון גאס?

דאס איז די אלטע, קאלטע ווינטער־נויט;
זי כאפט זיך אויף די ערשטע שעלטנדיקערהייט,
זי קומט אין גאס די ערשטע, שעלט אזוי און שפאנט
און טראגט אן עמער קוילן אין איר דארער האנט.

(„די ווינטער־נויט")

דא זענען איבערגעגעבן מיט שטארקע פאעטיש־קינסטלערישע מיט־לען גאר די טערפקע ריחות און טיפע דימענסיעס פון דער נויט. די אייגנארטיקע בילדער פון דער טראגישער ווירקלעכקייט ווירקן מיט זייער וויזיאנערישן כוח און טאן אן אן ערך שטארקער ווי אזעלכע שטייגער־שיל־דערונגען מיט פרום־„מאראלישע" דרשות. ענלעכע אייגנארטיקע שיל־דערונגען פון דעם גרויס־קאבצאנסקן ניו־יארק געפינט מען אין אזעלכע לידער ווי: „אונדזער גאס", „איך גיי נאך דעם אלטעגלעכן שטייגער" א״א.

די נאסטאלגיע צו דער פארשווונדענער שווערער, אבער פאעטיש־פארביקער און זאפטיקער קינדהייט־סביבה פון איין זײט, און די דער־דריקנדיקע מידבר־פאנאראמע פון ארעמקייט, וואלגאריטעט און פוסט־קייט פון דער צווייטער זײט, ווייען און זינגט ארויס אין פיל לידער פון לײדנפולן פאעט. פון דעסטוועגן זעט ער אויך אויפבליצן פונקען פון דער־הויבנקייט און שיינקייט אין מיטן פון דעם טרויעריקן ארום:

אין הײזער ארעמע איז דא אזוי פיל שיינקייט;
די הונגעריקע ליפן איידלען דער בטחון.
די האנט, וואס איז געשלאגן אין איר קוואלער קליינקייט,
האלט אלע טירן אפן פאר דעם ארימערן שכן.

און בײַ דעם קאלטן פײַער פון די דארע קוילן,
ארום די טישן קעפ געלענט אויף עלנבויגן,
די אויערן געשפיצטע, און אלטע בערד דערציילן
די רייד פון צער און חכמה און פון ניסים נישט געשטויגן.

און איבער אַלע קעפּ — דער שטילער, דער באַפרייַער,
ער נידערט פון די רייד און זיצט מיט זיי אין מיטן.
די דאַרע קוילן פלאַקערן מיט נייַעם פייַער
און רויטלען אַלע קעפּ און בערד פון פייַער אויסגעשניטן.

(„אין הייַזער אָרעמע״)

פון דעם ליד ווייעט מיט היילוקער שייַן פון רייַכער אָרעמקייט און נויט, פון די בילדער פון אַ רעמבראַנדט און וואַן גאָג, ווו דער דלות ווערט דערהויבן צו אַן אמתער „רעס סאַקראַ מיסער״. די נויט ווערט געהייליקט אין טיפן ליד, אַזוי ווי אין גרויס - מייַסטערישן בילד און ווערט אַליין פאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע.

מאַני לייב, דער זעלטענער ראָמאַנטיקער־רעאַליסט, איז מבטל די וואָר, אָבער די „דערנער פון זייַן אַרבעט־טאָג וועלט״ האָבן זיך טיף אייַנגעגעסן אין זייַן לייַב און לעבן („די האַנט איז געפאַלן אין ווייטיק / אין מי אין פאַרשפּאַרטער און האַרטער. / געדולד פון אַן אָקס איז דאָ נייטיק, / און דו ביסט אַ הירש גאָר אַ צאַרטער..). ער באַווייַזט מיט שווערער מי אַרויסצושלאָגן די שעפערישע פונקען פון דער רויער און האַרטער ווירקלעכקייט און ער גיט אונדז אַ גוואַלדיק בילד פון זייַן טאָג־טעגלעכן געראַנגל און זייַן סובלימאַציע פון וואָכעדיקייט און דער־הויבונג אין אַזעלכע שורות ווי: „...קריך איך, ווי דאָס אַלטע קעמל, — דורך דער נאָדל פון מייַן וואָר״. אין אַזעלכע בליציקע בילדער און רמזים אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ ליריקער פון גאָר אַן אייגנאַרטיקן און גרויסן פאַרנעם.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם „דועל״ צווישן וואָר און חלום, אָדער צווישן דער אויסערלעכער וווּלגאַרער וואָר און זייַן אידעאַלער וואָר, זענען די שורות:

מיט זיבן וואַסערן פון אַלטן צער
האָב איך פון זיך אַראָפּגעוואַשן
דעם שטויב פון זייער וואָר,
און זייער וואָר — ליגט אונטער מייַנע קנאָפּל.

זאָל זײַן אַ טיש, און דורך די נעכט אַ ליכט —
אַ ליכטל נאָר, און קלוגע ליבע ביכער —
דאָס ברויט און ווײַן פון אַלע צײַטן —
און שיכור זינג איך הויך אין פנים פון די טעג!

(„מיט זיבן וואַסערן")

מאַני לייב געפינט אַ מקום מקלט פון דער ברוטאַלער וואָר אין זײַן אייגע־נער געלייטערטער ערדיש־גײַסטיקער וועלט. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז אַ לוין־קנעכט אין דעם מגושמדיקן עולם התחתון איז ער אַ פּרינץ אין דער וועלט פון שיינקייט און געזאַנג. ער איז שטאָלץ אויף זײַן דיכטעריש־עסטעטישן עיר מקלט:

דעם כישוף פון בײַטן די ערטער,
צו מעסטן די גרייס פון דער ערד
אין קורצן און אָרעמען לעבן —
איז מיר נישט באַשערט.

דאָך האָב איך דעם כישוף פון ווערטער,
פון ווערטער די פרייד און דעם צער.
אין קורצן, אין אָרעמען לעבן, —
דאַנק איך דערפאַר.

(„דעם כישוף")

אין די אַכט שורות, וואָס דערמאָנען מיט זייער אידעלער שטימונג און קאָנצענטרירטקייט די קורצע און „קאָמפּאַקטע" לידער פון עמילי דיקינסאָן, „לעגיטימירט" זיך דער פּאָעט מיט זײַן אויטענטישער פּערזענלעכקייט, וואָס דערהייבט זיך איבער זײַן קורצן און אָרעמען לעבן מיטן מאַגישן שם־המ־פורש, „דעם כישוף פון ווערטער". און דער כישוף דערהייבט נישט בלויז דעם שעפער, נאָר אויך דעם לייענער פון זײַנע זיך־זינגענדיקע און פאַרכאַ־פּנדיקע שורות, וואָס שימערירן מיט אַלע פאַרבן פון האַרבסטיקן גאָלד און ווײַן וואָס איז צעגאָסן איבער בײַמער־בלעטער.

*

מאַני לייב, דער זינגער פון פּאַסטאָראַלער שטילקייט און שיינקייט, איז דער פּלייטנשפּילער, וואָס כישופט אויס לידער פון אומגעשטילטער בענקשאַפט, פון איידעלע עמפּינדונגען, קאַפּריזע שטימונגען, אומגעריכטע אַנונג־בליצן און פאַרכאַפּנדיקע דמיון־מיראַזשן, וועלכע הילן איין אין אַ הייליקער שיין די וויסטע אורבאַנישע וואָר. „וווּנדער איבער וווּנדער" — דאָס איז דער אונטערטאָן און דער לייטמאָטיוו פון זיינע סובטעלע לידער און זאַפטיק־פּאַלקסטימלעכע באַלאַדעס, וואָס עפענען פאַר אונדז נייע דימענסיעס פון וואָרט, קלאַנג און בילד. פון אַזעלכע לידער ווי: „ביים פענצטער", „שיינקייט", „אַ ווונד", „מיין פאַנצער", „איך דער ריטער" און אַנדערע, דערשיינט פאַר אונדז דאָס געשטאַלט פון אַ זעלטן־צאַרטן ליריקער, אַ זינגער פון פנימיות, פון דעליקאַטע שפּירונגען, אַ פּלייט־„פייפער" פון זיסע, גינגאָלדענע מעלאָדיעס וואָס באַניצט די סימבאָלן פון גראָז, שטומקייט און שטילקייט פאַר זיין איך־אַנטפּלעקונג. פון דער צווייטער זייט איז ער דער דיכטער פון ערדיש־זאַפטיקע, זוניקע און קערנדיקע געזאַנגען, ווי „ביעזשין", „איך בין", „צו מיין סאָנעט", און אַנדערע.

אין זיינע סאָנעטן דערשיינט פאַר אונדז דער טיפער און לויטערער פּאָעט מיט אַ הויך פון פילאָסאָפישער רעזיומע, פון לעבן־חכמה. אָט די שפּעט־זומערדיקע שאַפונגען זיינע האָבן דעם אַראָמאַט און טעם פון זיסן, גראָזן־שטילן ליריזם, וואָס איז געמישט מיט דער האַרבקייט פון אינטעלעקטועלער דערקענטעניש ווי מיט די פּאָעטיש־וויטאַלע זאַפטן פון וויזיע, מוזיקאַלישקייט און טיפער איבערלעבונג, וואָס צייכענען אויס זיין ליד — זיין סאָלאָ־פּלייטנשפּיל אין דעם אָרקעסטער פון דער יידישער ליריק.

אין מאַני לייבס לויטערע לידער איז פאַראַן די דינע עזאָטערישקייט פון אַ סובטעלן אינדיווידואַליסט און די זאַפטיקע עכטקייט, די באַדלבוים־זשי־וויצע פון עכטער פאָלקסטימלעכקייט. זיין געזאַנג איז אַ הימן פון און צו דער שטילקייט („און לערנען חכמה פון דעם גראָז, וואָס שווייגט און גרינט — און האָרבעט זיך נאָר אין טומלדיקן ווינט"). און זיין בענקשאַפט צו גאָר דעם דערהויבענעם, סובטעלן און עטעריש־לויטערן, וואָס זינגט אַרויס פון זיין לעבן און ליד, איז אַליין אַ מאָנומענטאַלע שיינקייט פון רעליגיעזיטעט און רעליגיעזיטעט פון שיינקייט.

ישראל שטערן

ישראל שטערנס ליטעראַרישע ירושה איז קליין אין קוואַנטיטעט, אָבער וואָגיק אין קוואַליטעט. אין גאַנצן 25 לידער און 19 עסייען, רע־צענזיעס און אַרטיקלען זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין אַ בוך נאָך זײַן מאַרטירער־טויט — אָבער וויפל שיינקייט און טיפקייט זיי שטראַלן אויס! זיי זענען אַ קלאָרע באַשטעטיקונג פון דעם כלל: מועט המחזיק את המרובה. (פאַקטיש איז נישט אַלץ וואָס דער דיכטער און עסייִסט האָט פאַרעפנטלעכט אין צײַטונגען אין צײַטשריפטן אַרײַן אין דעם באַנד, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון ה. לייוויק).

אויב דיכטונג בכלל איז אַ מיסטישער קוואַל, אַ געהיימער אונטערער־דישער און איבערערדישער שטראָם, איז דאָס באַזונדערס דער פאַל בײַ אַזאַ פּאַרטיפטער, אייגנאַרטיקער דיכטער־פּערזענלעכקייט ווי עס איז דער זינ־גער פון „פרילינג אין שפּיטאָל". זײַנע לידער זענען געקענצייכנט מיטן אָטעם פון תהומות — מיט דער טיפקייט פון שפּירעוודיקייט און טיפקייט פון לײַדן. ווידער דער „דנאָ" פון לעבן — קראַנקע, היימלאָזע, יתומים און הונגעריקע און אַלערליי בעלי־יסורים — איז די לאַנדשאַפט און סביבה, וועלכע ער מאָלט אָפט אַזוי אין זײַנע לידער ווי אין זײַנע עסייען. ער שרײַבט למשל, אין דעם עסיי „דיכטערישע מאָנומענטן פאַר די מיליאָנען הרוגים":

„...די שענסטע און ציטעריקסטע קינדער פון דער פּאָעזיע זענען: אָרעמ־קייט, עלנט, דערשלאָגנקייט, צער, פּײַן; זוכענישן, צווייפלען, גערעגנגלען, ביטערנישן, אַנטוישונגען, שווערע פאַרוואָגלטקייטן, טרויעריקע דערפאַ־רונגען".

אמתע פּאָעזיע איז נישט קיין צופעליק „שײַן שטימעלע", און אַוודאי

נישט קיין באַלמעלאָכישע נאָטן — ווירטואָזיטעט — הגם די טעכנישע מעלות זענען נייטיק. פּאָעזיע איז געקניפּט און געבונדן מיט דער שעפערישער פּערזענלעכקייט; ווער שמועסט נאָך בײַ אַזאַ אייגנאַרטיקן דיכטער, ווי ישראל שטערן, וועמעס לידער זענען אַ „פּירוש" אויף זײַן סודות־דיקער פּערזענלעכקייט, און זײַן פּערזענלעכקייט, די טיף־קאָמפּליצירטע, איז אַ „שיפּער־שליסל" צו זײַנע לידער. ביידע זענען פאַרבאָרגן, נחבא־אל הכלימדיק: „זאָל מײַן ליד זײַן אויף שלעסער פאַרשלאָסן. / הייליק און שטיל זאָל דאָרט זײַן, / איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר / אויב איך פיר דיך אַהינצו אַרײַן, / האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר, / זאָל מײַן ליד זײַן אויף שלעסער פאַרשלאָסן".

אין קריטישע אָפּשאַצונגען האָט מע זיך אַ סך אָפּגעשטעלט אויף שטערנס עלנטן לעבן־שטייגער גופא און זײַן „הולך"; אויף זײַן הונגערן, אָפּגעלאָזענער קליידונג, זײַן „טרעידמאַרק": דאָס קויטיקע טיכל, אַרומגעבונדן אויף דער געשוואָלענער באַק. י. ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט שטאַרק געשאַצט זײַן שאַפֿן, האָט אַפילו געשריבן, אַז ער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ישראל שטערן „קולטיווירט זײַן אָפּגעלאָזנקייט". דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען נישט קיין אויסערלעכע „פּאַראַפערנאַליע"; ער מיט זײַן מעמד און הולך איז געווען אַ סימבאָל פון חסידיש־מיסטישן ביטול היש, וואָס וויל גאָר נישט פון דער עקסיסטענץ, פון דער רעאַלער וועלט, וואָס ער, דער חסיד־מיסטיקער, באַטראַכט פאַר גאָרנישט. ער איז געווען אַן אַסקעטישער באָהעם, אַ קאָצקער דעקאַדענט וואָס האָט דערגרייכט צו אַ צושטאַנד פון מיסטיש־עקסטאַטישן טראַנס. בײַ אים וואָלט אפשר דער אויסערלעכער רייכקייט־ריטואַל, מיט אַלע זײַנע קאָנוועניציעלע „פּיטשעווקעס", גאָר געווען אַ פלעק אויף זײַן אינערלעכער נשמה־ריינקייט.

אין זײַן פּרעכטיקן ליד, „די תּפילה פון אַ מענטשן בײַ טאָג", בעט דער דיכטער:

זאָל יעדע פאַרשטעלטקייט פאַרשווינדן פון מײַן געמיט,
ווי עס שטאַרבט אָפּ די שוואַרצקייט פון אײַזן, ווען דאָס אײַזן גליט.
לאָמיך אין דײַן ברענענדיקן שײַן געלײַטערט זײַן
און זען דאָס, וואָס קיינער זעט נישט, און זען מער, ווי עס איז געשען.
לפּחות כאָטש לאָמיך אַליין אָן זינד, אָן צוים ווערן געזען.

זײַן געמיט און עמאָציע זענען געווען אין אַ כסדרדיק־צעגליטן צו־שטאַנד, אָבער די קאָנפראָנטאַציע מיט דער ווירקלעכקייט איז געווען ווי וואַסער אויף גליִענדיקן מעטאַל... אין אַ געוויסן זין איז אפשר דאָס שמו־ציקע טיכל אַרום זײַן געשוואָלענער באַק געווען אַ סימבאָלישער אַרויסרוף צו דער שמוציקער וועלט און דער פֿײַנלעכער עקסיסטענץ, וואָס פֿאַרדינט ביטול. שטערן איז געווען אַן „אַנטלויפֿער", אַ פליט פון דער „אָפּגעבערענ־טער" וועלט, אַ יתום פון דער „געשטאָרבענער" עקסיסטענץ, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין דעם רעליגיעזן גאַכטאַזיל. ער איז געלאָפן צו די „טויטע חסידים", אָבער ער איז גלײַכצײַטיק געווען אַ מענטש מיט אַ פּאָעטיש־זינלעכן טעמפּעראַמענט, און דאָס איז געווען אַן אינערלעכער קעגנזאַץ, אַ גײַסטיקער „וועקסל־שטראָם", וואָס האָט געבערענגט אין באַוועגונג זײַן קאָמפּליצירטן שעפערישן „מעכאַניזם". און וואָלט ער, לויט זײַן נאַטור און טעמפּעראַמענט, געווען אַ קאָצקער אַסקעט, וואָלטן מיר אפשר געהאַט בײַ אים מער אויפֿלייזונג אין רעליגיע, ווי דערלייזונג אין דיכטונג. זײַן דיכטע־ריש־נשמהדיקע וועלט איז געבוירן געוואָרן פון דעם עלעמענטישן „צו־זאַמענשטויס".

מענטשן, וואָס זענען געווען נענטער באַקאַנט מיט ישראל שטערנס ביאָגראַפיע, גיבן אָנצוהערן וועגן אַ גורלדיקן איבערבראָך, אַ טראַגישע ליבע־אַנטוישונג. איז דאָס אָבער באמת דער שליסל צו זײַן סודותדיקער וועלט־„אויסגעטוענקייט"? דאַכט זיך אַז גערעכט איז ה. לייוויק אין זײַן אַרײַנפֿיר־וואָרט צו ישראל שטערנס „לידער און עסייען", ווו ער שרײַבט:

„צי זאָלן מיר אָננעמען, אַז אָט די איינמאָליקע פאַרבאָרגענע איבער־לעבונג... זאָל ווערן די הויפּט־סיבה פון דעם גאַנצן... קאַטאַסטראָפֿישן מהות פון זײַן דיכטונג? מיר דאַכט זיך, אַז עס וואָלט געווען אַ טעות אַזוי צו מיינען.

„געוויס האָט די... איבערלעבונג געהאַט אַ ווירקונג אויף זײַן געמיט צו פאַרשטאַרקן זײַן דיכטערישע גרונט־טראַגיק. אָבער דער עצם־מהות פון זײַן ליד האָט געוויס געוואָרצלט טיף אין זײַן גאַנצער פּערזענ־לעכקייט"...

לייוויק, מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן טיפֿן אַרײַנבליק, געפינט די הויפּט־סיבה אין שטערנס אייגענעם טראַגישן מהות, און דאָס איז קרוב לאמת. זײַן תהומישע נאַטור איז צוגעפּירט געוואָרן שנעלער צום ראַנד פון תהומישע דערקענטענישן און צום „דנאָ" פון יש דורך אַן אינטים־

עמאַציאָנעלן קאַטאַקליזם, אָבער דער תהום און דער „דנאָ״ זענען געווען אין אים, און ער איז געווען אין זיי.

ער איז — ווי ס׳זינגט זיך אין אַ ליד פון אַן אַלטן מיסטישן דיכטער־פילאָסאָף — אַרומגעגאַנגען אַ טויטער אין מיטן פון דעם ברויזנדיקן לעבן; אַ טויטער צו די פריידן, הנאות און שטרעבונגען פון דער וועלט; אָבער אויפֿברויז און בענקשאַפט האָבן ססי ווי אונטערערדיש געריזלט אין זײַן וועזן און האָבן געשאַפן די עמאַציאָנעלע דינאַמיק.

ער האָט געהאָדעוועט אין זײַן לעבן־חורבה די שענסטע און פּאַר־ביקסטע בלומען און פלאַנצן, און דאָס גראָז אויף זײַנע לאַחר־ייאוש־רויִנען האָט טריאומפירנדיק געזונגען פון לעבן אין מיטן טויט.

*

ישראל שטערנס לידער זענען כאַראַקטעריסטיש מיט זייער ממעמקים־עקספרעסיאָניסטישן אַטעם און קאַלאָריט, וואָס דערגייט אַ מאָל צו ביזאַר־גראָטעסקער סימבאָליק, ווי „גאָלד אויף בלוט, בלוט אויף גאָלד״, וואָס גע־פינט זיך, אגב, אין צוויי פון זײַנע לידער. בכלל איז זײַן דיכטונג אָנגע־זאַפּט מיט עפּעס טראַגיש־גורלדיקס, וימש־חושכדיקס. פון הינטער די עמאַציאָנעלע הרי־חושך שיקט ער נאָך אַרויס אַ תפילה־סיגנאַל צו פּשוטער לעבנספרייד, ווי אין זײַן אויבן־דערמאָנטן ליד, „אַ תפילה פון אַ מענטשן בײַ טאָג״. עס דאָמינירט אָבער די טאָטאַלע צעבראָכנקייט, וואָס ווערט ערשט בײַ אים דער וועג צו דערלייזונג, ווי אין זײַן פּאָעמע, „אפרים גאָלדברוך״: „און אויב ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן, / וועט ער אפשר גאָט געפינען״.

אָוודאי זענען אין די לידער פאַראַן אַ סך אומפאַרשטענדלעכקייטן, און עס קאָן נישט זײַן אַנדערש, ווײַל זיי פאַרמאָגן די קאַפּריזנע פּלאַסטיש־קייט און דינאַמיק פון חלום. שטערן אַליין דעשיפרירט טיילווײַז זײַן אייגענע סודותפולע פערזענלעכקייט און פּאָעזיע. דאָס טוט ער אין דעם ליד „פּאַר נײַגעריקע״.

ווער עס פרעגט מיך ווער איך בין,\
דעם שיק איך אָפּ צו מײַנע נעכט.\
אײנע זאָגט: אַ קבר.\
קײן מצבה שטײט נאָך נישט.

ער איז שטיל אַרומגעפלויגן
ווי אַ טויב
און איז ערגעץ אײַנגעשלאָפן
ווי אַ טויב.

— — — — — — — — — — — — —

די צווייטע ענטפערט:
שטענדיק אַ פאַרליבטער,
אַ מאָל אין טאָג, וואָס איז אַוועק
אין אַ שיף מיט גאָלד אויף יענער זײַט,
אַ מאָל אין טאָג, וואָס וויגט זיך נאָך.

— — — — — — — — — — — — —

די דריטע קוקט אַראָפּ: שטיל - שטיל.
גאַסן — קראָמען —
נאָר בײַ אַ פאַרקן דאָרט ערגעץ —
קריכט עמעץ געבויגן.

דער „דנאָ" פון לעבן, דאָס טראַגישע וועלט-געפיל, איז דער אונ־טערטאָן און לייטמאָטיוו פון ישראל שטערנס מוזע. דאָס אַנטפּלעקט זיך אין אַלע זײַנע לידער, וואָס זענען פול מיט טיפע אַנונגען פון חורבן. באַזונדערס האַרמאָניש, דורכגעדרונגען מיט אַ ווילדער שיינקייט זענען אַ טייל פון זײַנע לידער, ווי „פרילינג אין שפּיטאָל" און „פאַרנאַכטן", וואָס געהערן צו די שענסטע אין דער יידישער פּאָעזיע:

איז אַ וווּנדער, אַז די קראַנקע זענען לויטערע און צאַרטע
און פאַרקוקטע ערגעץ ווײַט ווײַט און זעען דאָס, וואָס קיינער זעט נישט,
ליגן שפּעט בײַ נאַכט און שמייכלען אין דער פינצטערניש אַרײַן,
און די בעטן גלעטן זיי פאַר פרייד, ווײַל ס׳ווערט זיי קלאָר אַ רעטעניש!

דאָ זענען הערצער אײַנגעבויגן, פאַלן ווי טעג בײַם אונטערגיין,
נאָר שיין איז דאָ דער אונטערגאַנג: מ׳פאַלט אין זײַדענער טונקלקייט.
יעדער איינער ווערט ווי ווײַטקייט, אַלע מענטשן זענען שטילקייט,
און אין דער שטיל טוט אַזוי וויי: דאָ איז שטענדיק מנחה־צײַט — —

אַ וועלט מיט טראַגישער שיינקייט לײַכט אַרויס פֿון ישראל שטערנס שפּיטאָל־לידער, וואָס פֿאַרכישופֿן מיט זייער ווונדערלעכער מוזיקאַליש־קייט, טיף־לויטערע זעונגען און סימבאָלן. סע וועט אפשר נישט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אויב דער דאָזיקער דיכטער און זעער וואָלט אָנגעשריבן נאָר דעם „פֿרילינג אין שפּיטאָל”, און „פֿאַרנאַכטן”, וואָלט ער אַרײַן אין דער יידישער ליריק ווי איינער פֿון אונדזערע טיפֿסטע און לויטערסטע פּאָעטן.

*

ישראל שטערן איז אויך אַ שעפֿעריש־אָריגינעלער און גײַסטרײַכער עסייִסט, הגם אין די עסייען איז פֿאַראַן אַ מאָל אַ שמץ מליצה, ווי י. ראַ־פּאַפּאָרט האָט ריכטיק באַמערקט אין זײַן שטערן־עסיי. גראָד האָלט איך נישט אַז זײַן באַרימטער עסיי, „קרוינען צום קאָפּ פֿון דער יידישער קריטיק” איז טאַקע אַ קרוין... צו זײַן עסייאיסטיק. פֿאַראַן דאָרט אַן אוצר פֿון שיינע געדאַנקען, שאַרפֿע אַנאַליזן און גײַסטרײַכע וואָרט־אילו־מינאַציעס, אָבער אין גאַנצן גענומען, האָט מע פֿון דער דאָזיקער אַר־בעט דעם אײַנדרוק ווי פֿון אַ שיינעם זאַל, וואָס איז צו־פֿיל אָנגעפּאַקט מיט מעבל, טאַקע שיין מעבל, אָבער מען קאָן זיך נישט — צוליב דעם — קיין ריר טון...

פֿאַראַן בײַ אים אַ צאָל ווונדערלעכע דיכטעריש־פֿילאָסאָפֿישע עסייען, ווי „ברויט און פּאָעזיע”, „דער ווײַסער פֿלעק אויף דער וואַנט”, „דיכטונג, לעבן און איבערלעבן” און אַנדערע, וואָס זענען גרויס אין זייער קאָנ־דענסירטער, האַרמאָנישער פֿאַראייניקונג פֿון שאַרפֿן אַנאַליז און פּאָע־טישער שטימונג. זיי געהערן צום קאָלעקציע־אוצר פֿון די אייגנאַרטיקסטע און באַהנטסטע יידישע עסייען — פֿון צווישן די עסייען פֿון איציק מאַנגער, משה נאַדיר, ישראל ראַבאָן און אַנדערע געצײלטע קינסטלער־עסייִסטן.

ישראל שטערן, דער קריטיקער־עסייִסט, לײַכט און שימערירט מיט געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע ברילִיאַנטן אין אַזעלכע פּראַכטיקע מיניאַ־טורן, ווי די עסייען וועגן שלום־עליכם, וועגן משה נאַדיר, י. מ. ווײַסענ־בערג און אַנדערע. אין זײַנע אָפּשאַצונגען האָט דער פֿײַנער קריטיקער ישראל שטערן אונדז געגעבן אַ טיפֿן אַנאַליז וועגן די שעפֿערישע פּער־זענלעכקייטן און זייערע קינסטלערישע קענצייכנס. ווען ער שרײַבט וועגן

נאַדירן, אַז „אַמטיפסטן גראָבט ער, ווען ער באַגראָבט״, האָט ער געגעבן דעם בעסטן, גרינטלעכסטן פּירוש אויף תורת משה נאַדיר, על רגל אחת...

אין זײַן, ווײַסענבערג־עסיי שרײַבט ישראל שטערן:

„מ׳וואָלט עס געקאָנט אַזוי זאָגן: „שוואַכערע שרײַבער דאַווענען שטענדיק מיט מנין; אָריגינעלע דיכטער דאַווענען ,פאַר זיך׳: אַ קלאַסיקער שעפּטשעט אַ תפילה, וואָס קיינער ביז אים האָט זי נישט געזאָגט...

„וואָס איז דאָס נײַע, וואָס ווײַסענבערג האָט געליפערט? איך מיין, אַז ווײַסענבערג האָט דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם געשריי, די ליאַרעמדיקייט פון זײַנע העלדן; נישט בלויז מען הערט זיי, נאָר דורך דעם געפּילדער זעט מען זיי״...

דאָס איז אַ ריכטיקע באַצייכענונג פאַר ווײַסענבערגס טיפן־אוניווערס, הגם שטערן ווײַזט אויך אָן אויף דער שטילקייט, וואָס קומט צום סוף צו די העלדן. פּאַקטיש איז ווײַסענבערג אויך דער מײַסטער פון געשטאַלטיקן שטילקייטן —ערב־שטורעמדיקע און אידילישע— און זײַנע העלדן זענען אין דער פּאַזע פון שווײַגן נאָך דראַמאַטיקער און פול מיט עלעמענטאַרער גבורה, ווי אין זייערע געשרייען.

*

עכטע, פול־בלוטיקע ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן אין זיך עלעמענטן, וואָס באַשיצן זיי קעגן דעם „צאָן פון דער צײַט״ און קעגן די קאַפּריזנע וואַקלונגען פון דעם צײַטגײַסט און זײַנע וועטער־הענדלער... זיי זענען און בלײַבן שטענדיק פריש דורך דער טיפקייט פון דעם מחברס איבערלעבונג, זײַן פאַרשאַרפטע סענסיטיווּיטעט, בליציק־אינטויטיווע עקספּרעסיע און פּאָעטיש־לײַכטנדיק געמיט, וואָס שימערירט אין אומענדלעכע חן־וואַריאַציעס.

ישראל שטערן, דער פּאָעט פון טראַגישן גורל, פון כסדרדיקע תהום־עקסקורסיעס, איז אויך געווען באַשאָנקען מיט די אַלע מעלות, פּליוס אַן אייגנאַרטיק־לויטערן הומאָר, וואָס צעשטראַלט זיך אָפט מיט גאָלדענע פּאַסן דורך די שוואַרצע וואָלקנס פון זײַן פּאַטום־האָריזאָנט.

ז. סעגאַלאָוויטש,
דער דיכטער פֿון שטילקייט

מיטן טויט פֿון ז. סעגאַלאָוויטש, אין 1971, איז אַוועק איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן און פֿאַרביקסטע דיכטער־געשטאַלטן פֿון דער ליטעראַרישער סביבה. זעלטן ווער פֿון די ייִדישע שרײַבערס איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין אַלע ייִדישע לייענער־קרײַזן אין פֿאַר־חורבנדיקן פּוילן, ווי סעגאַלאָוויטש. פֿאַר דעם קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט ליטעראַרישן שאַפֿונגס־פּעריאָד, האָבן זײַנע ווערק — אין פּאָעזיע און אין פּראָזע — גע־וווּנען דעם ברייטן ייִדישן לייענער־עולם: די יוגנט, די פֿרוי, ווי בכלל דעם פֿאָלקס־מענטש. סעגאַלאָוויטשס צוציִונגס־קראַפֿט איז געווען אַ דאָפּלטע: אַ פּערזענלעכע און אַ ליטעראַרישע. זײַן פּערזענלעכקייט און לעבנס־סטיל האָבן אַנטשפּראָכן דעם אידעאַל פֿון אַ שרײַבער, ווי עס האָבן אים זיך פֿאָר־געשטעלט די גראָע לייענער־מאַסע: אַ ראָמאַנטיש יום־טובדיקן טרובאַדור און לירישן אַפּאָסטאָל פֿון דער אייביקער, דיכטעריש־באָהעמישער דרײַ־אייניקייט: „ווײַן, ווײַב, געזאַנג”. אויב סע גייט וועגן באָהעמישקייט, דער „קינסטלערישער ציגאַנעריע”, איז סעגאַלאָוויטש געווען דער פּערפֿעקטער טיפּ פֿון אַ קולטורעלן וואַגאַבונד, אַ וואַגאַבונד מיט דער פּעדאַנטיש־גע־פֿלעגטער אויסערלעכקייט, אַפֿילו מיט עלעגאַנץ. זײַן שטילע איינזאַמקייט האָט זיך ערשט בולטער אָנגעזען אויפֿן פֿאָן פֿון דער אַרומיקער טומלדיקער וואָכעדיקייט. און זעענדיק טייל מאָל אים שפּאַצירן אויף דער רוישיקער פּיאָטרקאָווסקע גאַס אין לאָדזש, אָדער מאַרשאַלקאָווסקע אין וואַרשע, האָט זיך געדוכט, אַז דער פּאָעט פֿון דער שטילקייט און פֿאַרחלומטקייט איז דאָ

געקומען בלויז ווי אַן אַרויסרוף צו דעם גרילצנדיקן און געמיטלאָזן האַר־מידער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ דיכטער־פיגור, וואָס האָט מיט זײַן פּערזאָן און לעבנס־סטיל „געוועבט אַ לעגענדע", איז אַליין פון פאָלק אַרומגעוועבט געוואָרן פון דער דאָזיקער לעגענדע. ער האָט יום־טובדיק אַרײַנגעשטראַלט אין אָרעמע שטובן און אין רײַכע סאַלאָנען, צו אויפוואַכנדיקער יוגנט, גע־לאַנגווײַליקטן בירגערטום און סתם פאָלקס־מענטשן.

אויך סעגאַלאָוויטש — דער שריפטשטעלער — האָט „גערעדט" צום ייִדישן מאַסן־לייענער. דער פּשוטער לייענער, וואָס האָט נישט געהאַט די באַדערפעניש פאַר באַרג־שווערער פּראָבלעמאַטיק און האַר־שפּאַלטנדיקער אַנאַליטיק, האָט זיך ווידער געפונען מיט אַלע זײַנע טרוימען און גײַסטיקע באַגערן אין די ווערק פון סעגאַלאָוויטש.

דער זינגער פון „קאַזשימיעזש" האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור דעם קלאָריט און ריח פון דער נאַטור, די גאַנצע עשירות און פאַרבן־פּראַכט פון אירע נאַטור־סעזאָנען און די שטילע שפּראַך פון וואַלד און פעלד.

דער „מה נאה אילן זה", וואָס סעגאַלאָוויטש האָט קינסטלעריש „מתּיר" געווען, די נאַטור־לאַנדשאַפט און פלאָרע, זענען נישט געווען בײַ אים קיין קאָנווענציאָנעלער רעקוויזיט, קיין ליטעראַריש־דעקאָראַטיווער הילפס־מיטל. ער, דער אידילישער דיכטער, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער שטאָט, פון איר קינסטלעכער סתּירותדיקייט און פּראָבלעמאַטישן „נאָרדישן קנופּ", האָט אים, דעם קנופּ, איבערגעשניטן און זיך ווידער געפונען אין דער צויבער־פולער און פאַרביקער וועלט פון דומם און צומח. ער האָט קולטיווירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור שימערירנדיקע בײַטן פון רויזן, היאַצינטן, נעל־קען, נאַרציזן און „נישט־פאַרגעס־מיך"־בלימעלעך.

דער טיפּזיניקער אהרן צייטלין זאָגט ערגעץ אין אַ ליד:

האָט זיך יעדער דיכטער זײַן פּערז.

מען קען אויך זאָגן: יעדער דיכטער האָט זיך זײַן גראַם. סעגאַלאָוויטש איז געווען אַ דיכטער, וואָס האָט געגראַמט „אמת" מיט „בריזאַנטעמעס". זינגט ער דאָך אין אַ ליד:

אין אונדזער וועלט פון גאָלע שקר,
איז פאַראַן נאָר איין שטילער אמת:
דאָס זענען בלייכע אַנעמאָנען
דאָס זענען ווייַסע כריזאַנטעמעס.

(ציטירט פון זכרון)

עס איז, נאַטירלעך, צווייפלהאַפט, צי אין דער וועלט איז פאַראַן נאָר און בלויז דער „אמת פון כריזאַנטעמעס"; זיכער איז אָבער, אַז ביי סעגאַלאָ־וויטשן איז דאָס געווען דער איינציקער „שטילער אמת".

אויב סעגאַלאָוויטש, דער פאַרבענקטער אידיליע־דיכטער האָט אין זיינע לידער געגעבן די אומשולדיקע ווייסקייט און טרוימערישע בלאָקייט פונעם דיכטערישן געמיט אויף דעם דאָמינירנדן פאָן פון ווייסע און בלאָע צאַרטע צמחים, אויף דעם פאָן פון דער נאַטור־אידיליע, האָט ער אין זיינע לירישע פראָזע־שאַפונגען געגעבן די מענטשלעכע אידיליע. די לעצטע איז געשילדערט אין סעגאַלאָוויטשס ראָמאַנען אויף אַ ווייט נישט אידילישן פאָן: די רוישיקע, ליאַרעמדיקע און וואָכעדיקע קליינבירגער מיט זייערע גראָע זאָרגן און קליינע השגות.

דער „אייביק איינזאַמער" העלד פון זיינע ראָמאַנען — דער פּראָטאָטיפּ פון זייער מחבר — דערגרייכט די האַרמאָנישע אידיליע דורך אָפּגרענעצן זיך פון די אַלע פלאָנטערס מיט אַן אידילישער איינזאַמקייט, צו וועלכער ער קומט ענדלעך נאָך אַלע ראָמאַנטישע „צווייזאַמקייטן", אַזוי צו זאָגן.

עס איז פשוט מקנא צו זיין דעם דיכטער פון די „ראָמאַנטישע יאָרן", פאַר זיין פאַרליבטקייט אין דער אייגענער איינזאַמקייט, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון נאַרציס' פאַרקוקן זיך אויף זיך גופא.

און מקנא זיין אים איז געווען דערפאַר, וואָס זיין איינזאַמקייט איז נישט געווען קיין מיזאַנטראָפּישע, סטערילע; זיין יחידישקייט איז געווען אַ פּרוכטיקע, אויך אויסגעהאָפטן מיט געשטאַלטן פון פאַנטאַזיע און בענק־שאַפט.

אַ גרויסער דיכטער האָט אַ מאָל געשריבן: „ווער ס'קען נישט באַפעל־קערן זיין איינזאַמקייט, קען נישט זיין איינזאַם צווישן דער מאַסע". ז. סע־גאַלאָוויטש האָט זיין איינזאַמקייט „באַפעלקערט" מיט צאַרטע טרוימען, בלומען און פיינע פרויען־געשטאַלטן.

*

די לעצטע וועלט־מלחמה, וואָס די מאָדערנע באַרבאַרן האָבן פונאַנדערגעפלאַקערט, האָט נישט בלויז חרוב געמאַכט און פאַרברענט מענטשן און הײַזער, נאָר אויך געשענדט אַל דאָס הייליקע און אומבאַרירלעכע אין דעם קדשי הקדשים פון מענטשלעכע אידעאַלן און גרונדזעצלעכע פּרינציפּן. דער לירישער און צאַרט־אידילישער סעגאַלאָוויטש האָט אויף זײַן אייגענעם אופן איבערגעלעבט די געטאָ־ און לאַגער־גסיסה און איבערגעטויט, אַזוי צו זאָגן, אין זיך און אין זײַנע קינה־לידער, די אומענדלעכע און נאָמענלאָזע טויטן פון דעם קאָלעקטיוון יידישן מאַרטירער.

אויך איצט, ווען ס׳איז נישטאָ מער נישט דאָס פאָלק און אַוודאי נישט די אידיליע, איז סעגאַלאָוויטש געבליבן — ער. אָ שטילער אָבער כראָנישער ווייטיק פון זײַנע בלחשדיקע און באַשיידענע פערזן אין זײַנע חורבן־לידער.

ער קלאָגט:

„...די קאַבראַ ווערט מילד פון נגינה,
דער מענטש בלײַבט מיט מאַצאַרט אַ חיה

(„דאָרטן”)

איינזאַם שוין — אין פיזישן זין פון וואָרט — ווענדט זיך סעגאַלאָוויטש צו זײַנע גײַסטרײַכע און שאַרפזין־בליצנדיקע פרײַנד:

בראָדערזאָן משה! חבר פון שמועס און פון ליד,
ווּ נעמט מען דיך איצטער... סאָרווער פון פײַנסטן געמיט,
מען זאָל זיך צוזאַמען באַהאַלטן אין ווײ,
אַז קיינער זעען זאָל, ווי דיכטערס צעוויינען זיך צווײ.

*

אין איינעם פון זײַנע אַכט־שורהדיקע לידער „געווידמעט קלאַרען”, גיט ער איבער, אויף זײַן אוממיטלבאַר־האַרציקן שטייגער, דעם „באַרג־חורבן” וואָס האָט צעדריקט זײַן צאַרטע, לירישע האַרפע:

אַ נאַכט איבער מיר, וועלכע בעט זיך צו בענטשן,
אַ שטילקייט, וואָס וועבט פֿון מנוחה געמיט...
ווען נישט די פֿאַרשאָלטענע מעשׂים פֿון מענטשן,
וואָלט איצט געבוירן געוואָרן אַ ליד.
איך רוק זיך אַרײַן אין אַ ווינקל פֿון גאַנעק.
אַ חושך אין האַרצן, אַ חושך פֿאַרויס...
די שטערן באַלײַכטן די וועלט פֿון מאַידאַנעק
און פֿרעג זיי, און רייד מיט די שטערן זיך אויס.

*

טרויעריק. נישטאָ מער זוסמאַן סעגאַלאָוויטש.

אַוועק פֿון דער „מאַידאַנעקישער וועלט" אַ שטילער, צניעותדיקער דיכטער, אַ זעלטן שיינער מענטש פֿון „פֿאַרן מבול", איינער פֿון די שעפֿער פֿון מאָדערנעם יידישן קולטור־רענעסאַנס. לאָמיר היילקן זײַן אָנדענק מיט שטילקייט.

הערש וועבער

ווען מײַן אומפֿאַרגעסלעכער חבר, דער דיכטער מישאַ טראָיאַנאָוו איז צוריקגעקומען קיין לאָדזש פֿון אַ באַזוך אין קראָקע, האָט ער מיט גרויס באַגײַסטערונג מיר דערציילט וועגן הערש וועבערן. טראָיאַנאָוו איז געוועזן אַ דיכטער מיט טיפֿער אינטויִציע און וויזיע. ער האָט געהאַט דעם כּוח צו דערזען שיינקייט און אָריגינאַליטעט. ווען ער האָט דאָס געפֿונען איז ער געוואָרן זייער באַגײַסטערט, טאַקע עקזאַלטירט. נו, איז דעמאָלט זײַן התפּעלותדיק דערציילן — ווי זײַן שטייגער אין אַזעלכע פֿאַלן, מיט אַ טיף גערירטער שטים און הענט ווי שוועבנדיקע פֿליגלען — פֿאַר מיר געווען סטימולירנדיק צו ווען באַקענען און דערקענען אָט דעם אינטערעסאַנטן מענטש.

מײַן ווונטש איז דערפֿילט געוואָרן אין אַ צײַט שפּעטער, אין 1938, ווען איך האָב אָנגעהויבן אַ טור איבער גאַנץ גאַליציע אין די ענינים פֿון זשורנאַל „אות”.

דאָס איז געווען אין חודש מײַ, אין אַ פּרעכטיק צעבליטן פֿרילינגטאָג, ווען איך בין אָנגעקומען אין דער באַרימטער היסטאָרישער פּוילישער הויפּט־שטאָט, ד י שטאָט מיטן אַלטן פּוילישן קעניגלעכן שלאָס וואַוועל, וואָס איז דאָס גלײַכן דער פּוילישער „וועסטמינסטער עבי” און „לוווּר”, וווּ ס׳איז אָנגעזאַמלט און אויפֿגעהאַלטן די אַמאָליקע גלאָריע פֿון פּוילן. אַ שטאָט — אַ לעגענדע, אָנגעהויכט מיטן אַראָמאַט פֿון אַ הערלעכער פֿאַרגאַנגענהײַט; מיט יאָרהונדערטער־אַלטע אוניווערסיטעטן און

אַנדערע העכערע לערן־אַנשטאַלטן. די דעכער פון די מיטלעלטערלעכע שלעסער און קלויסטערס זענען געווען פול מיט גרינע פלעקן — די חן־פינטעלעך פון דער פאַרציַיטישקייט. אין ייִדישן לעבן — די טראַדיציע פון גרויסע רעליגיעזע פערזענלעכקייטן און ישיבות. צו דער ראָמאַנטיק פון רומפולן היסטאָרישן עבר איז נאָך צוגעקומען די געמיטלעכקייט, דער באַזאַכטער, האַלב־פאַרשלאָפענער ריטעם פון דער דאָזיקער ווונדערלעכער שטאָט. דערצו נאָך האָט דער מילד־וואַרעמער פוילישער פרילינג אַלץ איַינגעהילט אין זונשיַין, מיט לינדע ווינטן, דורכגעבשמימטע מיט פאַרשי־כורנדיקן ריח פון בעז.

איך האָב אויפגעזוכט וועבערן, וואָס האָט מיך אויפגענומען אויסער־געוויינטלעך האַרציק און חבריש. ער האָט דעמאָלט שטודירט מאַטעמאַטיק אויפן קראָקעווער אוניווערסיטעט מיט דער הילף פון אַ רעגירונגס־סובסידיע. גלײַכצײַטיק האָט ער שטודירט אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע. — אַז אַ ייִד, צו יענער צײַט, זאָל קריגן אַ סטיפּענדיע פון דער פוילישער רעגירונג — איז דעמאָלט טאַקע געווען איַינצושריַיבן מיט „גרינעם קרייד”. ה. וועבער האָט מיר אויך געהאָלפן אין מיַין שליחות און כמעט יעדן פאַר נאַכט— אין משך פון די צוויי וואָכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין שטאָט — איז ער געקומען אין מיַין האָטעל־צימער אָדער אין אַ קאַפע, ווו מיר האָבן אָפּגעשטימט זיך צו טרעפן. מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע אָוונטן אין אַ קאַפע, ווו עס פלעגט זיך צוזאַמענקומען די קראָקעווער ייִדישע אינטעליגענץ: שריַיבערס (אויך אין פויליש), קינסטלערס און סתם קולטור־מענטשן. טייל מאָל פלעגן מיר שפּאַצירן לענגויס די באַרימטע „פּלאַנטן”. מיר איז נאָך פאַרבליבן אין זכרון אַ סך פון אונדזערע געשפּרעכן בעת די שפּאַצירן, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט; נישט אָזוי פיל דער איַנהאַלט פון די שמועסן, נאָר זייער אַראָמאַט. דאָס זענען געווען האַרציק־אינטימע חברישע געשפּרעכן אויף ליטעראַרישע און אַל־געמיינע קולטור־טעמעס. וועבער איז ווי אַן ערודיט געווען אַ „בור שאינו מאבד טיפּה”. ווי אַ מענטש מיט אַקאַדעמישער בילדונג, באַזונדערס אין הומאַניסטישע וויסנשאַפטן האָט ער אַרויסגעוויזן גאָר ברייטע און טיפע ידיעות אין ים הליטעראַטור. ער איז אָבער אויך געווען אַ שעפערישער מעין המתגבר פון אינטויציע, שאַרפזין און גײַסטרײַכקייט. אויב מען זאָל באַנוצן דעם אויסדרוק מרגליות מפומיא, פּערל אין זיַין מויל — וועט

דאָס נישט זײַן קיין מליצהדיקע גוזמא. צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען דאָס פּערזענלעך סימפּאַטישע, די האַרציקע באַציִונג, די פרײַנטלעכקייט, חברישקייט פון אַ פײַנפילנדיקן קינסטלער און געלערנטן.

*

הערש וועבער איז דעמאָלט געווען אַ יונגער מאַן אין די סוף צוואַנציקער. ער האָט געהאַט אַ זייער סימפּאַטיש פּנים מיט רעגולערע אידעלע שטריכן. זײַנע בלאָ־גראָע אויגן האָבן אַרויסגעיומטובט אויף אונדזער בידנע וועלטל, צעשמייכלטע מיט דער גראַציע פון פּאָעזיע און פינקלדיקע מיט שאַרפזיניקן בליק. ער פלעגט רעדן מיט אַן אָנגענעמער מעלאָדישער שטים — און דאָס וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען נישט ווייניקער מעלאָדיש און אָנגענעם. ער האָט נישט בלויז, ווי אַ געבילדעטער מענטש, געוווּסט אַ סך, — ער האָט אויך געקענט אַ סך; אַן אינטערעסאַנטער, צו־זאַגנדיקער דיכטער, אַ זעלטן באַגאַבטער עסייִסט, אַ קינסטלער און מאַ־טעמאַטיקער. ווי האָט ער געקענט אויסטראָגן די גוואַלטיקע גײַסטיקע און פיזישע אָנשטרענגונגען צו זײַן אַקטיוו שעפעריש אין אַזוי פיל געביטן? זײַנע אויגן־לעדלעך זענען געווען אַ ביסל רויטלעך, פאַרשטענדלעך — פון פאַרטיפן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין די אומצייליקע וויסנ־שאַפטלעכע און קינסטלערישע ווערק. עס איז געווען מערקווערדיק, וואָס זײַנע גרויסע אָנשטרענגונגען האָבן אים נישט „אַרויסגעפירט פון די כלים". ער האָט שטענדיק אָנגעהאַלטן זײַן מזוג־טוב און גוטמוטיקייט, הגם ווי אַ קריטיקער פון קולטור און לעבן, האָט ער דאָ און דאָרט, פון צײַט צו צײַט, גאַנץ נעגאַטיוו אָפּגעשאַצט מענטשן און דערשײַנונגען.

בײַם אָפּפאָרן פון קראָקע האָט זיך דער טײַערער חבר וועבער האַרציק געזעגנט מיט מיר און מיך געבעטן אים באַזוכן — בעת מײַן געפּלאַנטן טור איבער גאַליציע — אין זײַן היים־שטעטל יאַסלאָ, וווּהין ער וועט קומען אויף די זומער־וואַקאַציעס. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אין אויגוסט, איז מיר טאַקע אויסגעקומען דורכצופאָרן יאַסלאָ. וועבער האָט מיך אויפגע־נומען ממש ברידערלעך. איך בין געווען זײַן גאַסט. עס רעדט זיך בלויז אַזוי, „זײַן" גאַסט. סך הכל איז ער געווען צו גאַסט אין דער היים פון זײַן ברודער, אַ קצב פון פאַך. אין שטוב זענען אויך געווען צוויי שוועסטער,

מיידלעך אין די אָנהייב צוואַנציקער. אויך מײַן וויזיט אין דעם קליינעם שטעטל יאַסלאָ איז געוואָרן פאַר מיר אַ טײַערע דעראינערונג צוליב דעם רייץ פון וועבערס פערזענלעכקייט און דער גראַציעזקייט פון זײַן חברי־שער באַציונג. אויך זײַן פײַנע פאַמיליע האָט אַרויסגעוויזן אמתע גאַסט־פרײַנטלעכקייט. וועבערס שמועסן מיט אַ חבר איז געווען אַ גערעדטער קינסטלערישער עסיי. סײַ דער אינהאַלט און סײַ די פאָרעם זענען גע־ווען אויסגעצייכנט. ער האָט זיך אויך באַצויגן מיט אינטערעס צו מײַן נאָר וואָס דערשינען לידער־זאַמלונג „נאָקטורנס". ער האָט אַפילו געצייכנט אַ בילד פון מיר. עס האָבן אים אינטערעסירט, ווי ער האָט געזאָגט, מײַנע אויגן, אין וועלכע ער האָט געפונען „שאַרפזין און פאַרלוירנקייט". איך דערמאָן זיך דעם אומגעהײַער שטאַרקן אײַנדרוק פון אַן עסיי, וואָס וועבער האָט פאַר מיר געלייענט. איך געדענק שוין נישט נאָך אַזוי פיל יאָרן, דעם טיטל און אינהאַלט פון דעם עסיי, אָבער איך דערמאָן זיך, אַז ער האָט געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינטלעכן רושם פון טיפקייט און פאָרעם־ראַפינירטקייט, ווי די שאַפונגען פון דעם זעלטענעם פראַנצויזישן דיכטער און עסייִסט, פאָל וואַלערי. אַ מאָדנער פּרט איז אויך געווען וואָס וועבער איז ווי וואַלערי, געווען אַ באַגאַבטער מאַטעמאַטיקער.

איך האָב דעם גלענצנדיקן עסיי מיטגענומען פאַרן זשורנאַל „אות". אָבער לײדער איז דער זשורנאַל „אות", צוליב דער בהלהדיקער שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, אונטערגעגאַנגען.

איך האָב, אַוועקפאָרנדיק פון יאַסלאָ, זיך גאָר האַרציק געזעגנט און זיך צעקושט מיט אָט דעם זעלטענעם מענטש, קינסטלער און געלערנטן, דעם „וועבער פון פאַרבן און קלאַנגען", לויט מישאַ טראַיאַנאָווס געלונגע־נער באַצייכענונג.

מיט אַ קורצער צײַט שפּעטער איז אויסגעבראָכן די מלחמה, און הערש וועבער האָט געטיילט דעם טראַגישן גורל פון פוילישן ייִדנטום.

וועבער האָט דעביוטירט אין מאַנגערס „געציילטע ווערטער" (קראָקע, 1930). ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט שאַפונגען אין זאַמלבוך „צו־שטײַער" (לעמבערג, 1930), אין „ליטעראַרישע בלעטער" און „פאָלקס־צײַטונג". עס זענען געבליבן פון אים עטלעכע לידער אין דער אַנטאָ־לאָגיע „דאָס ליד איז געבליבן" (צוזאַמענגעשטעלט פון בונעם העלער)

און אין „די גאָלדענע פּאַווע" („דהי גאָלדן פּיקאָק"), אַן ענגלישע אַנטאָ־לאָגיע פון יידישע לידער, צוזאַמענגעשטעלט פון י. לעפטוויטש.

בעת דעם נאַצי־חורבן איז ער געווען אין יאַנאָווער געטאָ, שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין דראָהאָביטש און דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן פון די היטלער־רוצחים אין יאָר 1943.

*

אַ נאָמען אַזאַ — הערש וועבער: וויפל חן, פּראַכט, גראַציע און קענטע־ניש האָט אָט דער זעלטענער קינסטלער מיטגענומען מיט זיך!

און אין דעם זין וועט דאָ אַוודאי נישט זיין קיין גוזמא, נאָר אַ פּאַסיקע באַצייכענונג — דער לאַטייַנישער זאָג: „אַזוי גייט אַוועק די הער־לעכקייט פון דער וועלט"!

יעקב פרידמאַן,
דער אַצילותדיקער זינגער און זעער

מיטן טויט פון יעקב פרידמאַן האָבן מיר פאַרלוירן איינעם פון די עכטסטע און פײַנסטע ייִדישע פּאָעטן, וואָס האָט אונטער זײַן דורכשײַנלעך־קלינגענדיקן נאָמען „באַהאַלטן" אוצרות פון זעלטענער גײַסטיקער שיינקייט.

איך האָב געלייענט זײַנע צוויי לעצטע לידער־זאַמלונגען — „די לעגענדע נח גרין" און „ליבשאַפט" און כ'האָב געפילט דעם פלאַטער פון דעם רוח השירה, דעם הויך פון אָריגינעלער פּאָעזיע, פון דער קוואַליקער לויטערקייט, וואָס איז פרײַ פונעם הויך־טרומייטערטן „צײַטגײַסט".

אין זײַן כמעט אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „אַ פּאָעט אין אַ מעברה", זינגט ער: „מײַנע לידער זענען אַלטמאָדיש. עס פעלט זיי דער קלאַנג פון צוואַנציק־יאָרהונדערטיקן מעטאַל"... דאַכט זיך, דווקא דאָס מאָדערנע מעטאַל האָט אָפט אַ בלעכענעם קלאַנג; די ווערסיפיצירטע קאַקאָפאָניעס, וואָס ווערן אונדז טייל מאָל אונטערגעטראָגן אין דער פאַרגילדטער פאַרפּאַקונג פון מאָדערניזם, זענען עדות אויף אַ „בלינד געסל" פון אַפּאָעטישע אומגעגראַמטע און אומבאַטעמטע זאָגענישן, אין וועלכע די נאָכמאַכערישע „הײַנטצײַטיקייט" האָט זיך אַליין פאַרטריבן. ס'איז דעריבער אַ גרויסער נחת רוח צו הערן — אַנשטאָט דער בלעכענער „מוזיק" — דאָס עכטע געזאַנג, אַפילו ווען ס'איז „אַלטמאָדיש".

פאַקטיש איז יעקב פרידמאַן, אין תוך, ווײַט צו זײַן אַלטמאָדיש, הגם

דאָ און דאָרט קאָן מע געפינען אין זײַן פּאָעטישער רעקוויזיטן־קאַמער אַן אָפּגעבליאַקעוועטן פּאַרגלײַך און מעטאַפאָר פון דער פּאַסטאָראַלער סביבה. ער איז אַן עכטער, לויטערער פּאָעט — און ממילא קאָן ער נישט זײַן אַלטמאָדיש, נאָר אַלט און נײַ אין דער זעלבער צײַט, ווי עס זענען די נאַטור־כוחות; אין זיי איז שטענדיקע קאָנטינויִטעט און באַנײַונג.

יעקב פרידמאַן — אַ גאָלדן רינגל אין דער שלשלת היוחסין פון דורות רביים (אַ זון פון מילניצער רבין און אַן אוראייניקל פון לעגענ־דאַרן ר׳ ישראל ריזשינער) — האָט אין זײַן שאַפן אַרײַנגעבראַכט דעם קלימאַט פון רוחניות און קדושה; זײַן דיכטונג איז דערצו נישט קיין אַבסטראַקטער פּיוט, נאָר לעבט און באַווירקט אַ דאַנק איר אָנגעזאַפּט־קייט מיט חנען פון דער שיינקייט, וואָס שלאָגט זיך דורך ווי אַ זינגענדי־קער אונטערערדישער קוואַל צו דער זוניק־צעבלויטער יום־טובדיקייט.

אין דער דערמאָנטער פּאָעמע דערציילט דער מעברה־אײַנוווינער, אַז „די זון האַמערט אויס אין בלעך פון מײַן צריף אַ סטאַדע גאָלדענע הירשן". וועט דערויף אפשר ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז בלויז די צוויי שורות דערציילן אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גרויסן פּאָעט. דאָס ליד וועגן דער מעברה איז אַוודאי וווּנדערלעך על פּי פּשט — דעם בילד פון דער שיינקייט, ווי זי איז פאַרקערפּערט אין דעם פּאָעט און דעם מיידל, און דעם גינגאָלד פון איבערלעבונג און אימאַגינאַציע, וואָס בליט אַפילו אין דער סביבה פון בלעכענעביידלעך; דאָס איז אָבער — ווי דערהויבענע פּאָעזיע בכלל, סימבאָליש. געטראַכט פון יעקב פרידמאַנען דאַרף מע זאָגן אַז ער איז דער פּאָעט פון דער דירת עראי, אין וועלכער ער פירט אונדז אַרײַן בײַם שילדערן די מעברה. ער ברענגט אונדז אַרײַן אין אַן אַטמאָספער צווישן סוד און פאַרהוילנקייט. די בלעכענע עקסיסטענץ פון דער מעברה איז אפשר דער סימן מובהק פון דעם וואָס האָט זיך גורלדיק פערזאָניפיצירט ווי די „אָרעמסטע קראָפּעווע צו זייגן זײַן האָניק" (פון לעבן).

יעקב פרידמאַן איז אַ זעלטענער דיכטער פון אַ פאַרנעמיקן דיאַפּאַזאָן. טעמאַטיש איז ער ליריש אינטראָספּעקטיוו, וואָס גראָבט אויס שימערירנ־דיקע אײדלווערטער פון זײַנע רײַכע נשמה־טיפן: אַ געבענטשטער עפּיקער, וואָס האַמערט אויס געשטאַלטן אין זײַן מחיהדיק, זינגעוודיקער זאָגעריש־

קייט און דערציילערישקייט („יונתן" און אַ סך אַנדערע); אַ באַלאַדיסט, וואָס כישופט אויס פּאַרפּלאָסענע לאַנדשאַפטן און זיימט זיי אַרום מיטן מיטישן און בליציקן „אור החשמל" פון וויזיע, ווי די פּאָעמע „מלכות" (וועגן זײַן עלטער־זיידע, דעם ריזשינער צדיק, וועמעס גאָלד־לוקסוס איז גע־ווען אַ משל און אַ „שילד" פאַר הייליקייט און מסירת נפש). זײַנע עפּיש־לירישע שאַפונגען אַנטהאַלטן אויך אבנים טובות פון טראַגישער צעזונ־גענקייט, ווי עס איז די פּראַקטיקע פּאָעמע „סיאַמקע", וועגן דעם זיבעצן יאָריקן סאָוועטיש־ייִדישן פּאָעט, וואָס איז אומגעקומען אין זײַן ערב־אויפּבלי אין 1942 אין בערשאַדער געטאָ:

. . . און ווײַטער האָט געשליטלט זיך זײַן קול: איך פאַרכט זיך נישט
פאַרן טויט, אַ ניין,
נאָר סע כליפּעט מײַן האַרץ מיט רחמנות צו מײַנע נישט־דערזונגענע
געזאַנגען...
— איר ווייסט, אַ פּאָעט וואָס שטאַרבט, איטלעכער זײַן ליד האָט די וועלט
דערזען,
איז געגליכן צו אַ כלה, וואָס איז צו דער חופּה נישט דערגאַנגען...

צו דער בריליאַנטענער פילזײַטיקייט פרידמאַנס געהערט דאָס גלײַכן זײַן הומאָר, וואָס שנירלט זיך דורך אין זײַנע רײַכע דיכטערישע פּלאַסטן ווי אין באַזונדערע לידער, ווי למשל אין „אַ פּאָעט אין כעלם".

אין אַלגעמיין זענען יעקב פרידמאַנס לידער דורכגעדרונגען מיט מחשבהדיקייט פון אַן אצילותדיקן דענקער, מיט וויזיאָנערישקייט פון אַן עכטן דיכטער און גאָט־געבענטשטן קינסטלער, בײַ וועמען רוחניות און רעיון באַקומען לעבן און געשטאַלט, ווי אין דעם ליד „צי מיינסטו"...: „צי מיינסטו, מיר קענען די מאַנטיקלעך, מיטוואָכלעך לאָזן אַזוי ווי זיי זענען? / דער באַשאַפער האָט זיי געשטעלט פאַר די שוועלן ווי גראָע, שטיינערנע בערג, / און אַ ווונק געטאָן צו אונדזערע פינגער: מײַסטער, האַקט אויס אײַער ווערק; / אַז איך זאָל צוריק אין זיי מײַן צלם אלהים דערקענען".

*

יעקב פרידמאַנס דיכטונג פולסירט אויס רעליגיע פון שיינקייט און שיינקייט פון לויטערער רעליגיעזיטעט. מיטן כוח פון זײַן מאַגישן שפּרוך עפנט ער פאַר אונדז פאַרבאָרגענע וועלטן פון הוד און תפארת, אין די אינטראָספּעקטיווע שפּאַצירן פון זײַן רײַכער און סובטעלער נשמהדיקייט, וואָס באַשטראַלט, דערהייבט דעם חומר.

„בעת די שיינקייט טוט צו טיפסטע טיפן זיך דערשיפן,
פּרוּוו איך אַרײַנזעגלען זי אין האַפן פון מײַן פּערז".

(„דרײַ לידער וועגן גרויסן געלעכטער")

זײַנע לידער, פּאָעמעס און באַלאַדעס זענען אָפט אינקאַנטאַציעס צו אַ פּאָעטיש־מאַגישן „סעזאַם, עפן זיך". און זיי עפענען, פּראַלן אויף די טויערן צו די וווּנדער־לאַנדשאַפטן פון צײַטן, סביבהס און שטח ווי אין זײַנע „ווינ־טערלידער": „שפּעטער האָב איך אַלע ריחות פון שניי אין מײַן ליד אַרײַנ־געקנאָטן. / וואָרהאַפּטיק, אַ בשמים־הדסל איז מײַן ליד געוואָרן, עס באַ־האַלט / אַלע טערפּקע ריחות פון אַמאָלן".

אין איינער פון די עקסקורסיעס „ווי אַזוי דער בעל שם האָט עולה געווען קיין קיטעוו" — פאַרקערפּערט דער דיכטער דעם הוד שבהוד פון חסידות אין דער פּערזענלעכקייט פון דעם לעגענדאַרן ר׳ ישראל פון מעזשיביזש, וואָס דיסטילירט אַפילו דאָס נשמהדיק־לויטערע:

נאָר אַפילו אַ ראָסע־פּערל איז צו רעשדיק גרויס.
מאַך מיך אַ זערנע שוויַיגן, שטיל, קלענער,
איך וויל זײַן פון אַ כוונה די כוונה בלויז,
וואָס וואָגט נישט צו ווערן זמר...

„אַלטמאָדישע" פּאָעזיע — אין קעגנזאַץ צו דעם אַנטי און אַפּאָעטישן געבראַזג פון מאָדערניזם (און לעגיטימער מאָדערניזם — כבודו במקומו מונח) — איז דער אומדעפינירלעכער אַלמעכטיקער עלעמענט, אַ גײַס־טיקע „עלעקטריע", וואָס דריבגט דורך מיט מאַגנעטישע סימפּאַטיע־שטראַלן דעם אוניווערס, אײַנשליסנדיק דעם „עולם קטן". אין דעם צויבער־

גאָרטן פון וואָרט וואַקסן זיס־זאַפטיקע פּירות, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז דאָס זין־קערנדל, די דערהויבנקייט, וואָס איז „אינסולירט" קעגן דעם באַריר פון וווּלגאַרן „רעאַליזם":

שטיל ווי אין אַ פאַרשלאָסענער קאַרש,
זאַפטן און ריחות אָטעמען פאַרטייַעט.
לערן, לערן דיך מייַן האַרץ
פון שווייַגן אויסצושווייַגן פּייַעט...
רמזדיקער צימצום עניוותדיק פאַרקליידט,
אינסופיקע שירה קוועלט אין איינאיינציקער קאַרש.

(„שטיל ווי אין אַ קאַרש")

ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי אַזאַ פּאָעט ווי יעקב פרידמאַן, באַ־פליגלט מיט שירה, מיט שיינקייט און טיפקייט איז נאָענט אַפילו „פּובלי־ציסטישע טעמעס".

דאָס טראַגישע פּראָבלעם פון „למי אני עמל?" וואָס שטייט מיט דער גאַנצער שאַרף פאַרן שעפערישן יידישן מענטש, ווערט גאַנץ אָפט באַ־רירט נישט בלויז אין אונדזער פּובליציסטיק און עסייִסטיק, נאָר אויך אין דער פּאָעזיע. אָבער מיט וויפל באַרגשפּיצן העכער און מיט וויפל תהומען טיפער זענען פרידמאַנס דיכטערישע מעדיטאַציעס וועגן דעם!

פאַר וועמען זאָלן מיר זינגען, אויב נישט פאַר כמאַרע־קלעזמער,
וואָס פאָרן אין גאָטס בלאָע קאַטשן,
סתם אַזוי, צו קיינעם נישט, אין ערגעץ נישט,
ווייַל ערגעץ מוז מען דאָך פאָרן,
אַפילו ווען דער ערגעץ איז נישטאָ.
אַוודאי.
צי אפשר זאָלן מיר אויפהערן זינגען און קלינגען?
וואָס־זשע וועלן זאָגן די פידעלעך אונדזערע?
אַז מיר וועלן זיי אויפהענגען אויף די קלוגע ווערבעס פון
„דע פאַקטאָ"?
פידעלעך גלויבן דען אין „דע פאַקטאָ"?
אַוודאַי נישט,

(„אַוודאי")

מיט וויפל חן און סובטעלקייט האָט דער דיכטער אויסגעזונגען די טראַגישע דילעמע פון דעם יידישן קינסטלער! צווישן דעם „אַוודאי” און „אַוודאי נישט” איז קאָנצענטרירט גאָר די תהומישע טראַגיק פון דעם שבט סופרים: איך נשיר שירת יידיש על אדמת נכר — אויף אַ באָדן פון פרעמדקייט און ביטול? און דער באַהנטער זאָג, אַז מען מוז ערגעץ פאָרן, הגם דער ערגעץ איז נישטאָ, אַנטפּלעקט בליציק דעם פאַרכישופטן קרײַז, אין וועלכן עס באַוועגט זיך אונדזער גאַנצע שעפערישקייט: צווישן דער „סצילא און כאריבדיס” פון אויסגאַנגלאָזיקייט און „כאילו כפאו שד”-דראַנג צו קינסטלערישן אויסדרוק.

אָפט שטעלט אָן דער דיכטער פון „ליבשאַפט” דעם אינטראָספעקטיוון רעפלעקטאָר אויף דער רעטעניש פון שאַפערישקייט בכלל, אין אַ וועלט פון פאַרהוילנקייטן, פון „רעאַליטעט”, וואָס יעדער טראַנסצעדענטאַלער דענקער זעט ווי די דיקע שאָל פון יש.

אין דעם טיפן ליד „בטלנים” שילדערט דער דיכטער די וועלט- פרעמדע, ווי „זיי רופן אָן די זאַכן, נאָר זיי פילן: / ווי ווײַסער שנייִקער בלענד / רינען אַלע זאַכן אויס אין קילן באַריר פון זייערע שאָטנדיקע הענט” און:”... שפּאַנט מען פאַרחידושטע אין דער פרעמדער מעשה / דערשראָקענע קינדער אויפגעוועקטע אין חלומדיקן בלאָ, / זיי זענען ווי שטערן אין אַ נאַכטישן ברונעם / נאָענט און דאָך נישט פון הי”. פאַקטיש איז דער חסידיש-פילאָסאָפישער ביטול היש אַליין אויך אַ מין רעאַליזם, נאָר נישט קיין שאָלן־רעאַליטעט, נאָר פון פנימיות, פון פאַרטיפטע און אומענדלעך - אויסגעברייטערטע דימענסיעס פון פאַרשטעלונג, געפיל און מחשבהדיקייט.

טייל לידער פרידמאַנס זענען מאַנגעריש, אָבער נישט אין זין פון איי־גנאַרט - דוחק (אָפּגערעדט פון געלעגנהײַטלעכער ענלעכקייט אין פאָעטישן טפל, וואָס איז שכיח) נאָר אין דעם, וואָס זיי בעטן זיך רחמים אַז מע זאָל זיי זינגען, און זיי טוען דאָס... זינגענדיק ווי, למשל, אין „אַ קליין ליד”:

. . . איי געוואַלד, זינגט דער זקן — איי די די,
און דערלאַנגט צו בוים און פויגל שלום:
ביימער דאַרבן, פייגל שטאַרבן, נאָר בלי און פלי
טוט גאָט, ברוך הוא, באַהאַלטן אין חלום...

*

דער טויט איז אַן אָפּטער „גאַסט" אין יעקב פרידמאַנס לידער. נו, דאָס איז בכלל אַ „טעמע", צו וועלכער יעדער דענקענדיקער מענטש קערט זיך אום ווידער און ווידער. ביי פרידמאַנען האָט אָבער עפּעס אַזאַ דיכטעריש פּאַרגעפיל באַזונדערש פאַרהיימישט די ענדסטאַנציע פון דער ערדבאַן:

קוש דעם סאַסנע-בוים: אין זיין לייב בליט דיין אָרון.
היימיש ווי דיין טאַטנס קאַרעטע, וועט ער אַ טאָג צו דיין שוועל פאַרפאָרן
און דער, וואָס פירט די זון און שטערן אין זייער קלוגער נסיעה,
וועט אויך פירן דיין קאַרעטע דורכן גילדענעם שניי פון דער שקיעה.

דאָס איז די פאַרטיפטע פּאָעטיש-פילאָסאָפישע וויזיע פון דעם סוף כל אָדם, ווי אַ צוריקקער צום אורכאָאָם און אין-סוף. נישט ווייניקער פאַרטיפט זענען אָבער זיינע סירריעאַליסטישע בילדער פון דעם טויט און די קאָרידאָרן פון טויט אין אַזעלכע לידער, ווי „נאָטיצן פון שפּיטאָל" און „תפילה פון ראַק-קראַנקע".

אין די „נאָטיצן" רעפלעקטירן זיך ביי פרידמאַנען דער אייגנאַר-טיק-טיפער אופן פון זען און זיין סובטעלע שפּירעוודיקייט פון דעם רעאַלן קאָשמאַר, וואָס שווידערט אויף, גרויזלט מיט זיין געשפּענסטיקער וואָר:

אַנדערש איז דער טויט אין שפּיטאָל: אין טעמפּלען פון
שוואַרצן גלאָז

הויערן שטומע עלעקטרישע געטער,
זיי ניוכען צום פליושגעפלאַנץ און צעאָדערטן געבלעטער,
וואָס גליווערן אונטער די הימלען פון דיין הויט.
מאַטאָרן צײלן די אײלן צום וואָקזאַל פון טויט.
ס'איז מעכאַניש – שטאַרבן מיט רעדער און מאַשינעס,
און דער חולה — אַ וואַגאָנעטקע אויף שטאָלענע שינעס.
רונד אַרום די מענער אין ווייס,
ווי פּריסטערס געקאָוועט פון אייז,
דעמפן ווײרעך פון כלאָר און קאַרבאָל,
אַ טויטער טויט, אָן אַ פּנים, איז דער טויט אין שפּיטאָל.

דאָס איז אַ פּאַרטיפּט־אימפּרעסיאָניסטישע זעונג פון אַן אומגעזעענער הוי־כער מדרגה; אַ בילד, וואָס דרינגט אַרײַן אין די חושים און ווערט ניט פּאַר־בלאָסט. די אַ אַטמאָספער פון שפּיטאָל געהערט צו די שטאַרקסטע שיל־דערונגען פון דעם קראַנקן־אוניווערס אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיט אַן ענלעכן אייגנאַרטיקן רעליעף און מיט גוואַלדיקער עקס־פּרעסיע אָטעמט יעקב פרידמאַנס „תפילה פון ראַק־קראַנקע”:

אונדזערע נעכט זענען נעכט פון שוואַרצן פראָסט,
אויף שפּיזן פון אײַזבערג ליגן מיר נאַקעטע,
פון גאָט און מענטשן פאַרלאָזט.
נאָר איינער וואַכט איבער אונדז, בלויז איינער:
ווי אַ מטורפער שטיינהאַקער זיצט דער טויט אין אונדזערע ביינער
און צעהאַקט די שיינע גערטנער און די יונגע שטעט,
וואָס דו האָסט געלאָזט אַ מאָל אויפגיין אונטער די הימלען פון
אונדזער זינגענדיקער הויט.

מיט אַ גרויליקער פּלאַסטישקייט פּאַרפּיקסירט דאָס דאָזיקע ליד דעם גרויל פונעם צום־טויט־פּאַראורטיילטן קראַנקן, אין וועמעס ביינער עס זיצט דער „מטורפער שטיינהאַקער” וואָס טוט זײַן צעשטערערישע „אַרבעט”. די צווויי לידער ווײַזן, אַז אַ טיפער פּאָעט פּאַרטיפט אויך די רעאַלע דימענסיע, די „וואָרעווירקלעכקייט”, ווײַל אמתדיקע פּאָעזיע דרינגט אַרײַן מיט אירע „אומבאַקאַנטע” שטראַלן אין דעם מהות פון דער־שײַנונגען און ברענגט זיי אַרויס אויף דער באַוווסטזײַן־פלאַך אין זייער כאַראַקטעריסטישן געשטאַלט און קלאָריט.

*

אין יעקב פרידמאַנס פּאָעטישן אַרקעסטער רופט זיך איבער די טיפע מיטרײַסנדיקע נשמה־מוזיק פון פידלען, די דינע אַקאָרדן פון האַרפעס און דער פאַסטאָראַלער חן פון פלייטנשפּיל. אָט איז עס דער קאָסמישער רחמים פון דעם תפילה־ליד „דו” „...איך האָב קיין מאָל נישט געזען נאָך דאָס קינד, / וואָס וויינט בײַ מײַן שכן, / נאָר מײַן חלום טראָגט פולע הענט מיט ליבשאַפט / צו דער וועלט, וואָס הערט נישט אויף צו וויינען”.

דאָס זעלבע — דאָס ליד „שיינקייט" (אין בוך „ליבשאָפט") אָדער אין זײַן מעטאַפיזישן אני מאמין ליד „גאַגאַרין און פּלאַטאָן"; אָדער אַן עסטעטישע גלויבן־באַקענטעניש וואָס הערט זיך פון אַ צווייטן ליד „שיינקייט" (אין „די לעגענדע נח גרין"): „וואָרעם מיר און זיי טראָגן דעם אָפּשײַן אין זיך / פון ווײַטע סודותדיקע קעניגרײַכן". אומעטום דער דורכלויכט פון דער פאַרבליפנדיקער שיינקייט און לויטערקייט וואָס דרינגט אַדורך אַלע זיבן שלײַערן פון וואָרט.

רעליגיעזיטעט, אין איר קאָסמיש־דערהויבנסטער פאָרעם, איז איי־נער פון די קענצייכנס יעקב פרידמאַנס, אַפילו אויך אין דעם פאַל, ווען זי דריקט אויס גאָט־צווייפל און נעגאַציע. אין דעם ליד „שניי אין מידבר" זינגט זיך:

וויִ משוגענע אָדלערס אין פעלדזן, די פליגלען צעבלעטערט,
שלאָגן מײַנע מחשבות זיך אָן אין גאָטס שטייניקן גוף
און ווערן צעשמעטערט...
— — — — — — — — — — — —
קוועל, מײַן חלום קוועל!
ביסט די לעצטע בלאָע וועל,
וואָס שפּיגלט גאָט אין אירע וואַסערן,
כאָטש גאָט איז נישטאָ...

פון דעם ליד טויכט אַרויס די אויפטרייסלענדיקע דראַמע פון זוכע־נישן־בלאָנדזשענישן צווישן גאָט און כאַאָס, פון געדאַנק און עמאָציע־קאָנוואולסיעס, נשמה־ציטערנישן, וואָס ווערן „רעגיסטרירט" פון דעם פּאַ־עטס שפּירעוודיקן „סייסמאָגראַף". און אַזעלכע זוכענישן זענען נישט נאָר נישט קיין סתירה, נייערט אַ דערגאַנצונג, ווײַל אויך דער גײַסטיקער „דועל" און די מאָמענטן פון דער „טונקעלער פּאַזע" זענען כאַראַקטעריס־טיש פאַר רעליגיעז־פּאָעטישע נאַטורן פון דער מאָס ווי יעקב פרידמאַן.

דעצעמבער, 1972

אהרן צייטלין,
דער דיכטער פון גערענגל און גענאָד

א

אהרן צייטלין האָט גאָר טרעפלעך כאַראַקטעריזירט זײַן פּאָעטישע שאַפונג אין די שורות: „ווי ס׳לויערנדיקע ליד מײַנס, / וואָס אין דער דיכטונג אויף יידיש / שווימט עס זײַטיק יחידיש, / פאַרטיפט אין אייגענעם אַנען...״

און ס׳גייט נישט בלויז וועגן די באַצייכענונגען: „ס׳לויערנדיקע ליד״ און „פאַרטיפט אין אייגענעם אַנען״, וואָס זענען זייער טרעפלעך פאַר דער גײַסטיקער דינאַמישקייט און זעלבסט־קאָנטעמפּלאַציע פון דעם דיכטער, נאָר אויך וועגן דעם „שווימען זײַטיק־יחידיש״ אין דעם שטראָם פון דער יידישער פּאָעזיע.

אהרן צייטלין, דער הויך־שטרעבנדיקער און טיף־נורטעווענדיקער קינסטלער, איז דער פּאָעט פון פּראָבלעמען. דאָס אינטעלעקטועלע און פילאָסאָפישע איז פאַר אים גראָד אָפּט דער שטאָף, פון וועלכן ער וועבט אויס זײַנע באַחנטע בילדער. ער איז אויך פון שטענדיק אָן טראַנסצעדענטאַל אין זײַן השקפה און שאַפונג, וואָס דריקט זיך אויס אין פּי״ע פילאָסאָפישע מאָטיוון און קבלה־געשטאַלטיקונגען אין זײַן דיכטונג.

דער פּאָעט פון פּראָבלעמען איז דעריבער, פאַר אַ טייל שרײַבערס און קריטיקערס, אָפּט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָבלעם פון דיכטונג. דער דיכטער פון „מטטרון״ און „שאָטנס אויפן שניי״ איז, וואָס אַן אמת, גאַנץ פרי אָנגערעגט געוואָרן און פאַרנומען אַ חשוב אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור; ער איז אָבער באַלד פון אָנהייב געשווומען „זײַטיק־יחידיש״,

און טייל שרײַבערס און קריטיקערס האָבן אים נישט דערשאַצט און באַ־צייכנט מיט דעם שאַבלאָן־עטיקעט: „אינטעלעקטועלער דיכטער".

פאַקטיש איז דאָך אינטעלעקטועלע דיכטונג — אויב זי איז נישט סתם „אויסגעמוטשט", — לכל הפחות, אויך דיכטונג. ס'גייט דאָך, סוף־כל־סוף, נישט אַזוי פיל אין דעם „רוי־מאַטעריאַל" פון אָנרעגונגען און סטי־ליזאַציעס („אַ חסרון: די כלה איז צו־שיין"...), ווי אין דער לירישער אָדער עפּישער טראַנספאָרמאַציע פון אײַנדרוקן, מעדיטאַציעס, עמאָציעס און אָב־סערוואַציעס אין דעם ליד.

אויב מען דאַרף „רעהאַביליטירן" דעם סטאַטוס פון אינטעלעקט, פון די „תפילין של ראש" (אגב: מײַן פּרעדיספּאָזיציע צום ספּאָנטאַן־קוועלנדיקן און זינלעך־זינגעוודיקן האָט מיך אויך, אין אַ געוויסער מאָס, באַווירקט צו זײַן אַ „מתנגד" צו אינטעלעקטואַליזם אין פּאָעזיע), הייסט דאָס אָבער נישט, אַז סתם אינטעלעקטואַליזם, עלעגאַנטע, קילע גערדאַנקלעכקייט אין ווערסי־פיצירטער פאָרעם, איז שוין ממילא פּאָעזיע. ס'איז נאָך אַלץ נייטיק דער אומבאַשטימטער וויברירנדיקער „עפּעס", די „אימפּאָנדעראַביליאַ", וואָס פאַרוואַנדלט ווערטער אין געזאַנג.

בײַ אהרן צייטלינען איז כמעט שטענדיק געווען די פילאָסאָפישע הויך און גאָר אָפט — טיפקייט; איך האָב אָבער נישט שטענדיק געפילט בײַ אים די וווּנדערלעכע פּאָעטישע הויך. דאָס האָט מיך אַ ביסל אָפּגעקילט צו אַ געוויסער אַמביוואַלענץ פון אָפּשאַצונג, צו טראַפאַרעטן פון „אינטעלעק־טועלער פּאָעזיע".

ב

אַ גרינטלעכן אַרײַנבליק אין דעם מהות פון אַ שרײַבער קען מען, פאַר־שטייט זיך, באַקומען פון אַ ברייטערער באַקאַנטשאַפט מיט זײַנע שאַפונגען. אָט אַזאַ גרינטלעכן און טיפערן אַרײַנבליק אין מהות פון צייטלינען דעם פּאָעט האָב איך באַקומען פון זײַנע פּאָעטישע „כל כתבי"; די צוויי גרוי־סע —בכמות ובאיכות— בענד, ליכער פון חורבן און לידער פון גלויבן. (זײַנע שעפערישע דערגרייכונגען אין די געביטן פון דראַמאַטורגיע און עסייִסטיק גייען נישט אַרײַן אין די ראַמען פון דער אָפּהאַנדלונג).

חורבן איז אַ לייטמאָטיוו, און אַ לײַדמאָטיוו, פון די צוויי שירה־בענ־דער, וואָס זענען נישט בלויז אַ מאָנומענט, נאָר אויך מאָנומענטאַל אין זייער ברייטן היקף און טיפן תוכן־פאַרנעם.

אין זײַן אינטערעסאַנטן פֿאָרוואָרט צום ערשטן באַנד שרײַבט צייטלין, אַז די אײַנטיילונג פֿון די חורבן־לידער אין פֿאַרשײדענע גרופּן איז צו־סכעמאַטיש. „יאוש און אמונה — סײַ אין די חורבן־לידער און סײַ אין אַנ־דערע לידער מײַנע — קענען זיך צונויפֿטרעפֿן אין איין און דער זעלבער זאַך. די אַרויפֿן און אַראָפּן, פּינצטערנישן און אויפֿלײַכטונגען פֿון דער נשמה קענען נישט ווערן אויסכאַרטירט. בלויז פֿון דער אינערלעכער סתירה וואַקסט יעדע פּאָעזיע".

איך בין נישט אין גאַנצן זיכער, צי בלויז פֿון אינערלעכער סתירה וואַקסט יעדע פּאָעזיע; אין יעדן פֿאַל האָט צייטלין, אַנווײַזנדיק אויף דער שײַכות צווישן סתירה און שירה, געוואָרפֿן אַ דורכדרינגלעכע שײַן אויף דעם תוהו ובוהו, פֿון וועלכן עס אַנטשטייט דער פּאָעטישער בראשית.

דורך זייערע „אַרויפֿן און אַראָפּן", דורך דער פֿאַרשײדנאַרטיקייט און פֿיל־פֿאַרביקייט פֿון זײַנע עמאָציעס, זעונגען, געראַנגלענישן, וואָס זענען אַ ספּעקטרום פֿון קאָנצענטרירטע גײַסטיקע אויסשטראַלונגען, העלפֿן צייטלינס לידער צו אויסקריסטאַליזירונג פֿון זײַן פּאָעטישער געשטאַלט, וואָס איז איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע און דערהויבנסטע אין דער יידישער לי־טעראַטור.

די געזאַמלטע לידער שטעלן מיט זיך פֿאָר אהרן צייטלינס קאָנטראַסט־פֿולע אינטעלעקטועל־עמאָציאָנעלע לאַנדשאַפֿט: הימאַלאַיען פֿון גלויבן און דערקענטעניש, טיפֿענישן פֿון דעפּרעסיע און צווייפֿל, און קאַלירפֿולע פּליי־נען פֿון עפּיש־באַראַטיווע פּאָעמעס; שפּילעוודיקע פּאַסטאָראַלן, גראָטעסקן, סאַטירעס און אַנדערע.

די סתירות זענען נישט בלויז אין די קעגנזעצלעכע אימפּולסן, מע־דיטאַציעס און עמאָציעס, נאָר אויך אין דער — טייל מאָל נישט דײַטלעכער — דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן סאַמאָראָדנער פּאָעזיע פֿון אַ הויכער קוואַלי־טעט און ווערסיפֿיצירטער פּאָעטישער פּובליציסטיק און פּלינק־באַחנטער רעטאָריק.

אהרן צייטלין איז דער שעפֿער פֿון אַ קאָמפּליצירטן קינסטלערישן אוניווערס; ער דערגייט אָפֿט צו דין פֿאַרנעפּלטע הויכקייטן און דערגרונ־טעוועט זיך צו טיף־וויזיאָנערישע תהומות; אָבער ער פֿאַלט אַ מאָל אַראָפּ „מאיגרא רמא" — פֿון זײַן הויכער פּאָעטישקייט און הויכער געדאַנקלעכ־קייט צו דער לאָגישער פּלאַך. מ׳באַדאַרף אָבער געדענקען, אַז זײַנע לידער און פּאָעמעס זענען, בדרך כלל, אויסשטראַלונגען פֿון אַ הויך־געלאַדענער

רעליגיעזער אינטענסיוויקייט (אויך פילאָסאָפישע מרידה קעגן גאָט קען זײַן רעליגיעז), וואָס איז, כשהיא לעצמה, פּאָעזיע.

און — אין אַן אינטערעסאַנטער גײַסטיק־„מעכאַנישער" דיאַלעקטיק — ווען דער פילאָסאָפישער צווייפל און אַפילו נעגאַציע און ניהיליזם קריגן די „אויבערהאַנט" איבער דעם רעליגיעזן עלעמענט, ווערן זײַנע לידער — שוין צוליב דעם אַליין — פּאָעזיע; טאַקע צוליב דער גוואַלדיקער רעלי־גיעזער דראַמאַטישקייט פון צוזאַמענשטויס צווישן גלויבן און כפירה, צווי־שן ווײַס־גליִענדיקער עמאָציאָנעלקייט און סקעפּטישן ראַציאָנאַליזם, צווישן הימלהויכע אַספּיראַציעס און ערדישע אינסטינקטן און לײַדנשאַפטן. טאַקע אָט־די גײַסטיק־כעמישע עקספּלאָזיעס זענען די דינאַמישע כוחות, וואָס שאַפן די הויכע טעמפּעראַטור, די אַנגעגליטקייט און אויסשטראַלונג פון זײַן פּערז:

ווי אויסערמעגנטשלעך מײַן באַגער איז, ווײַס איין טײַוול,
און ס'אַרא גאָט־נצרך איך בין — דאָס ווייס איין גאָט.

(„פון טאָגבוך")

זײַן אַ ייִד הייסט נישט קענען אַרויס פון גאָט
אַפילו אַז מען וויל עס;
נישט קענען אויפהערן תפילה צו טאָן
אַפילו נאָך אַלע תפילות,
אַפילו נאָך אַלע אַפּילו'ס.

(„זײַן אַ ייִד")

ג

דער ערשטער באַנד פון אַלע לידער און פּאָעמעס הויבט זיך אָן מיט דעם אָפּטייל לידער פון דריטן חורבן און עטלעכע סוב־אָפּטיילן, פון וועלכע דער ערשטער איז: אַנגסט און פּאַרגעפּיל. אין זײַן כאַראַקטעריס־טישן אידיאָם פון פּערז־ווירטואָזיטעט, וואָס איז באַהויכט מיט עמאָ־ציע און אינטראָספּעקציע, טייל מאָל מיט פּאַרנעפּלט־נביאישער וויזיאָ־נערישקייט, זעט דער דיכטער ווי:

דאָס אַלץ וואָס דו פּאַרמאָגסט און וואָס דו זעסט
וועט באַלד אַ וויסטע פינצטערניש פּאַרוויקלען,

דיר זאָגט אַזוי אַ קול, נאָר דו פאַרגעסט.
דו גייסט אויף זיצונגען, דו שרײַבסט אַרטיקלען.
און אָפט מאָל שטופט דער נאַר דיך: גיי און דרשע.

פילסט יאָ און נישט ווי לעצטיק עס מעת־לעתט
די שטאָט. אַ קוק: עס קומען מאָדנע געסט —
שטומע פאַנטאָמען שפּאַנען איבער וואַרשע.

(„וואַרשע ערב מײַן אָפּפאָר")

אהרן צייטלין האָט אין דעם ליד, און אין אַנדערע פון דעם „סוב־אָפּטייל" אויסגעדריקט דעם ציטער און דעם פלאַטער פון אומבאַשטימטע חורבן־אַנונגען. ער האָט אומקלאָר פאַרויסגעזען די וויסטע פינצטערניש, וואָס וועט פאַרוויקלען זײַן וואַרשע, די עיר ואם בישראל; ער האָט האַלב־פאַרנעפּלט געזען די „שטומע פאַנטאָמען", וואָס שפּאַנען איבער דער פאַר־משפּטער שטאָט. און נישט בלויז די שטאָט. אויך איבער דער געמיטלעכ־קייט פון דער נאַטור, איבערן געלעכטער פון אַ זומער־וווינונג און דעם פריילעכן ליאַרעם פון קאָרטן־שפּילערס האָט ער געזען ווי:

ס'האָט פון נאָענטן זומערהויז געשאַלט געלעכטער, וואַרעם
האָט געברענט אַ לאָמפּ. אויף אַ וועראַנדע
האָט מען מיט פריילעכן ליאַרעם
געשפּילט אין קאָרטן.
און קיינער האָט נישט געזען, ווי איבערן גאָרטן
גליווערט אין שטומען אַליאַרם דער לבנהס אויג —
אַן אויג, וואָס זעט אָנקומען פאַרכטיקע פײַערן.

(„אַליאַרם")

אויב געראַנגל און אַ נשמהדיקער „ויתרוצצו" זענען אָפט כאַראַק־טעריסטיש פאַר אהרן צייטלינען און זײַן ליד, איז דאָס דאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך דעם ווי זײַנע גרויליקע זעונגען זענען געוואָרן ווירקלעכקייט. דאָס איז נישט בלויז דער טראַגישער געראַנגל צווישן גלויבן און צווייפל אין אָנבליק פון אימהדיקסטן חורבן; דאָס איז אויך דאָס ערלעכע געפיל פון דער אוממעגלעכקייט אויסצודריקן אַזעלכע גרוילן, פון אַרײַנפּאַסן די קאַטאַסטראָפע אין אַ סטראָפע:

בלײַבן לעבן נאָך אײַך הייסט צו ווערן באַשטראָפט
מיט אַ פּילונג פֿון שולד — און ווי ביטער די שטראָף איז!
קאַטאַסטראָפֿע... ווי עלנט דאָס וואָרט איז — אַ שפּאָט
איבער זעקס מיליאָן קאַטאַסטראָפֿעס.

פּאַר אַ זאַך, וואָס קאָן קיין מאָל נישט ווערן געשפּראָכט,
זוכט דאָס האַרץ אַ טרער, וואָס נאָך נישט געדאַכט,
און עס בלײַבט אין דער טרער דער באַגערטער.
ס'איז נישטאָ יענע טרער, נאָר ווי קאָן מען זײַן שטום
ווען עס שטומט נישט די פּײַן? דריי איך עלנט מיך אום
און קלײַב ווערטער.

(„בלײַבן לעבן נאָך אײַך...")

מע קען זאָגן, אַז אויב עס איז אפשר אוממעגלעך אויסצודריקן דעם אומגעהויערן פֿאַרלענד פֿון די זעקס מיליאָן וועלטן, איז אָבער מעגלעך צו שילדערן דעם אינערלעכן חורבן פֿון דעם פֿאַריתומטן און פֿאַראבלטן דיכטער, וואָס זיצט און קלאָגט:

ביסט דו דאָס, מוטער רחל, מוטער אָן קינדער?
אויף די שוואַרצע שטיינער זיצסטו אַ פֿאַרלאָשענע,
פֿאַרשטאַרטע, צחאַמענגעשלאָסענע
ליגן די הענט אויף דײַנע קאַלטע קני.
הויבסט זיי צום געבעט נישט מער —
טויט איז אַלץ סײַ ווי.

זעסטו די נאַכטיקע, די עלנטע אַט די?
ס'איז די נשמה פֿון אהרן בן־הלל.
אַן אַרונטערגעשאָסענע
ליגט זי אויף אַ באַרג מיט ייִדן־אַש.

(„אויף די חורבות")

אהרן צייטלינס חורבן־לידער האָבן דימענסיעס און טענער פֿון אַן איוב און אַ ירמיהו; און אַזוי ווי די אומענדלעכקייט איז נישט מעגלעך אַרומצונעמען — אויך נישט די אומענדלעכקייט פֿון חורבן און פֿון צער —

זענען די אַלגעמיינע בילדער פון דעם אומגעהויערן אבדון, ווי בײַ אַנדע־רע פּאָעטן־מקוננים, נאָר בלאָסע אָפּשײַנען פון דער שריפה. צו אַ טיפע־רער דימענסיע, צו אַ העכערער רעאַליטעט דערגייט ער און באַקלאָגט זי, בעת ער שילדערט זײַנע טײַערסטע און נאָענטסטע. ער ברענגט זיי אין זײַנע לידער צו אַ גײַסטיקן תחיית־המתים. אין זײַן וווּנדערלעכן ליד וועגן חלום פון אוהעלער רבין זאָגט אים דער מלאך, אַז נישט די צדיקים זע־נען אין גן־עדן, נאָר דער גן־עדן איז אין די צדיקים. פּונקט אַזוי איז אויך צייטלין דער פּאָעט נישט אין די אַלגעמיינע קינות און שילדערונגען פון חורבן, נאָר דער חורבן איז אין דעם פּאָעט־מקונן. צייטלין, דער מאָדער־נער איוב — אָן דעם פולשטענדיקן „העפּי ענד" פון דעם אַלטן רעליגיעז־פילאָסאָפיש־פּאָעטישן ספר — עפנט פאַר אונדז אָפּגרונטן פון ליידן און פּײַן. זײַן אומגעשטילטע בענקשאַפט, זײַן שולדגעפיל, אומענדלעכע ליב־שאַפט און פאַרערונג צו זײַנע טײַערסטע, וואָס זענען פאַרשלונגען געוואָרן פון פײַער־מבול, ווערט אַליין אַ מיסטישער און געטלעכער נהר די־נור, אַ פײַערדיקער נשמה־טײַך.

עס וואָלט געווען באַנאַל צו זאָגן, אַז זײַנע בענקשאַפט־ און טרויער־לידער וועגן זײַנע אומגעקומענע הנאהבים והנעימים זענען רירנדיק; מיר האָבן דאָ אַ זינגענדיקן „וימאן להתנחם" און אַ לירישן נהר די־נור, ווו ס'ווערט געזונגען מיט פײַער וועגן די אומגעקומענע אין פײַער, און דער מקונן „אהרן דער אחרון" איז מער נישט בלויז אַן עכאָ פון קאָלעקטיוו־נאַציאָנאַלן סיני, נאָר ווערט אַליין פאַרוואַנדלט אין דעם סנה, דעם ברע־נענדיקן ליידן־דאָרן.

די טיפע נאָסטאַלגיע פון דעם פאַראַבלטן פּאָעט קומט צום אויס־דרוק אין זינג־קלאָגרעדן, אַזעלכע ווי: „אַמאָל אין פוילן", „אַ שאָטן אין וואַרשע", „דאָס אויג פון דער טרער", „צווישן פלאָצק און וואַרשע", „גיב מיך פון ערגעץ בײַם נאָמען אַ רוף", „די געזעגענונג" און אַנדערע.

פלאַמען פון בענקשאַפט, אומגעשטילטע פּײַן־ און טרויער־קוואַלן און טרערן־פליצונגען — דאָס איז די אינערלעכע חורבן־פּאַנאָראַמע פון דעם דיכטערס געמיט. ווער קען מעסטן די תהומות פון מענטשלעכע און פּאָ־עטישע עמאָציעס? אין די לידער וועגן זײַנע נאָענטסטע (הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו קריגן אין צייטלינס שירה אַ באַזונדערע דימענ־סיע פון רעאַליטעט), וויברירט זײַן ליבשאַפט מיט אַ סובטעלער עלעגישקייט, פּאַרטיפטקייט און דערהויבנקייט, און זענען אפשר

איינציקאַרטיק אין דער ייִדישער פּאָעזיע, וועלכע איז רײַך אין טראַ־גישע טענער און מאָטיוון:

אין נאָך־מײַדאַנעק־יאָרן אָן גאָט
זע איך אַמאָליקע יאָרן.
אַמאָל אין אַ זומער זע׳מיר קאָ׳ פּלאָצק
איבער דער ווײַסל געפֿאָרן,
קאָ׳ פּלאָצק מיט דער ווײַסל געפֿאָרן.

— — — — — — — — — — — — — — —

גרין פֿינקלען די ברעגעס און ווײַס איז דער טײַך
און אויגן האָט זי ברוינע —
אין שענסטן פֿאָלקס־ליד האָט נישט געגליט
אַ פּאָר הייסע אויגן אַזוינע,
גליקלעכע, ברעניקע ברוינע.
און אַז מיר שווימען קאָ׳ וואַרשע צוריק,
פֿלאַמט סוף־טאָג איבער פּוילן.
די זון צינדט אין וואַסער אַ גאָלדענע בריק
און די בריק לויפֿט ווײַט און פֿאַרהוילן
צו ברעגעס — נישט ערד און נישט פּוילן.

אַצינד בין איך ווײַט אין נאַכט פֿון דער צײַט,
אין נאַכט פֿון מײַן דור פֿאַרפֿאָרן,
נאָר וויל איך — פֿאָר איך מיט דיר קאָ׳ פּלאָצק
ווי אין פֿאַרגאַנגענע יאָרן,
די פֿאַרב־ און־קלאַנגענע יאָרן.

איך, דו און די ווײַסל — מיר פֿאָרן קאָ׳ פּלאָצק.
וויל איך — ווערט עס פּאַראַניק,
כאָטש דו ביסט נישטאָ און נישטאָ מײַן פֿאָלק
און דער סוף איז געווען מײַדאַנעק.
וויל איך — ווערט עס פּאַראַניק.

פֿאַר וואָס פּאַראַניקט אין מיר יענער טאָג?
פֿאַר וואָס איז ער אייביק אַצינדיק?

אין גײַסט איז מײַדאַנעק אויך נישט דער סוף —
אין גײַסט איז גאָר נישט פאַרשווינדיק,
אין אים איז גאָר נישט פאַרשווינדיק.

אַלץ אַצינדיקט — און וואָס איז סוף?
שטיל ווערט אין מיר ווען איך פרעג עס,
און פאַר מײַן בליק נעמט לויפן אַ בריק —
זי לויפט צו געהיימע ברעגעס,
ווי די בריק, וואָס די זון האָט געצונדן אין טײַך
אויפן וועג צווישן פלאָצק און וואַרשע.

(„צווישן פלאָצק און וואַרשע”)

אין דעם דאָזיקן ליד מאַכט דער דיכטער איינע פון זײַנע אומצייליקע רעטראָספּעקטיווע עקסקורסיעס אין צײַט און שטח. דאָס איז אַ ווייטאָג־דיק־מתיקותדיק געזאַנג, וואָס איז פול מיט אַ ריטמישן פאָלקסטימלעך־פּאָסטאָראַלן חן, מיסטיש־טראַנסצעדענטאַלע שטימונגען און וויזיעס. די סימבאָלישע זון־אַנגעצונדענע בריק אויף דער ווײַסל — אָדער צווישן זײַן און איבערזײַן — וואָס פאַרבינדט די שיף־רײַזע מיט „געהיימע ברעגעס”; דער ריטעם פון די שורות־כוואַליעס און די טענער און בילדער פון דעם ליד הויכן אָן אַ שטימונג פון גוואַלדיקער טראַגישער שיינקייט און אומ־ענדלעכער בענקשאַפט.

די „רײַזע אויף צוריק” איז אַ צענטראַלער מאָטיוו אין אהרן צייט־לינס נאָך־חורבנדיקער דיכטונג: ער „עפנט אַ טיר וואָס איז שוין לאַנג נישט הי...” ער איז „אַ מענטש אין ניו־יאָרק און אין וואַרשע אַ שאָטן, / אַן אייביקער שאָטן אין אַ נישט־פאַראַנען הויז”.

*

אהרן צייטלין האָט פּרעכטיק איבערגעדיכטעט קדיש אויף ייִדיש. אָבער זײַנע חורבן־לידער זענען אַליין איין גרויסער קדיש אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס: אַ קדיש פון „שמיא רבא”, פון גאָט, פון דעם צו־אַש־געוואָרע־נעם פאָלק און פון זײַן גרויסן פאָטער הלל צייטלין, זײַן פרוי טאָליע און זונעלע הירש־בער און אַנדערע געשטאַלטן. דער „יתגדל ויתקדש” פון גאָט נאָכן חורבן, פון עם קדושים, איז אַ פּרווו אויסצודריקן דאָס

איבער־דימענסיאָנעלע און קומט דעריבער אָפּט אַרויס מער סכעמאַטיש, הגם טייל מאָל מיט עכטע רעליגיעזע אויפלײַכטונגען און פײַן־פּאַרטיפּונ־גען. אָבער מאָנומענטאַל ווערט בײַ אים געשטאַלטיקט די פּאַרהערלע־כונג און פאַרהייליקונג פון זײַן גרויסן פּאָטער („יענע תהילימדיקע גרויס־קייט פון אַ ייִד, / וואָס דורות לאַנגע האָבן זי געשטאַלטיקט, / ביז גע־וואָרן איז זי הלל, זון פון אהרן־אליעזר"); פון זײַן אומגעקומענער פרוי („יענע שיינקייט פון ישראלס טעכטער, / וואָס דורות האָבן זי געשמידט אויף פּוילנס ערד, / ביז געוואָרן איז זי טאַליע, טאָכטער פון הירש־בער...") און פון זײַן זונעלע („האָסט אויפן וועג מיר מיטגעגעבן אַ בליק, וואָס הערט נישט אויף אין מיר"). דער פּאָעט הערט שטימען טראַנסרעאַלע, וואָס זאָגן אים, אַז:

> פּײַער האַלט זיי בײַ זיך, אין פּײַער ווױנען זיי אַלע,
> ווענסטו זיי נאָך טרעפן אַ מאָל אויף ווײַטע, פלאַמיקע אָרבן".

דער פײַערדיקער ים פון פײַן אין צייטלינס חורבן־לידער דערמאָנט אין דעם שנײַדנדיקן ווייטאָג וואָס עס האָט אַרויסגעזונגען דער גרויסער פּוילישער פּאָעט פון 16טן יאָרהונדערט, יאַן קאָכאַנאָווסקי, אויפן טויט פון זײַן געליבטן טעכטערל אורשולאַ. אָבער די „טראַנסצעדענטאַלע פלאַמיקע אָרבן", גאָר די אומענדלעכע בענקשאַפט, די סובלימאַציע פון ערדישקייט אין אַ מיסטישן נהר די־נור איז פון אַן אינטענסיווקייט, אַ סוגעסטיווע שטראָמיקייט און אַ פײַערלעכקייט, וואָס אַסאָציאירט זיך אין דער פאָר־שטעלונג מיט דאַנטעס בעאַטריטשע־טראַנספאָרמאַציע און עדגאַר אַלאַן פּאָס ווירדזשיניע־געשטאַלטיקונגען אין פּאָעזיע און לירישער פּראָזע.

ד

אהרן צייטלין איז אַ טיף־קאָמפּליצירטער און ברייט־האָריזאָנטיקער פּאָעט פון אייביקן געראַנגל. ער איז נאַציאָנאַל אין ברייטסטן און טיפסטן זין פון דעם וואָרט: אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, אין דעם רע־ליגיעז־פאָלקסטימלעכן ייִדישן „אַרכיטיפּ", אין זײַן יניקה — בנוגע דער רוחניות — פון רעליגיעזע שריפטן און טראַדיציע, אַזוי פון זוהר, תלמוד, קבלה, חסידות, חב"ד, פאָלקלאָר און אַזוי ווײַטער. ער איז עזאָטעריש און גלײַכצײַטיק פאָלקסטימלעך־פּאָפּולער. צייטלין זינדיקט נישט מיט קיין

סטיל־טונקלקייטן און באַוווּסט, אַז מען קען זײַן טיף און קלאָר אין דער זעלבער צײַט.

דער דיכטער פון „מטטרון”, פון „יוסף דילה רינה”, פון איבערערדישע דערהויבנקייטן, איז, פון דער צווייטער זײַט, נישט זעלטן סאַרקאַסטיש־סאַטיריש און פּאָלעמיש. ער לאָזט זיך אָפּט אין אַ לײַכטן פּערזן־טאַנץ. שפּילעוודיק, לויטער און גרינג, ווי אויף אײַז. אָבער דאָך מישט זיך אַרײַן אינגעם לײַכטזין דער הויכער זין. אַזאַ ווי זײַן פּאָעמע „יידישע שדים”, געבויט אויף אַ קבלה־מאָטיוו, איז אַ פּרעכטיקער מיסטישער קדושה־באַלעט און די שורות טאַנצן גראַציעז צום טאַקט פון נאַראַטיוון מוסר־השכל. צייטלין, דער ווירטואָז, איז נישט צופרידן פון דער סתם־פּאַרעם און אפילו נישט פון סתם־אינהאַלט. תוך און תוכן פון געטלעכקייט איז די סובסטאַנץ פון זײַן לויטערנדיקן ליד, וואָס באַשולדיקט אייביק זיך אין זײַן בלויז ליד, און דעם שעפער — אין זײַן בלויז דיכטער.

בײַ אַזאַ רײַכקייט פון מאָטיוון, האָריזאָנטן און סתירות, איז נישט קיין ווונדער נאָך איין סתירה — וואָס זײַן ליד, שטרעבנדיק צו זײַן מער ווי קונסט, איז טייל מאָל ווייניקער ווי פּאָעזיע. דער זשורנאַליזם, די סיטרא־אחרא פון סטיל, מישט זיך אַרײַן און שטערט, ווי דאָס איז דער פאַל בײַ אַ טייל פון אונדזערע בעסטע פּאָעטן. די סטיל־סיטרא־אחרא — זשורנאַליזם— רעדט און שרײַבט וועגן... פּאָעזיע. קונסט רעדט און שרײַבט זיך, ווי וואָלט וויטמאַן האָט ריכטיק באַמערקט וועגן אַנוועזנהייט — אין קעגנזאַץ צו רעטאָריק און אַרגומענטאַציע, אַפילו ווען זיי זענען פון אַ הויכער מדרגה. פּאָעזיע נעמט־אײַן און נעמט־אַרום מיט איר הויך, מיט איר אַטמאָספערישער געלאַדנקייט און שטומער בליציקייט.

אהרן צייטלין איז אָבער אַזאַ גביר, מיט אַזוי פיל פּאָעטישע גיטער, אַז ער קאָן זיך דערלויבן צו האָבן אויך ליטעראַריש־אומבאַדײַטנדיקע פּאָזיציעס.

אין דעם פאָרוואָרט צו זײַן טראַגיש־שיינער פּאָעמע אין פּראָזע „יאַנוש קאָרטשאַקס לעצטער גאַנג”, שרײַבט דער מחבר, אַז ער האָט דאָרט „אויסגעמיטן צו באַהענגען די פּראָזע מיט יענער מעטאַפאָריק, וואָס גייט־אָן פאַר אַ קענצייכן פון פּאָעטישקייט. ווער עס וועט זי דאָ זוכן, וועט זי נישט געפינען. עס קען אָבער זײַן, אַז ער וועט געפינען עפּעס וויכטיקערס”.

*

עס איז נישט קיין ספק, אַז בײַ צייטלינען געפינט מען אָפּט עפּעס, וואָס איז וויכטיקער ווי מעטאַפאָריק — דעם אומגעשטילטן דאָרשט צו אומענדלעכקייט און געטלעכקייט — אַפילו אין זײַנע לידער, ווו עס דאָמינירט אַ שאַרפע אינטעלעקטועלע דיאַלעקטיק אויפן חשבון פון פּאָעטישקייט. מעטאַפאָריק און אַנדערע קינסטלערישע מיטלען זענען אָבער ניט קיין סתירה צו העכערקייט, נאָר אַ דערפילונג; און דאָרט ווו עס פאַראייניקן זיך אין זײַן ליד — בילד, הויכע רעליגיעזיטעט צוזאַמען מיט די אַנדערע אומבאַשטימטע „קאָמפּאָנענטן": אָטעם און אָנוועזנהײַט פון שירה־גײַסט — דערגרייכט אהרן צייטלין צו גוואַלטיקע פּאָעטישע הייכן און טיפֿקייטן. אַזעלכע לידער זײַנע, ווי די אָפּט ציטירטע: „מקובלים", „קאָסמישער ניין", „בת־קול׳ס" און אַנדערע זענען אַ גליקלעכער „שידוך" פון אַ הויכן אינהאַלט, פון אַ טראַנסצעדענטאַלן „בת־קול" און ערדישער זאַפטיקייט, פון גלוסטיקייט און קלאָריט, ווי דער ווײַס־בלאָער הויך אויף ווײַנטרויבן. זיי פאַרמאָגן הויכע גײַסטיקייט מיט טיפן זין און זינלעכקייט, וואָס שאַפן דאָס האַרמאָנישע אינעם ליד.

וואָגיקער תוכן און אַ קינסטלערישע ראַם זענען אַ גינציקע פּאָר. אין דעם קינסטלערישן וואָרט איז דער „קנקן" גלײַכוועַרטיק מיטן „מה שיש בו". דער פּאָעטישער ווײַן שימערירט אין פיל אהרן צייטלינס געבענטשטע לידער, אַ שטייגער:

גאָט, ווער ס׳האָט דיך ריידן נישט געהערט אויף ימען —
וועט קינדיש נאָר און עלנט מיט דײַן נאָמען שפּילן!
וואָס איז דער קוש פון טויט, דער ליבעס העלסטע פלאַמען
און אַפילו אַ בעל־שם־טובס ברענענדיקע תפילין —

אַקעגן דײַנע רייד, וואָס אינדן גרויסע ברילן,
אינדן, וואָס לויפן־אָן אין טומלדיקע גראַמען,
שלאָגן זיך אויף שווערדן און פאַלן־אוס צוזאַמען,
שטאַרבן און שטרעבן־אויף אין אָטעם פון דײַן ווילן?

באַשער, איך זאָל מיך ווידער לאָזן איבער אינדן,
זאָל שטאָט אָן שווערע שטיינער שלאָגן קאָפּ און שווינדן,
און ים, דײַן בלויער בכור, אין ערשטן גלוסט געשאַפן,

זאָל שפּרייטן זיך פאַר מיר אַן ברעגעס און אַן האַפן —
לויתן, שווערדשלינגער, פאַרלוירן קינד, גיגאַנט,
אומסופיקייט, וואָס גיסט זיך פון דײַן רעכטער האַנט.

(„ים־סאָנעט")

אין דעם ליד איז פאַראַן אַ פּערפעקטע איינהײַטלעכקייט פון זין און זינלעכקייט. דער פלויד פון די שורות סוגערירט די „אינדן, וואָס לויפן־אַן אין טומלדיקע גראַמען", און מיר פילן די „אומסופיקייט, וואָס גיסט זיך פון ,זײַן' רעכטער האַנט".

אהרן צייטלין איז אויך דער זינגער פון געגאַד, פון דער ערדישער פּײַן, וואָס ווערט אויפגעלייזט אין דינע ספערן פון אידענטיפיקאַציע מיטן אין־סוף. דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַ סך פון זײַנע אידעאַליזירטע געשטאַלטן און לידער, וואָס אָטעמען מיט אמתדיקער רעליגיעזיטעט. ער זעט אויך די געגאַד אין דער ליבער געשטאַלט פון זײַן פרוי רחל, וועמען ער האָט געווידמעט די כוללדיקע אויסגאַבע פון זײַנע לידער און פאָעמעס און ספּעציעלע לידער:

זי האָט דעם טויט באַזיגט מיט ליבשאַפט און רחמנות,
און זי דערציילט — און כ'ווייס, אַז אירע רחמים, גרויס און געטלעך,
וואָס האָבן ס'קינד געראַטעוועט אַמאָל — די זעלבע רחמים האָבן
געראַטעוועט אויך מיך פון ווערן לעבעדיק באַגראָבן
אונטער אומגליק און שגעון. שאַ, זי לויפט באַגיסן די וואַזאָנעס —
און ס'ציִען זיך צו איר מיט מײַלער דאָרשטיקע די בלעטלעך.

(„גנאָד")

געגאָד איז אַן אינערלעכער צושטאַנד פון דערלייזונג דורך אויפלייזונג אין געהיימע ספירות, נאָך די ראַנגלענישן מיטן „מלאך" און דעם שטײַגן אויף די מדרגות פונעם „סולם־יעקב".

אהרן צייטלין, דער גײַסטיקער אַריסטאָקראַט, איז דער דיכטער פון אַ וויילד־מאַיעסטעטישן קאָסמאָס, פול מיט אורשפּרינגלעכן עלעמענטן־געראַנגל, וואָס איז אָפט אַ טרײַבקראַפט פאַר זײַן פּאָעטישער געלאַדנקייט און געשפּאַנטקייט. זײַן ליד איז פּאַרטײַעט אין לויער — אויף זיך, אויפן מענטש, גורל, אַחרית־הימים, אויף גאָט און אויף אָנסופיקייט. ער קריגט

זיך אָפּט מיט די עובדי־קונסט און פאַרלייקנט די שיינע געטין וואָס איז זיך נוקם: זײַן שירה ווערט אַ מאָל פאַרוואַנדלט אין אַ פרומען „פיוט״, אין „יוצר״ — אַנשטאָט יצירה. גובר איז אָבער בײַ אים די האַרמאָניע, וואָס קומט פון די אייביקע קאָנטראַסטן. אין זײַנע לידער און פּאָעמעס דאָמינירט דאָס אינדיווידועל־קינסטלערישע און די מײַסטערהאַפטע געשטאַלטיקונג פון זײַן אומענדלעכקייט - טעמאַטיק איבער סתם אינטעלעקטועלע מעדיטאַציעס און געדאַנקלעכע קלישעס.

אהרן צייטלין, דער פּאַרטיפּטער און דערהויבענער פּאָעט, מיט זײַן גאָט־ און טײַוול־געראַנגל, מיט זײַן פאַסצינירנדיקן געמיש פון אַנונג און אינטעלעקט, פון גאָט־דאָרשטיקייט, הייליקייט־פלאַטער און באַרוישונג פון דער קונסט - „לילית״, איז — און בלײַבט — שוין נאָך אַלע רעכענונגען און „אַראָפּרעכענונגען״ — איינער פון אונדזערע גרעסטע, אינטערעסאַנט־סטע און קאָלירפולסטע פּאָעטן.

דוד אײנהאָרן:
מוזיקאַלישקײט און פאָלקסטימלעכקײט

דוד אײַנהאָרן האָט געשטעלט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט אויפן שוועל פון אונדזער יאָרהונדערט. ער האָט דעביוטירט מיט לידער אין „יִדישן אַרבעטער" אינעם יאָר 1904. אין 1909, ווי אַ 23־יאָריקער יונגער מאַן, איז ער אַרײַן אין דער יִדישער פּאָעזיע מיט זײַן לידער־בוך „שטילע געזאַנגען". (אַ צווייטע אויפלאַגע איז דערשינען שפּעטער אין פאַרלאַג „פּראָגרעס", וואַרשע). מיט דעם דאָזיקן בוך האָט דער דיכטער גלײַך פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יִדישער ליטעראַטור.

אײַנהאָרן האָט זיך אַנטפּלעקט אין די „שטילע געזאַנגען" ווי אַ דיכטער פון צאַרטע געפילן, שטימונגען און בענקשאַפטן. דאָס זענען געווען די שטימונגען פון צווישן טאָג און נאַכט, ווען די זון זאָגט אַ פאַר־בענקטן „זײַ געזונט" און אירע אָפּשייד־שטראַלן הילן אײַן אַלץ אין אַ מיסטישן האַלב־ליכט.

דער דיכטער פון די „שטילע געזאַנגען" איז געבוירן געוואָרן אין ווײַס־רוסלאַנד און פאַרבראַכט זײַנע יוגנט־יאָרן אין ליטע. זײַן מוזע האָט טאַקע דעם קאָלאָריט פון דער ליטווישער לאַנדשאַפט און שטייגער: אידיִלישער טרויער, צאַרטע בענקשאַפט, פאַרלוירנקייט און געבעט — דאָס איז געווען די קאַנווע, אויף וועלכער דער דיכטער האָט אויסגעהאָפטן זײַנע לירישע שאַפונגען, וואָס דערמאָנען אין אַ כמורנער ליטווישער לאַנדשאַפט. אײַנהאָרן האָט גלײַך פאַרנומען אַ גאָר באַזונדער אָרט מיט זײַן יחידישן „שטענדער" אין דער יִדישער דיכטונג אין אָנהייב פון

דעם יאָרהונדערט. ער האָט אַרײַנגעבראַכט אַן אייגענעם טאָן, און אין דער פּאָעזיע פּירן „אַלע וועגן קיין רוים", בפרט, אַז ס'איז דאָ אייגענער טאָן.

דוד אײַנהאָרן האָט זיך אין זײַנע ערשטע רײַפע לידער אַנטפּלעקט ווי אַ האַרציקער לירישער בעל־תּפילה, וואָס רעדט מער פון געמיט און צום געמיט, ווי אַ חזן מיט אַ ווילקלינגענדיקער, אָבער קאַלטער שטימע. זײַנע געזאַנגען, וואָס האָבן געהאַט געלײַטערטע עלעמענטן פון פאָלקס־דיכטונגען, זענען דערקענט געוואָרן גאָר פון ווײַט ווײַט — טאָקע צוליב זייער שטילקייט, און זענען אַרײַנגעדרונגען אין די ייִדישע שטובן פון שטעט און שטעטלעך. דאָס ווײַסע בעריאָזקעלע, וואָס דער דיכטער האָט אײַנגעפלאַנצט אין גאָרטן פון דער ייִדישער פּאָעזיע, האָט זיך געבעטן צו זינגען, ווי רש"י'ס פּסוק האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים אויסטײַטשן:

רוּיק, רוּיק שאָקלט איר געלאָקטעס גרינעס קעפּל
מײַן ווײַסינקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור,
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס שעפּטשעט שטיל אַ תּפילה...
זײַ שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר...

איך בין דאָ אַן עלנטער געקומען, געקומען פון דער ווײַטן,
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאָ, און פרעמד איז מיר זײַן שפּראַך.
נישט ער וועט מײַן טרויער זען און נישט פאַרשטיין מײַן תּפילה,
כאָטש איך וועל מתפּלל זײַן, מתפּלל זײַן אַ סך.

דער לייענער און הערער פון דעם מוזיקאַלישן ליד פון 4 סטראָפן האָט יאָ געזען דעם טרויער און פאַרשטאַנען די דיכטערישע תּפילה, און ווי אַן עכאָ פון דער תּפילה, האָט אויך בײַ אים „עפּעס אין האַרצן גענומען טיף בענקען" אין איינקלאַנג מיטן געזעץ פון פּאָעטישער סוגעסטיע.

און נישט בלויז דאָס באַחנטע „בעריאָזקעלע", נאָר אויך די תּפילה־דיקע מוזיק פון אַזעלכע לידער ווי „אידיליע".

איך וויל אַז מײַן ליבע זאָל ווערן געשלאָסן
אין ערגעץ אַן ענגעס, אַ ייִדישעס געסל,

ווו ס׳שטייען די הײַזלעך געדריקט ווי אַ סטאַדע
פון שעפּסן, ווען ס׳שרעקן זיי וועלפישע ציינער.

דער דיכטער וויל, אַז זײַן געליבטע זאָל זײַן אַ טאָכטער פון יענע „געבויגענע, פינצטערע, אָרעמע הײַזלעך״; דאָס איז נישט בלויז ליבע צו אַ מיידל, נאָר אויך צום פאָלק. די אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע — און אפשר אויך סאָציאַלע — ליבשאַפט, האָט זיך דאָ פאַראייניקט בײַם דיכטער פון די „שטילע געזאַנגען״. מען קען אייגנטלעך זאָגן, אַז אין דוד אײַנהאָרנס לידער איז געקומען צום אויסדרוק דאָס אינדיווידועלע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע. אָפּהענגיק פון דער צײַט און זײַנע אייגענע גרונט־שטימונגען, זענען די אָדער אַנדערע מאָטיוון געווען דער לייטמאָטיוו פון זײַן ליד. אָבער אָפט האָבן זיי זיך, ווי אין דער אידיליע, פאַראייניקט אין איין פּאָעטישן שטראָם.

צו זײַנע לירישע שאַפונגען מיט אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע אַקצענטן, געהערן אַזעלכע אַרבעטער־לידער ווי „העגט״, „דאָס ליד פון מענטש״ און אַנדערע. אויך זײַן שפּעטערדיקע פּאָעמע „רעקוויעם״ (בערלין, 1922) וואָס איז אַ וועלטלעכער „יזכור״ נאָך די צען מיליאָן געפאַלענע אין ערשטן וועלטקריג, קאָן זיכער צוגערעכנט ווערן צו זײַנע שאַפונגען פון סאָציאַלן פּראָטעסט.

סאָציאַלע און גרויס־שטאָטישע מאָטיוון ווײַזן זיך לרוב אין אײַנהאָרנס שאַפונגען הויפּטזאַכלעך אין דעם פּעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דאָס זענען געווען די יאָרן, ווען ער האָט פאַרבראַכט אין פּוילן, דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך. אָט־די טענדענצן האָבן אגב זיך אַרויסגעהויבן אויך אין זײַנע פּאָליטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די בונדישע „לעבנס־פראַגן״ אין וואַרשע, וווּהין ער האָט זיך אין 1917 צוריקגעקערט פון שווייץ. אַ טייל פון די אַרטיקלען זענען שפּעטער אַרײַן אין בוך „שוואַרץ און רויט״ (פאַרלאַג „לעבנס־פראַגן״, וואַרשע, 1920).

אין יאָר 1920, ווען דוד אײַנהאָרן האָט זיך געפונען אין בערלין, האָט ער אָנגעהויבן דרוקן אין „פאָרווערטס״ אַרטיקלען, לידער און קאָרעספּאָנדענצן פון דײַטשלאַנד. אַחוץ זײַן פּובליציסטישער טעטיקייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג, איז אײַנהאָרן אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון אַ צאָל זאַמלביכער, צײַטשריפטן און טאָגצײַטונגען. צוזאַמען מיט אַלטער קאַציזנע האָט ער אין יאָר 1919 אַרויס־

געגעבן אין וואַרשע די זאַמלונג „די תיבה". אין פּאַריז, ווו ער האָט געוווינט אַ לענגערע צײַט, האָט ער רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „עפּאָכע".

אין יאָר 1940 איז אײַנהאָרן אַנטלאָפן פון פּאַריז, אײדער די נאַציס האָבן פאַרנומען די שטאָט, און איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, ווו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". ער האָט אין דער צײַטונג געדרוקט אַרטיקלען, וואָס האָבן גערופן צוריק צום טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבנס-שטייגער.

די „צוריקקער"-שטימונגען האָבן זיך געטראָגן נישט בלויז אין אײַנהאָרנס פּובליציסטישע אַרטיקלען. אויך אין זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען נאָך דער גרויסער ייִדישער און אַלמענטשלעכער קאַטאַסטראָפע האָט זיך דערהערט אַן אַנדערער, אַ נײַער דוד אײַנהאָרן. דער קאָשמאַר פון דער אוישוויץ-עפּאָכע האָט געלייגט זײַן חותם אויף דער ייִדישער ליטעראַטור פון דער לעצטער עפּאָכע. די נאַצישע טשוואַנים האָבן נישט בלויז דער-מאָרדעט מענטשן, נאָר אויך דעם גלויבן אין מענטשן. פון די שענסטע מענטשהײַט-טרוימען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ רויך — דער רויך פון די אוישוויצעס און טרעבלינקעס.

אַ צאָל פון אונדזערע דיכטער, קינסטלער און אינטעלעקטואַלן האָבן אין גאַנצן פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער וועלט און אין דער וועלטלעכ-קייט און זיי זענען געקומען, אָדער צוריקגעקומען, צו די טראַדיציאָנעל-ייִדישע אידעאַלן.

דוד אײַנהאָרן האָט דאָס גרויסע ייִדישע אומגליק באַוויינט אין זײַן לידער-זאַמלונג „אָב הרחמים" (ניו-יאָרק, 1943) און אין אַנדערע לידער.

אויך אין די חורבן-לידער זעען מיר דעם דיכטער ווי אַ בעל-תפילה, וואָס זינגט אויס אַ רירנדיקן „אל מלא רחמים" אויף די מיליאָנען ייִדישע מאַרטירערס, געפאַלענע אין ברוטאַלסטן פעלקער-מאָרד פון דער געשיכטע.

לייענענדיק די דאָזיקע לידער, וואָס זענען תפילות, געשעפּטשעטע בלחש, קומט אויפן זינען אַ בילד פון די אַלט-פאַרגעלטע תחינות, פאַר-פלעקטע מיט די פרומע טרערן פון אונדזערע ערלעכע, גאָטספאָרכ-טיקע באָבעס. אין תוך זענען די נײַע לידער אפשר אַן אָפּהילך פון זײַנע „שטילע געזאַנגען", אַן אָפּהילך וואָס איז „באַרײַכערט" מיט דערפאַרונגען

פון „אָט דער גרויזאַמער וועלט”. דערפֿאַר אָבער אַן דעם ספּעציפֿישן רייץ און נאַיוון חן, וואָס עס האָבן געהאַט דוד איינהאָרנס ערשטע געזאַנגען.

*

מיט קנאַפּע 60 יאָר צוריק, אין דעם ליכטיקן און פֿריש־ראָזן באַגינען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן איינהאָרנס האַרציקע, פֿאַרבענקטע געזאַנגען דערמאָנט אין די תּחינות פֿון אונדזערע גאָטספֿאָרכטיקע מאַמעס. מ׳האָט געזען אין זיי דעם פֿרומען וואַלטיקנער פֿלאַם פֿון וואַקסענע ליכט אין יום־כּיפּור. מ׳האָט פֿאַרנומען אַן עכאָ פֿון גוואַלטיקן געראַנגל צווישן צוויי וועלטן און די גרויסע בענקשאַפֿט פֿון ביאַליקס מתמיד און פֿײַערבערגס „וווּהין?”

מיט די „שטילע געזאַנגען” האָט זיך דוד איינהאָרן אַנטפּלעקט אין דער ייִדישער ליריק ווי אַ דיכטער פֿון בין־השמשות־בענקשאַפֿט, פֿון לעכצנדיקער „בני־היכלא”־שטימונג און אַ טאָן, וואָס פֿאַלט ווי אַ טונקעלער זײַדענער צודעק אויף דער אומרחמנותדיק־נאַקעטער, אָרעמער וועלט.

הגם נישט רײַך אין אויסדרוק־מיטלען, בילדער, סימבאָלן, מיט אַ באַגרענעצטער גאַמע און סקאַלע (אידילישער, סאַמעט־ווייכער טרויער, פֿאַרלוירנקייט און געבעט) האָט איינהאָרן מיט זײַן ליריש־יחידישן שטענדער אין דער ייִדישער פּאָעזיע זינגט דעם ערשטן פּערטל פֿון י״ה פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. מיט עלעמענטן פֿון פֿאָלקס־דיכטונג — פֿון ריינסטן און איידלסטן מין — האָבן די „שטילע געזאַנגען” אַרײַנגעדרונגען אין די ייִדישע היימען. איינהאָרנס עכט־פּאָעטישע, געפֿילפֿולע און איידעלע טענער פֿון „זײַ־זשע, קליין בעריאָזקעלע”... זענען געוואָרן עפּעס ווי אַ מאָדערנער „בני־היכלא” פֿון די שטימונגספֿולע פֿאַרנאַכטן.

די ייִדישע פּאָעזיע איז אין די לעצטע יאָרצענדליגער געגאַנגען ווײַט פֿאָרויס אין ווערסיפֿיקאַציע, מאָדערניזם און ווירטואָזיטעט, אין מײַסטערישער פּראָזאָדיע־טעכניק. געקומען די „יונגע”, „אינזיך”־פּאָעטן: ה. גראַדע, אברהם סוצקעווער, יעקב פֿרידמאַן און אַנדערע. אמתדיקע פּאָעזיע ווערט אָבער נישט פֿאַרעלטערט. נישט געקוקט אויף דער וועזנטלעכער באַגרענעצטקייט פֿון זײַן פּאָעטישן און אינטעלעקטועלן „ראַדיוס”, פֿאַרנעמט דוד איינהאָרן זײַן אָרט אין דער ייִדישער פּאָעזיע אַ דאַנק דער יחידישער מוזיקאַלישקייט און דער געלײַטערטער פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון זײַן ליד.

רייזל זשיכלינסקי

פּאָעזיע איז אין איר מהות אַ תמציתדיקע רעזומע. אויב דאָס איז דער פאַל אַפילו מיט נאַראַטיוו־פּאָעטישע ווערק, וואָס קאָנצענטרירן אין אַ קאָמפּאַקטער פאָרעם ס׳געמיט פון גאַנצע עפּאָכעס, איז דאָס אַוודאי כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דעם לירישן ליד, וואָס „באַגרענעצט״ זיך בלויז צו די שטימונגען און עמאָציעס פון דעם דיכטער.

רייזל זשיכלינסקי איז די מײַסטערין פון דעם קיצור שבקיצור אין דער יידישער פּאָעזיע. אירע לירישע און עפּישע לידער געהערן צו די איי־גנאַרטיקסטע וויניעטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

אָריגינעלקייט איז איבער הויפּט דער סימן מובהק פון דער דיכטערין, וועלכע האָט זיך „אײַנגעמאָלדן״ אין אונדזער ליטעראַטור אין יאָר 1936 מיט איר באַנד לידער (אַרויסגעגעבן דורכן יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע, מיט אַן הקדמה פון איציק מאַנגער).

רייזל זשיכלינסקי, די אויסנעמלעך יידישע דיכטערין, איז קינסטלע־ריש מחיה־מתים די טויטע נאַטור. זי פירט נישט בלויז דעם דיאַלאָג מיט חיות און פלאַנצן און דעם רעגן, נאָר לאָזט אויך אויפזינגען דעם דומם — דעם טיש, דאָס בענקל, דעם בעזעם און אַנדערע נאַטור־מאָרטן:

דער דיאַלאָג פון מײַן מעשענעם לײַכטער
מיט די גרינע קרעלן
איז עלטער פון מיר,

און וועט אָנגיין
נאָך מיר.
ציטער איך פון גליק,
ווען די זון נעמט מיך אַרײַן
אין זייער מיט.

דער נאַטור־מאָרט ווערט לעבעדיקע נאַטור און קריגט שפּראַך און אויסדרוק אונטער דעם שעפערישן הויך פון דער אָריגינעלער דיכטערין. „עפענען דאָס מויל" פון דער אומבאַלעבטער מאַטעריע איז אַ דערגרייכונג פון דער פלאַסטישער קונסט, און די גרויסע, שטאַרקע ווערק פון סקולפּ־טאָרן און מאָלערס האָבן געוויזן, וויפל שעפעריש פײַער מע קאָן אַרויסשלאָגן פון קאַלטן שטיין, פון לײַוונטן און פאַרבן. רייזל זשיכלינסקי, מיט איר „מענאַזשעריע" פון שטומע קרעאַטורן, מעבלשטיקער און אַנדערע קעגנ־שטאַנדן, האָט אַרײַנגעבלאָזן אין זיי אַ רוח חיים, אַ שעפערישן אָטעם. זי הייבט אַרויס אויף דער דערקענטעניש־אויבערפלאַך פלאַסטן און צו־שטאַנדן פון טיף־דרעמלענדיקע שפּירונגען פון איר אוני־ווערס און זי טויכט־אונטער די באַוווסטזײַן־שיכטן אין טיפע אַנונג־אָפּגרונטן.

אין רייזל זשיכלינסקיס בליציקע אימאַזש־וויניעטן ווערט די רעאַלע וועלט אַרומגענומען מיט אַ מיסטישער בין־השמשות שײַן, און דאָס גע־היימנישפולע, חלומדיק פאַנטאַסטישע, ווערט רעאַל, ווי זי זינגט אין ליד „זוניקע טעג":

אין זוניקע טעג
שטעל איך פאַרזיכטיק מײַנע טריט,
ווײַל נאָר איין טראָט
טיילט מיך אָפּ פון די אָפּגרונטן.

דער „שפּאַציר" אויפן ראַנד פונעם זײַן, די אַנטפּלעקונגען מאַחורי הפרגוד פון דער אַזוי־גערופענערווירקלעכקייט — אײַנגעשלאָסן די אַנט־דעקונגען פון דעם געהיימנישפולן אין איר גופא, דאָס זענען אייגנשאַפטן פון טיפער פּאָעטישער זע־קראַפט, פון אַ מין „זעקסטן חוש", וואָס דרינגט אַרײַן אונטער דער מאַטעריעלער שאָל פון דער עמפּירישער וועלט: אייגנשאַפטן,

וואָס זענען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער „היטערין פון שווײַגנדיקע טירן״.

רייזל זשיכלינסקי, די דיכטערין פון מיניאַטור־ליד, באַווײַזט די קונסט פון גוואַלטיקער וויזיאָנערישער און עמאָציאָנעלער קאָנצענטרירטקייט אין אַזאַ לײַכטנדיקן ליד, ווי „עס ציטערט דער ים״, וואָס האָט 7 דימענטענע שורות:

עס ציטערט דער ים אויף מײַן ברעם:
נעם מיך אַהיים,
נעם אַהיים.
נעם מיך אַרײַן אין דײַן טרער,
אין אַ סטראָף פון דײַן ליד —
נעם מיך מיט!

(„שווײַגנדיקע טירן״)

דער בליציקער וויניעט איז אין זײַן יחידישער מיניאַטור אַ מוסטער פון קאָסמישער פּאָעזיע (ווי דער ים וואָס איז קאָנצענטרירט אין אַ טראָפּן וואַסער), פון קינסטלערישן קפיצת הדרך, פון דערהויבן דעם ים צו דער טרער און פון דער טרער צום ים.

רייזל זשיכלינסקי האָט זיך קונה שם געווען שוין מיט אירע צוויי קליינע אין כמות, אָבער וואָגיקע אין אינהאַלט לידער־זאַמלונגען (אין 1936 און 1939). נאָכן חורבן פּאַרעפנטלעכט זי אין וואַרשע דאָס לידער־בוך „צו לויטערע ברעגן״, און אין יאָר 1962 איז דערשינען אין ניו־יאָרק איר בוך, „שווײַגנדיקע טירן״, אַן אָפּקלײַב פון אירע לידער, געשריבענע אין די יאָרן: 1933־1961. אין 1969 איז דערשינען איר לידער־באַנד „האַרבסטיקע סקווערן״.

אין די אַלע לידער־זאַמלונגען דאָמינירט די מיניאַטור־פאָרעם. אינ־האַלטלעך צייכנט זיך אויס די דיכטערין מיטן שאַפן די ספּעציפישע אַטמאָס־פער פון סוד און וווּנדער אין דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט און איר כאַ־ראַקטעריסטישער מיליע. די לאַנדשאַפט פון טריוויאַלע אָביעקטן, וואָס ווערן אָנגעהויכט מיט אַ חלומדיקער סובסטאַנץ, נעמען אָן קאָסמישע די־מענסיעס.

פון איין אַספעקט ווירקט די מאַנאָליטיש קאָנצענטרירטע פאָרעם און די בין־השמשותדיקע „פּאַליטרע״ איז אַ ביסל מאָנאָטאָן. אין תוך איז אָבער רייזל זשיכלינסקיס פּאָעטישע שאַפונג אַזוי פאַרשײדנאַרטיק און פאַרשײדנפאַרביק ווי די נאַטור, וועלכע איז גלײַכצײַטיק אי מאָנאָטאָן אי פּילקאָלי־ריק.

אין אירע נײַסטע צוויי ביכער — „שווײַגנדיקע טירן״ און „האַרב־סטיקע סקווערן״ — האָבן מיר אַ דורכשניט פון די נישט־דורכשניטלעכע לידער פון דער איינציק־אַרטיקער דיכטערין. מיר געפינען דאָרט אירע באַרימט־געוואָרענע „נאַטור־מאָרטן״ ווי: „צו שפּעט״ (כ׳האָב נישט אויס־געהערט דעם רעגן ביזן סוף, כ׳בין אײַנגעשלאָפן און אַז כ׳האָב זיך אויפ־געכאַפּט איז שוין געווען צו שפּעט — — —״); „אַליין״, „אין מיטן קערן״ און אַנדערע; נאַטור־לידער; חורבן־מאָטיוון; אורבאַנישע בילדער; עקזאַל־טאַציע פון דער אָרעמקייט, פון אָרעמע מענטשן, און אַזעלכע לידער, וואָס מען קאָן באַצייכענען ווי קאָסמישע:

כ׳האָב ליב די בערגלעך —
זיי זענען עלטער פון מיר
מיט אַזוי פיל נעכט,
מיט אַזוי פיל נעכט.

כ׳האָב ליב דעם טײַך —
ער איז קליגער פון מיר
מיט אַזוי פיל טעג,
מיט אַזוי פיל טעג.

כ׳האָב ליב דעם בוים —
ער איז ברייטער פון מיר
מיט אַזוי פיל בלעטער,
מיט אַזוי פיל בלעטער.

כ׳האָב ליב דעם וואָלקן —
ער איז שווערער פון מיר

מיט אַזוי פיל טרויער,
מיט אַזוי פיל טרויער.

כ׳האָב ליב דעם שטיין —
ער איז שטילער פון מיר
מיט אַזוי פיל שווײַגן,
מיט אַזוי פיל שווײַגן.

כ׳האָב ליב דאָס זאַמד —
עס איז העלער פון מיר
מיט אַזוי פיל ליכט,
מט אַזוי פיל ליכט.

רייזל זשיכלינסקיס צוגאַנג איז נישט דער קאָנווענציעלער „הלל״ צו דער דאַמע נאַטור, אָדער אַ רעאַליסטישע שילדערונג פון אירע „מעלות״, אָדער רעפלעקסיעס אונטערן אײַנדרוק פון נאַטור־בילדער. אין אירע נאַטור־לידער ווי אין אירע געזאַנגען און זוונגען פון אַן אַנדערן כאַראַקטער, איז איר אופן פון אײַנדרוק און אויסדרוק אַ גאָר אייגנאַרטיקער און אומגעווייַנטלעכער. זי אַליין דערשײַנט פאַר אונדז ווי אַן אָפּגעשפּרונגען טיילעכל פון דער מיסטעריעזער וועלט, מיט וועלכער זי אידענטיפיצירט זיך אין בין־השמשותדיקע זוונגען און עמאָציעס; זי איז אַליין אַ טראָפּן פון דעם אומענדלעכן אָקעאַן, מיט וועלכן זי פאַראייניקט זיך ווידער. זי מאַכט נישט בלויז לעבעדיק די אומבאַלעבטע נאַטור, נאָר פאַרקערפּערט זיך אויך ווי אַ שטומער באַשטײַטײַל פון איר:

„ביז איך ווער אַ שטיין בײַם וועג״, ווי זי זינגט אין דעם ליד „די בערגלעך זענען מײַנע שכנים״.

גאָר אינטערעסאַנט זענען די אורבאַנישע לידער אין די „שווײַגנדיקע טירן״ און „האַרבסטיקע סקווערן״. ניו־יאָרק, דער וועלט־„קראך״, די עולם התוהודיקע מעטראָפּאָליע ר ע ד ט אין ליד „אויפן טיימס־סקוועה״:

אַלע זייגערס אויפן טיימס־סקוועער
קלינגען אויס די בשורה פון פאַרגיין,
— — — — — — — — — — —

אָן אויפהער שטראָמט דער מענטשנטײַך
פאַרבײַ, פאַרבײַ — —
די מוווי־גייערס,
די גליק־זוכערס,
די פײַער־שלינגערס,
די מעסער־וואַרפערס!
נאָר אַלע זייגערס אויפן טיימס־סקווער
קלינגען אויס די בשורה פון פאַרגיין —
אַליין, אַליין.

די אונטערשטע שורה: דער טראַגישער סך הכל איז דאָס פאַרגיין אַליין — די אומגעהויערע איינזאַמקייט פון 8 מיליאָן „סטרענדזשערס" וועמענס איינזאַמקייט ווערט נאָך באַטאָנט אין דער אומהיימלעכער כּמו־„היימלעכקייט". ס'איז די קאַלעמוטנע „חתן־מאַך דיר אַ לב" פריילעכקייט פון די נשמות היבשות אין דעם טויט־באַלעבטסטן פּלאַץ אין דער וועלט.

דער עלנט פון דער אורבאַנישקייט אָדער חורבנישקייט ווערט אויך פּאָעטיש פיקסירט אין דעם ליד: „ווּהין קומען אַהין די רייד":

ווּהין קומען אַהין די רייד
פון די מענטשן
וואָס ריידן צו זיך אַליין
אויף די גאַסן פון דער שטאָט ניו־יאָרק?
פאַלן זיי אויפן ברוק אַראָפּ
בלויז שטויב?
אָדער בלאָנדזשען זיי אַרום אייביק פאַרלוירן
צווישן די פּלאַנעטן —
קליינע, ווײַסע, עלנטע שטערן?

די רייד פון עלנטע מענטשן — פאַרוואַנדלט אין קליינע, ווײַסע, עלנטע שטערן, וואָס בלאָנדזשען אַרום אייביק פאַרלוירן צווישן די שטערן — דאָס איז די אָריגינעלע שעפערישע אימאַזשינאַציע פון דער דיכטערין, וואָס

כאַפּט אויף די דממה־דקה טענער, די שאָטנס, און פאַרוואַנדלט זיי אין סימ־באָלן, וואָס ווירקן מיט זייער אַנטפּלעקערישקייט.

דער אורבאַנישער חורבן־פּייזאַזש, דער קאָלאָריט פון פאַרלענד און די כף הקלעדיקע פּאַנאָראַמע קומען צום אויסדרוק אין אַזעלכע לידער ווי: „גיי איך פאַרביי", ווו די דיכטערין הערט „אָטעמען די האַק" פון די באַהאַלטענע ראַסקאָלניקאָווס אין ליידיקע דירות.

אַ סך־הכלדיקער עפּיטאַף פון דער מאָנסטער־גאַס געפינט זיך אין דעם אַפּאָקאַליפּטישן ליד „אַ טויטער פויגל":

אַ וואָלקן ציט אויס אַ שווערע
דראָענדיקע האַנט —
גאָטס פינגער ווערט באַלד אַלע
אַריינשאַרן אין ים.

פאַר רייזל זשיכלינסקי איז דער ליידיקער בײַטאָגיקער „סאָבוועי" פול מיט גײַסטער, „וואָס שלייפן מיט די פיס די אײַזערנע אָפּגעריבענע טרעפּן", און די אומענדלעכע איינזאַמקייט איז סימבאָליזירט דורך גאַסן און סקווערן:

וואָס לויפן אין לאַנגע, גלײַכע פּאַראַלעלן,
וואָס קענען קיין מאָל זיך נישט טרעפן.

*

רייזל זשיכלינסקיס חורבן־לידער דערמאָנען מיט זייער שטילקייט אין דער כינעזישער פּאָעזיע. נישטאָ אין זיי דער מקוננדיקער געשריי און גע־וויין, נאָר דאָס טיף־זעענדיקע; נישט דער עקספּרעסיאָניסטישער „אוי", נאָר די אימפּרעסיאָניסטישע וויזיע. די טיפע דימענסיע פון ייִדישן פאַר־לענד דערגרייכט בײַ איר צו דער מדריגה פון אבן מקיר תזעק. אין אַזעל־כע לידער ווי: „גאָט האָט באַהאַלטן זײַן פּנים", „מײַן שוועסטער חנה", „וואַרשע 1939", „פון אַ וואָלקן קוקט אויף מיר מײַן מאַמע" און אַנדערע.

אין אירע חורבן־לידער, ווי בכלל אין אירע לירישע וויניעטן, טיילט זיך די דיכטערין אויס מיט איר שעפערישער אָריגינאַליטעט. איר ליד איז נישט סתם אַ פּאָעטישער פלאַדן, אָנגעפילט מיט „געפילן", מיט לי־רישע „ראָזשינקעס", מיט „מעדיטאַטיווער פּוטער", נאָר מיט אַ קאָמפּאַק־

טער וויזיאָנערישער מיניאַטור, וואָס נעמט אַרײַן אין זיך די וועלט אין איר פיל־געשטאַלטיקייט, ווי זי ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דעם געמיט פון דער דיכטערין.

רייזל זשיכלינסקי ברענגט אַ הויך פון דעם אומענדלעכן, אַ קאָסמישן ציטער מיט אירע לידער, אין וועלכע „טירן עפענען זיך אַליין״ און כאַפּט אַ בליק, אין מאָמענטן פון בליציקע אַנונגען און זעונגען, צום „דאַך־פענצ־טער״, פון וואַנען ס׳קומט „דאָס טרייסטנדיקע, — דאָס אייביקע ליכט״.

אין אַזעלכע פאַרכישופטע מאָמענטן לײַכטן, ווי אַ מאַגישער קאַראַהאָד פון פײַער־פליגן אין אַ בליצן־דורכגעצוקטע, זומער־נאַכט, די טיפע סימ־באָלן, זעונגען און אימאַזשן פון דער דיכטערין:

אַלץ איז גרייט,
פאַר געבורט?
פאַר טויט?
די זון איז אונטערגעגאַנגען
אין איר לעצטן רויט.
די פייגל זענען אַריבערגעפלויגן
פון גרוי צו שוואַרץ
און שטיל געוואָרן.
דער אומזעבאַרער,
וואָס קוקט אונדז אייביק אָן,
וואָס וועט ער איצט טאָן מיט אונדזער האַלדז?

(„אַלץ איז גרייט״)

די אָריגינעלע וויזיע און דער סימבאָל זענען די מאַגישע שפּרוכן, וואָס עפענען פאַר דער דיכטערין, און פאַר דעם לייענער, די געהיימע טירן פון דער חלום־ווירקלעכקייט. דאָס איז נישט די פּאָעזיע פון שפּראַך, נאָר פון שפּרונג און רמזים, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַזאַ ליד ווי: „פאַר־געגנגלעך זענען מײַנע שוועסטער״:

פאַרגענגלעך זענען מײַנע שוועסטער
אין די דערפער,

איבּיק לעבּ איך אין די גרויסע שטעט.
כ׳האָבּ אַלע מאָל אַן אַנדערן אַדרעס,
נאָר שטענדיק וואַכט איבּער מיר פּאַלאַריס.
זומער שפּאַציר איך אין די גערטנער
פון בבל,
ווינטער שרײַבּ איך בריוו אויפן שניי;
מײַנע קליידער האָבּן שטענדיק דעם קאָליר
פון בלעטער־פאַל,
פון אַלט גאָלד איז געוועבּט מײַן שאַל.

דאָס ליד קלינגט אין טאָן אַ ביסל מאַנגעריש, אָבּער עס פאַרמאָגט אַן אייגענע „פּראָבּע" פון פּאָעטישן גאָלד. אין אַזעלכע לידער ווי: „פאַר נאַכט", „וועג", „אַדיע, וועלדער" און „אַלץ וועט געדענקען", לאָזן מיר זיך אויף אַ שפּאַציר אין דעם פאַרכּישופטן לאַנד פון אונדזער „סינדערעלאַ", ווו ס׳רוישן סימבּאָלן־וועלדער און ס׳פּאָכען די פליגל פון מיסטעריע אויף יעדן טריט.

*

רייזל זשיכלינסקי איז אַ ראַסאָווע דיכטערין, וואָס דערמאָנט אין דער ווונדערלעכער פּאָעזיע פון מאַנגער, מאַני לייבּ, קולבּאַק און משה לייבּ האַלפּערן, הגם איר פעלט זייער פּאָעטישער דיאַפּאַזאָן און סימפּאָנישקייט, אָבּער אויך אין איר באַגרענעצטקייט אין פאַראַן דאָס מאַגישע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אָנגערופענע פּאָעטן.

אירע לידער קומען פון אַ סאָמנאַמבּולישן טראַנס; זי איז אַ „מעדיום", דורך וועלכן ס׳רעדט אַרויס דער גײַסט פון פּאָעזיע, פון אַנונג און זעונג.

די „אויפגאַבּע" פון פּאָעזיע, ווי פון קונסט בכלל, איז נישט צו אַנט־פּלעקן דעם סוד פון לעבּן; נישט אויסצופאָרשן די געהיימע קאָרידאָרן פון זײַן, נאָר צו ווײַזן דאָס זײַן פון דעם סוד, פון דער גרויסער רעטעניש, וואָס רינגלט אונדז אַרום, און פון וועלכער מיר זענען אַליין אַ טייל. אין דעם זין האָט רייזל זשיכלינסקי אויסגעפירט די אָ אויפגאַבּע מיט אירע בלי־ציקע און מאַגישע לידער־וויניעטן, וואָס שימערירן מיט אַ געהיימנישפולן פּאָספאָרישן ליכט.

אליעזר גרינבערג

דער דיכטער און עסייאיסט אליעזר גרינבערג געהערט צו די שטילע, שעפערישע שרײַבערס, וואָס שטעלן נישט אויס קיין אַסטראָנאָמישע „אײַ־ביקייט־טשעקן", אָבער זייער פּשוט וואָרט איז געדעקט מיט אינהאַלט. ער געהערט צו די שרײַבערס אָן גרויסקייט־פּרעטענזיעס, אָן (אָפּט פּאַרפּירע־רישע) פּירער־מאַנטלען מיט רום־עפּאָלעטן און רעקלאַמע־טראַלדון. —

אליעזר גרינבערג, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע פון שטעטל ליפּקאַן, בעסאַראַביע, אין 1913, אין עלטער פון 17 יאָר, האָט פאַרהעלטע־נישמעסיק שנעל זיך אַקלימאַטיזירט אין דער „גאָלדענער מדינה" און אין 1921 אַפילו שטודירט אין מישיגען־אוניווערסיטעט, בעל אַרבאָר. ער האָט אָבער זיך נישט „אַנטגרינט", נישט פאַרטאַכליעוועט זײַן גײַסטיקע ירושה, די „אוירא ד'ליפּקאַן", פון דעם שטעטל וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ גרופּע טאַלאַנטירטע שרײַבערס. אָט די פרישע שטעטלדיקע גרינקייט פון פּאַע־טישן געמיט איז פּרוכטיק געצײַטיקט געוואָרן דורך זײַן אײַנבײַסן די האַרטע נוס פון דער ווירקלעכקייט און פאַרדײַען דעם קערן פון דער אַמעריקאַנער קולטור. די רעזולטאַטן פון גרינבערגס גײַסטיקן „שידוך" זענען זײַנע 6 ביכער לידער: „גאַסן און עוועניוס" (1928), „פון אומעטום" (1934), „פישערדאָרף" (1938), „די לאַנגע נאַכט" (1946), „בײַנאַכטיקער דיאַלאָג" (1953), און „אייביקער דאָרשט" (1968). ער איז אויך שעפעריש אויפן געביט פון ליטעראַטור־קריטיק און האָט פאַרעפנטלעכט אַ מאָנאָגראַפיע „משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זײַן דור" (1942), ווי אויך קלענערע

שטודיעס אין בוך־פאָרעם: „צענטראַלע מאָטיוון אין ה. לייוויקס שאַפן״ (1961) און „יעקב גלאַטשטיינס פרייד פון יידישן וואָרט״ (1964). ער האָט אויך, צוזאַמען מיט פּראָפ׳ אירווינג האַו, אָפּגעקליבן, איבערגעזעצט אויף ענגליש יידישע דערציילונגען א״ב „עי טרעזשורי אָוו יידיש סטאָריס״ און לידער פון יידישע דיכטערס א״ב „ען אַנטאַלאָדזשי אָוו יידיש פּאָעטרי״, מיט אויספירלעכע איבערבליק־הקדמות געשריבן פון ביידע מחברים, און אויך אַ זאַמלונג יידישע עסייען אויף ענגליש.

די פּאַראַייניקונג פון נאַיוו־פּאַסטאָראַלן און ראַפינירט־אורבאַנישן, פון עמאָציאָנעלן און מעדיטאַטיוון, פון שטעטלדיקער פרישקייט און גרויסשטאָטישן לאחר־יאוש, קומען צום אויסדרוק אין אַ פאַרשיידענער עלעמענטן־קאָמפּאָזיציע אין זיינע ווערק — אָנהייבנדיק פון זיין ערשטן ליד, „אין אַ גרויסער שטאָט (געדרוקט אין „די נייע וועלט״ אין 1920), ביז זיין לעצטן לידערבוך „אייביקער דאָרשט״.

וועגן דעם לעצטן בוך לאָזט זיך זאָגן, אַז „די לידער איבערראַשן נישט מיט קיין קינסטלערישע פיירוועריק. זיי פלאַקערן נישט אויף פון צייט־צו־צייט מיט קיין קאָנוולסיווער שורה, נאָר לייכטן מיט אַ שטילן, בלאָען פלאַם״. אין דער דאָזיקער לידער־זאַמלונג מערקט זיך אַ געלייטערטקייט פון טאָן און פון אונטער דער אורבאַנישער רויִנען־לאַנדשאַפט פון גייסטיקן חורבן, אַפילו פון פיזישן ערב־אונטערגאַנג שלאָגן דאָך אַרויס די דאָרשט־קוואַלן פון אייביקער בענקשאַפט און ס׳גרינט די אומפאַרלעשלעכע האָפענונג:

דער ברענענדיקסטער דאָרשט פון דאָרשטן
בלייבט דער דאָרשט דער נישט־געשטילטער.
דער פלאַם פון אמת אויסגעפאָרשטן
גייט אויס אין אַש אַן אָפּגעקילטער.

אליעזר גרינבערג איז אורבאַניסטיש סיי אין זיין גרויסשטאָטישער טעמאַטיק, סיי אין מאָדערניסטישן אָנווענד פון פּאָעטישן אידיאָם און לעקסיק, וואָס איז, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — נישט אַלערגיש לגבי די טריוויאַלע וואָכעדיקייטן פון לעבן. ער איז אָבער אַ געמעסיקטער מאָדערניסט און אַוודאי איז ער נישט קיין פּראָזאָדישער אַקראָבאַט. מאָדער־

ניזם איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַ מין אַראָפּוואַרפן די ענג־געוואָרענע פּאָרעם־הויט. קונסט, ווי דאָס לעבן, קאָן נישט זײַן סטאַגנאַנט, סטאַטיש, און קומט צום אויסדרוק אין באַוועגונג, צירקולאַציע און ריטעם. מאָדער־ניזם טאָר אָבער נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עבודה זרה. די נײַע פאָ־רעם דאַרף נישט זײַן קיין שפּיל אין פאַרבלענדעניש, קיין שפּרינגברעט פאַר טריקמײַסטערס, נאָר אַן אַנטשפּרעכיקער מעדיום פאַר אַ נײַער גײַסטיקער רעאַליטעט און געפילן־וועלט.

אין זײַן לידערבוך „די לאַנגע נאַכט", וואָס סימבאַליזירט די גרעסטע געשיכטלעכע פינצטערניש, באַזונדערס אין לעבן פון ייִדישן פאָלק, זעט מען גרינבערגן דעם אורבאַניסטישן פּאָעט. שוין די נעמען פון די באַזונ־דערע לידער זענען אורבאַנישע עדותשאַפט: „גאַסן"; „האַוז פאַר סעיל"; „לאָמבאַרדן"; „פאַרנישד רומס"; „באַלאַדע פון גאָטס איינזאַמסטע קינדער" (וועגן גאַסן־מיידלעך) און אַנדערע גרויסשטאָטישע „פּראָדוקטן".

אין „די לאַנגע נאַכט" דאָמינירט אויך די סביבה־מאָלערישקייט ווי אַ סינטעז פון עמאָציאָנעלן און מעדיטאַטיוון:

> שפּעטער האַרבסט.
> עס טריפט פון אַלץ דאָ בלוט און זשאַווער פון דײַן וועלקן זיגל.
> אויף הפקר וואַלגערט זיך דאָ האָב־און גוטס פאַר מערדער, פאַר שענדער:
> אַ זאַטע קראָ דוכנט איבער חורבן מיט אויסגעשפּרייטע פליגל —
> און פליטים יאָגן זיך איבער פרעמדע, פּײַנטלעכע לענדער.
>
> („לאַנדשאַפט מיט פליטים")

אליעזר גרינבערג גיט איבער דעם גרויל פון דער לאַנדשאַפט מיט אויטענטישע זעונגען, וואָס דריקן זיך אויס אין די מעטאַפאָרן, ווי „בלוט און זשאַווער פון דעם האַרבסטס וועלקן זיגל" און פון דער „קראָ, וואָס דוכנט איבער חורבן מיט אויסגעשפּרייטע פליגל". דער מעטאַפאָר איז בכלל אַן אומאָפּפרעגלעכער עדות דערויף, אַז דער דיכטער איז „געווען" אין אַ סי־טואַציע, אַ ווירקלעכקייט, וועלכע ער שילדערט און פירט אַהין אַרײַן אויך דעם לייענער.

דער פּאָעט פון דער לאַנגער נאַכט אינסצעניזירט אַ נײַעם „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק". ער ברענגט צונויף י. ל. פּרצן און „באָנטשע שווײַג" אין וואַרשעווער געטאָ אין אַ ליד אונטער דעם נאָמען:

לאָז מיך אויפעפענען די אייביק פאַרשלאָסענע ליפּן,
וואָס זענען אַ לעבנלאַנג געווען מיט שוויַיגעניש פאַרזיגלט!
לאָז מיך אויפפּראַלן דאָס האַרץ, וואָס האָט אַ לעבנלאַנג געכליפּעט
אין שוויַיגעניש — אויף טויזנט ריגלען פאַרריגלט!...

דאָס אויפגעריסענע שוויַיגן פון פּרצעס פאַרשטומטן העלד, דעם איי־ביקן שותק, אין מיטן דער אומאויסשפּרעכלעכער פורעניות פּאַנאָראַמע פון דעם פינצטערן גיא צלמות און זיַין אויסטענהן זיך מיט זיַין שעפער אין דעם ליד איז איינס פון די רירנדיקע און טראַגישע „איכה׳ס" אויפן דריטן חורבן.

אליעזר גרינבערג האָט אין „די לאַנגע נאַכט", אין דעם ליריש־דראַ־מאַטישן און מאָלערישן „קאַטאַלאָג" פון אומקום און חורבן אויך אַ „פּאָ־זיציע": „אונדזער קליינע מסיבה", ווו ער קלאָגט:

. . . און יידישע דערציילער, חלום־שפּינער און פּאָעטן —
ווער איז נאָך איינזאַם ווי מיר אין דער שנאהפולער וועלט?
אַ לעבנלאַנג צו צערטלען ווערטער, זיי קנעטן —
און ווי קערנער זיי פאַרזייען אויף אַ שפּעט־האַרבסטיקן פעלד?

און הערן ווי אין בבל פון לשונות ווערט פאַרטויבט
און פאַרגרילצט אונדזער לשון אין דער דראָענדיקער פרעמד:
ווי אונדזער יוגנט — דער אייביקער פרילינג — ווערט גערויבט,
און ווי אונדזערע ביכער שטייען שטומע, פאַריתומט און פאַרשעמט.

דאָ דערפירט אונדז דער פּאָעט צו אַן אויפגעצוווּנגענער דיגרעסיע:

ס׳איז דער שטייגער פון פּאָליטישנס צו זיַין דיפּלאָמאַטיש און אַוודאי דאַרף מען אַ מאָל זיַין דיפּלאָמאַטיש און געבן זיך אַ קניַיפּ אין דער באַק אַז די פאַרב זאָל בליַיבן... עס גיבן אָבער פאַלן, ווען די בעסטע פּאָליטיק איז צו זיַין אויפריכטיק. דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר אַ מעגלעכער גענעזונג פון אַ קראַנקייט איז — צו וויסן אַז מען איז נישט געזונט. נישט די „קאַסאַנדראַס" זענען געפערלעך, נאָר די שפּראַכלעך־קולטורעלע אַלרײַטניקעס. טאַקע אליעזר גרינבערג ברענגט אונדז צום דאָ־זיקן אויספּיר מיט זיַין האַרץ־קלעמענדיקער עלעגיע וועגן דעם גרויסן עלנט פון אונדזערע וואָרט־קינסטלערס. זיַין איכה ישבה יידיש איז

פול מיט באַדויער סײַ אויף די זייערס און סײַ אויף די קערנער, וואָס ווערן געוואָרפן „אויף אַ שפּעט־האַרבסטיקן פעלד".

אין אליעזר גרינבערגס לידער דאָמינירט אַן עטישער לייטמאָטיוו. זײַן גענאַנג צו לויטערקייט און פשטות איז צו די דערנידעריקטע און באַליי־דיקטע פון לעבן, צו די אָרעמע, היימלאָזע און געשלאָגענע פון גורל.

די אומהיימלעכע ווירקלעכקייט פאַרלעשט אָבער נישט בײַ אים דעם לעצטן פונק פון גלויבן און האָפענונג. אין מיטן פון דעם רעאַלן מידבר ראַטעוועט ער זיך און דעם לייענער מיט אַן אימאַגינירטן דערפרישנ־דיק־קוואַליקן אָאַזיס, און דאָס מעג זײַן אַפילו אַ ווײַטער שימער פון אַ לאַנג־פאַרשוווּנדענעם, אָבער לײַכטנדיקן נאָמען:

אַ נאָמען ברענגט פרייד און ברענגט טרערן,
און קאָן פרילינגדיק שמייכלען ווי בעז:
אַ נאָמען קאָן אויפגיין ווי שטערן —
און לײַכטן אַזוי ווי אַ נס.

— — — — — — — — — — — —

אָ וועגווײַזער איר מוטיקע, אייביק ווי געבאָטן
לײַכטן אײַערע טאַטן דורך לייד און דורך נויט:
ווו איר האָט נאָר דורכגעשוועבט, ווו איר האָט געטראָטן —
בליט אײַער טויט אין אײַער לעבן, און אײַער לעבן אין אײַער טויט!...

*

אליעזר גרינבערגס עסייאיסטיש־קריטישער „שניט" באַשטייט, דער עיקר, אין די דרײַ שוין דערמאָנטע אַרבעטן. די ערשטע — די מאָנאָגראַפיע וועגן משה לייב האַלפּערן — איז אַ בוך פון 140 זײַטן, אין וועלכן דער מחבר ברענגט דעם פּאָרטרעט פונעם פּאָעט אין דער ראַם פון זײַן דור, די פאַר־שיידענע טענדענצן פון זײַן צײַט און גײַסטיק־קינסטלערישע ריכטונגען אי־נעם ערשטן דריטל פון אונדזער יאָרהונדערט. אין דער שטודיע איז גרינ־בערגן געלינגען אויפצוכאַפּן די וועזנטלעכע שטריכן פון משה־לייב האַל־פּערנס מעכטיקן טאַלאַנט און די אייגנשאַפטן פון זײַן פּערזענלעכקייט. ער טײַטלט אָן אויף זײַן טראַגישן געראַנגל און אינערלעכן קאַמף, אָבער ער שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם עיקר: אַז די עכטע צעשפּאָלטנקייט, וואָס עסט אים אַליין אויף, נערט אין דער זעלבער צײַט משה לייבס טאַלאַנט און צינדט

אָפּט מאָל אָן זײַן סקעפּסיס מיטן פּײַער פון פוילגעהילץ, וואָס לײַכט אַזוי כישופדיק, אַזוי פאַרפירעריש אין פינצטערע נעכט... איז דאָס נישט בלויז אליעזר גרינבערגס אַ טרעפלעכער דורכלויכט פון נשמהדיקע סובסטאַנצן בײַ זײַן „העלד", נאָר אויך אַ פײַנער קינסטלערישער מעטאַפאָר, וואָס רעדט סוגעסטירנדיק וועגן האַלפּערנס מהות.

ער זאָגט אויך, אליעזר גרינבערג, מיט נישט ווינציק סאַטיספאַקציע, אַז מענטשן מיט נישט קיין צו־גרויסן אינטערעס צו דיכטונג האָבן זיך דאָך ערנסט אינטערעסירט מיט משה־לייבס לידער. און נאָך באַמערקט גרינבערג, און דאָס איז זייער ריכטיק, אַז משה־ליב האַלפּערן האָט אויך געהאַט דעם כוח אַרויסצורופן צו זיך קוריאָזיטעט.

צו די גאָר געלונגענע כאַראַקטעריזאַציעס געהערן אויך דורכדרינגענדיקע באַמערקונגען וועגן האַלפּערנס ביזאַר־גראָטעסקע לידער פון זײַן לעצטן טראַגישן פּעריאָד, די לידער וואָס זענען אײַנגעזאַמלט געוואָרן אין די צוויי בענד, וועלכע זענען דערשינען נאָך דעם דיכטערס טויט. אין אַלגעמיין איז גרינבערגס בוך אַ ווערטפולע אַרבעט וועגן אונדזער טראַגיש־גרעסטן דיכטער. האַלפּערן איז דער ווולקאַנישער טעמפּעראַמענט, אַ דעמאָניש־פאַרשאָלטענער און גאָט־געבענטשטער פּאָעט פאַר עקסעלאַנס, מיט זײַן קאַפּריזנער שיינקייט, מיט זײַן סימפאָנישער מוזיק פון דער פויק, פידל, אָרגל און פלייט.

אַ סאָלידע שטודיע איז אויך אליעזר גרינבערגס עסיי וועגן לייוויקן, אין וועלכן דער עסייִסט אַנאַליזירט די פּיזיש־גײַסטיקע מיליע, די גאַרע פּאַנאָראַמע און דאָס גלײַכן דעם קלימאַט אַרום דער אייגנאַרטיקער לייוויק־געשטאַלט.

ה. לייוויק, דער אין־זיך־קאָנצענטרירטער אידעאַצענטריקער האָט פאַרוואַנדלט זײַן ליד אין אַ קינסטלערישן לעיזער־שטראַל, וואָס בויערט דורך די ווײַטסטע געדאַנק־ און געפיל־רעגיאָנען. אמת, זײַן אייביקער מוסר ווערט צו מאָל מאָנאָטאָן ווי די שטראָפּרייד פון אַ מגיד אין אַן אומעטיק־שנייִיקן שבתדיקן נאָך־מיטאָג אין אַ שטעטלדיקער שיל, און זײַן אויטאָ־עקידה דערמאָנט אין אַ גײַסטיקער טאָרטורן־באַנק. לייוויק איז אָבער אויף יעדן פאַל אַ מאָנומענטאַלע דיכטער־געשטאַלט, און גרינבערג האָט אונדז געגעבן קורצע, אָבער וועזנטלעכע עיקר־שטריכן פון דער דאָזיקער געשטאַלט:

„לייוויקס דיכטונג געהערט נישט צו די לײַכטע, צוקער־זיסע און מע־לאָדיש־זינגעוודיקע לידער; זי איז אָפט מאָל אַפילו גאָר נישט־היימלעך, אָבער מיט איר טיפער עכטקייט... האָט זי זיך אַרויפגעצוווּנגען אויף דער גרעסטער צאָל לייענערס פון גוטער יידישער פּאָעזיע אויף דער גאַנצער וועלט".

אין דער שטודיע וועגן יעקב גלאַטשטיינען שרײַבט אליעזר גרינבערג, אַז זײַן פּאָעזיע איז אַ געמיש פון קילן מעדיטאַטיוון אינטעלעקטואַליזם און אָנגעגליטער עמאָציע און אַז „זײַנע לידער זענען אין דעם געמיט... ווי אַ מענטש רעדט צו אַ מענטש". ער אַקצענטירט אין גלאַטשטיינס „פרייד פון יידישן וואָרט" און אין אַנדערע לידער די „אייגנאַרטיקע מוזיקאַלישע וואַריאַציעס... אימאַזשן, מעטאַפאָרן און די ווײַט־גייענדיקע סוגעסטיעס און אַסאָציאַציעס; זײַן מײַסטערשאַפט און פאַרליבטקייט אין יידיש־לשון, וואָס ער קנעט, פורעמט און באַרײַכערט מיט שפּראַכלעכע חידושים".

גרינבערג איז אָבער נישט קיין חסיד פון מאָדערניזם לשם מאָדער־ניזם. ער באַמערקט, אַז אונטער דער פאָן פון מאָדערניזם, וואָס מיינט אייגנטלעך, אין ברייטערן זין פון באַגריף, באַנײַונג, שטעלט מען אָפט מאָל אויס... פּראָסט און פשוט אויף — באַוווסטזיניקע קונצנמאַכערײַ.

אליעזר גרינבערג אַנאַליזירט, אָן „טיפע פשטלעך", אין אַ קלאָרן און זאַכלעכן סטיל, די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון יעקב גלאַטשטיין דעם פּאָעט.

יעקב גלאַטשטיין איז אָן ספק אַ גײַסטרײַכער דיכטער מיט אַ העכסט־באַטעמטן סטיל. ער איז, לויט מײַן מיינונג, דער לאַבאָראַנט, וואָס שאַפט גרויסאַרטיקע אילומינאַציעס און עקספּלאָזיעס מיט זײַנע שאַרפזיניקע וואָרט־שפּאַלטערייען און מישונגען פון וואָרט־אַטאָמען. ס'זענען פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס זעען אין אים מער דעם וואָרט־קינסטלער, ווי דעם אמתן פּאָעט — און מען קאָן נישט זאָגן, אַז די אַפּיקורסים זענען אין גאַנצן אומגערעכט. אַ פאַקט איז אָבער, אַז ער האָט זיך פאַרשריבן און פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק מיט זײַן וויזיט־קאַרטל, דעם ערשטן בוך „יעקב גלאַטשטיין". פּונקט אַזוי קאָן מען אויך האָבן באַוואָרענישן בנוגע גלאַטשטיינס קריטיק און עסייִסטיק. דער קריטיקער און עסייִסט יעקב גלאַטשטיין גליטשט זיך פלינק אויף זײַן גלאַטיק־פּאָ־לירטן און ראַפינירטן סטיל, אָבער גאַנץ אָפט באַקומט זיך אַ בראַוואָראַ פון

אַ ווירטואָז, אַנשטאָט אמתער קריטיק, אָדער אַפילו קריטיש־פּאַרטיפּטן אמת. ווי עס זאָל נישט זײַן — גלאַטשטיין איז איינער פון אונדזערע גלענצנדיקסטע —הגם נישט פון די טיפסטע און תוכיקסטע— קריטיקערס און עסייִסטן; מען קאָן הנאה האָבן פון זײַנע שיינע מאמרים, הגם מען קאָן אָפט נישט און מ׳טאָר נישט מסכים זײַן מיט אים.

אליעזר גרינבערג נייגט צום אָביעקטיוון און זאכלעך־אַנאַליטישן סאָרט קריטיק און ער איז קעגן דעם אימפּרעסיאָניסטישן דרך פון „שרײַבן פּאָעזיע וועגן פּאָעזיע“. גרינבערג איז אָבער אין דעם זין זיך טועה. איז טאַקע פּאַראַן אַזאַ זאַך ווי אָביעקטיוויזם — און נאָך דערצו אין אַזאַ פּערזענלעך־באַפאַרבטן און יחידיש־דורכגעציטערטן שטח ווי ליטעראַטור און ליטעראַטור־אָפּשאַצונג (סײַדן בײַ „קריטיקערס“, וואָס פּסקענען לויט די שולביכער)? פּאַקטיש מוז שעפערישע קריטיק פאַרמאָגן ביידע עלעמענטן. מיט בלויז אַ קאַלטן אַנאַליז, פאַרגלײַכן און ענלעכע מעטאָדן קאָן מע נישט ווײַט און נישט טיף דערגיין אין די ליטעראַרישע לאַבירינט־עקסקורסיעס. דער שעפערישער קריטיקער מוז זײַן פעיִק נישט סתם צו אַנאַליזירן, נאָר אויף ס׳נײַ צו צעשמעלצן דאָס טײַערע קינסטלערישע מעטאַל אין זײַן אייגענעם עקסטאַז, כדי צו צעלייגן עס אויף זײַנע גײַסטיק־כעמישע עלעמענטן און אַזוי אַרום ווערן אַן אמתער מיטשאַפער און אויטענטישער עדות־עקספּערט פון דעם שעפערישן פּראָצעס און זײַן פּראָדוקט.

ניט קוקנדיק אויף אליעזר גרינבערגס טעותדיקער אײַנשטעלונג וועגן „אָביעקטיוויזם“, זעט מען אָפט אין זײַנע קריטישע אָפּשאַצונגען נישט בלויז קאַלטן אַנאַליז, נאָר אויך עמאָציאָנעלע שעפערישע „כעמיע“, וואָס איז נייטיק פאַר ערנסטער קריטיק.

אליעזר גרינבערג איז אין זײַנע קריטישע אַרבעטן, ווי אין זײַנע לידער, אומפּרעטענציעז. ער גייט נישט אויף קיין שטאָלצן און אַוודאי דעקלאַמירט ער נישט אַראָפּ פון קיין באָמבאַסטישע באַרג־שפּיצן גראָשנדיקע געדאַנקען. ער איז דער שטילער דיכטער פון לויטערער מעדיטאַציע און פון אינטעלעקטועל־אָנגעהויכטער עמאָציע. אויך ווי אַ קריטיקער־עסייִסט טוט ער זיך נישט אָן קיין רבנישן ספּאָדיק און פּראָקלאַמירט זיך נישט: „מיר קריטיקער פון גאָטס גענאָד“. אויף ביידע שטחים געהערט ער צו די שטילע שעפערישע מענטשן, וועמען ס׳קומט „אַ פּאַר לעפּעלעך פאַרדינטן רום“.

מאיר זימל טקאַטש: דיכטער פֿון פּשטות

א

מאיר זימל טקאַטש האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אײַנגעזאַמלט זײַן פּאָעטישן האָב און גאָב, וואָס איז אַרויס אונטערן דאָזיקן טיטל אין פֿאַרלאַג „מנורה", אין תל־אביב און מיט דעם אויסגעקלאָרט זײַן דיכטערישע פֿיזיאָנאָמיע.

אין „מײַן האָב און גאָב", צוויי בענד פֿון קנאַפּע 600 זײַטן, קומען אַרײַן די פֿאַרשיידענע פּאָעטישע שאַפֿונגען, וואָס טקאַטש האָט פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון 1927 ביז 1960 אין זײַן לידער־ביכער: „אויף גאָטס באַראָט", „דאָס טײַכל קאַטשעט זיך אויפֿן בײַכל", „זון איבער אַלץ", „אין שאָטן פֿון דור", „נחס קאַסטן", „בלוט שרײַט פֿון דער ערד", „פֿון דור צו דור", „דאָרשט צום קוואַל" און „בלעטערפֿאַל"*. אַ טייל פֿון די דאָזיקע זאַמלונגען, ווי „נחס תיבה" און ענלעכע שאַפֿונגען, זענען פֿאַבלען און מעשה־לעך, אין וועלכע דער דיכטער לאָזט „קומען צום וואָרט" נישט בלויז די „קלאַסישע" חיות, נאָר אויך דעם בעזעם, דאָס צעפֿוילטע האָלץ, דעם שפּיגל און דאָס בילד. דער משל איז איינער פֿון די באַליבטע שאַפֿונגס־אויסדרוקן פֿון דעם דיכטער־דענקער טקאַטש, וואָס אין דער פֿאָרעם אַפּעלירט צו אים סײַ די פּאָעטישע שפּילעוודיקייט און בילדערישקייט און

* אין 1965 האָט מ. ז. טקאַטש אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ באַנד איבערגעזעצטע לידער און פּאָעמעס פֿון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער דיכטער ראָבערט פֿראָסט, מיט וועלכן ער געפֿינט אַ נאָענטקייט אין דעם עלעמענט פֿון פֿאַבל און מוסר־השכל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיי ביידע.

סײַ דאָס וואָס זי איז באַזונדערס מסוגל איבערצוגעבן דעם טראַכטערישן און מאָראַליש־קריטישן מוסר השכל.

פון די משלים און לעגענדעס האָט מען דעם טאָפּלטן געניוס: פון פּאָע־טישער זאַפטיקייט און פון די באַחנטע און באַטעמטע זין־קערנדלעך. דער זאָאָלאָג אין זײַן משל „די פלעדערמויז" טענהט צו דער „העלדין": „כאָטש ווי אַ פויגל פליסטו טאַקע, נאָר לעבן לעבסטו ווי אַ שרץ". אין „דאָס פלאַטערל און די בין" הערן מיר, אַז דאָס פלאַטערל איז שיין, אָבער האָניק מאַכט די בין. די מוטער־שעפּסל טענהט אין אַ משל צו איר מו־זינקע: „צי מיט אַ שער, צי מיט אַ שער־מאַשינקע — מע וועט אַלץ איינס אונדז שערן, באַרויבן אונדז פון אונדזער וואָל — אַזוי ווי אַלע מאָל".

מאיר זימל טקאַטש געהערט נישט צו די איין־קעמערלדיקע פּאָע־טישע קרעאַטורן, וואָס זינגען אויס איין מאָטיוו, הגם אַן אמתע דיכטערישע נאַטור קאָן אויך דערגרייכן הויכן און טיפן אין איין לייטמאָטיוו, אָדער לייד־מאָטיוו. טקאַטש געהערט צו די שעפערס מיט אַן אַל־צעזונגענער און אַלץ־אָבסערווירנדיקער סענסיטיוויקייט. זײַן „האָב און גאָב" איז טאַקע אַ קאָ־לירן־פאַרכאַפּנדיקער טעפּעך מיט די פאַרשיידנאַרטיקסטע וואָרט־העפטע־רײַען און ניגון־קאָמפּאָזיציעס. משלים, מעשהלעך, גראָטעסקן, לעגענדעס, ליריק, נאַטור־באַשרײַבונגען, סאָציאַלע און עפּישע לידער און אַפילו ליטעראַרישע „מאַניפעסטאָס" אין פּערזן — דאָס זענען די פאַרשיידענע זשאַנערס אין וועלכע טקאַטש באַווײַזט נישט בלויז זײַן עכטן פּאָעטישן אינהאַלט, נאָר אויך די רײַך־פאַרמעלע קונסט פון וואָרטוואָזיטעט.

טקאַטש איז אַ פולבלוטיקער דיכטער און זײַן ליד פאַרמאָגט די פּאָעטישע וויטאַמינען און מינעראַלן. זײַנע שאַפונגען זענען די רײַפע, געראָטענע פרוכטן פונעם גליקלעכן „שידוך" פון עמאָציע און מעדיטאַציע, חלום און מחשבה ווי אויך אינטויציע און שאַרפן אינטעלעקט. (באמת, אינ־טעלעקט און אַפילו קריטישער אַנאַליז זענען ווײַט נישט קיין שדים, וועל־כע מע דאַרף פאַריאָגן פון דער פּאָעטישער „קימפּעט").

אין איינעם פון זײַנע רעליגיעז־דאַרשטיקע דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן זינגט דער דיכטער:

נאָך האָט זיך גאָט אין גאַנצן נישט געפונען,
ער זוכט אין זײַן באַשאַף אַ תיקון
און גראָבט אין מענטשן פאַר זײַן דאַרשט אַ ברונעם.

אין דעם אויפבליצנדיק־אינטויִטיװן ליד „װי דער ים אין מויער־קעפל״, ביגונט טקאַטש:

כאַטש אין לײַטער פון אין־סוף
ביזטו בלויז אַן אײנציק טרעפל,
רוישט די אײביקײט אין דיר
װי דער ים אין מויער־קעפל.

אין „װערטער פון אַ ליד״ זינגט טקאַטש אַ ליד צום ליד:

װי למד־װאָװן פראָסטע װערטער פון אַ ליד
פאַרשטויבטע גרויען אין המון װי אַלע —
באַקאַנטע, נישט־דערקענטע אויפן װאָרט־יאַריד.

די פּאָעזיע האַלט זיך טאַקע אין זכות פון דעם, װאָס די „באַקענטע, נישט־דערקענטע אויפן װאָרט־יאַריד״ װערן סוף כל סוף יאָ דערקענט און אָנערקענט, און טקאַטש אַלײן װײסט דעם סוד, אין דעם דיכטעריִשן דיאַלאָג:

— רעד צו בײמער און צו שטײנער,
טרוימער זינגער אײנאַלײנער,
מענטשן זענען טויטע בײנער,
דײַנע לידער דאַרף נישט קײנער.

שמײכלט זינגער צו דעם װײנער:
— איך בין נישט קײן אײנאַלײנער,
כ׳רעד מיט בײמער און מיט שטײנער
און באַלעב די טויטע בײנער.

טקאַטש דער ליריקער קומט צום אויסדרוק נישט בלויז אין דעם קאָנטעמפּלאַטיװן און זעלבסט שפּיגלענדיקן יִדישן ליד, נײַערט אויך אין אַזעלכע סאָציאַלע עכאָס װי אין זײַן לידער־זאַמלונג „אין שאָטן פון דור״

(1939). דאָס איז צײַטמעסיקע סאָציאַל־דיכטונג אין בעסטן זין פון וואָרט, ווײַל זי איז נישט באָמבאַסטיש־טרוקן, נאָר דיכטעריש פאַרטיפט און וויזיאָנעריש. פאַראַן לידער ווי „מלחמה - עראָפּלאַנען" און ענלעכע. אין דעם „קאָראַלן־אינדזל" (אין לידער־בוך „בלוט שרײַט צו דער ערד" (1946), האָבן מיר אַ מוסטער פון לויטערער נאַציאָנאַלער דיכטונג, וואָס איז ווײַט פון דעם פּאָפּולערן „פּיאַטע־קיצלענדיקן" חניפה־נאַציאָנאַליזם. ווידער ווי אַן עפּיקער גיט אונדז טקאַטש זײַן פּאָעטישע לעגיטימאַציע מיט דעם סאָנעטן־קראַנץ וואָס האָט דעם שלום עליכמדיקן טיטל, „פון וואַנען איז אַ ייִד?" — אַ באַחנטע שילדערונג פון זײַן היים און סביבה.

יאָ, טקאַטשס דיכטונג איז אַ האַרמאָנישע פאַראייניקונג פון טיפער עמאָציע און נישט וויניקער טיפן געדאַנק וואָס דאָס קומט צום אויסדרוק אין פיל פון זײַנע שאַפונגען. ווען דער דיכטער זאָגט אין אַ ליד צום שונא פון פאָלק און פון דער מענטשהייט: „און איצט, פאַרשאָלטן זאָלסטו, קין, ווערן — פאַר וואָס איך פלוך, פאַר וואָס מײַן צאָרן ברענט" — דריקט ער אויס אַ טיפן מחשבה־געפיל, און דאָס מיינט, אַז מיר דאַרפן אויך פײַנט האָבן דעם שונא פאַר פּרוּוון אָנשטעקן אונדז מיט זײַנע האָסבאַצילן. אַן ענלעכן געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט דער רוימישער קעניג־פילאָסאָף מאַרקוס אורעליוס, אַז דער גרעסטער נצחון איבער אונדזערע שונאים איז, וואָס זיי געלינגט נישט צו מאַכן אונדז אַזוי ווי זיי זענען.

מאיר זימל טקאַטש איז קודם־כל אַ דיכטער מיט כאַראַקטער, מיט שטיל־רעליגיעזער פאַרטאַיעטקייט, נו, מיט זײַנע „גרויע, למד־וואָווּדיקע ווערטער", וואָס לײַכטן אויף מיט שטילער שיינקייט ווי קלאַנגלאָזע בליצן אין אַ פאַרכישופטן הימל אין אַ זומער־נאַכט. ער איז גלײַכצײַטיק פילאָסאָפיש־מעדיטאַטיוו, פּסיכאָלאָגיש אַנטפּלעקעריש מיט זײַן נשמהלאָגיע פון אַן אמתן דיכטער. ער איז אויך רײַכער ווי די „שול־וויִזהייט", ווײַל נאַטירלעכע חכמה ווערט נישט געלערנט אין די אַקאַדעמיעס. יאָ, טקאַטש איז קלוג, אַפילו סאַטיריש־שאַרף, אָבער ער באַחכמהט זיך נישט אַזוי צו זאָגן, ער מאַכט נישט קיין עקסהיביציאָניסטישע „מאָנקי ביזנעס" פון אַ ליטעראַרישן קלאָון און זײַנע אַפאָריזם־אַרטיקע ווערסיפיצירטע זאָגענישן זענען גלײַכצײַטיק פול מיט דער לײַכטער און לײַכטנדיקער סובסטאַנץ פון פּאָעזיע.

ב

ביי טקאַטשן איז נישט זעלטן צו געפינען אַ פּובליציסטיש־מאמריס־טיש „אַדערל״, ער „האַקט״ אַ מאָל אַריין אַ פּאַרראַסט בלעכן וואָרט און אַ „קאמאן סענס״ שאַבלאָן. דאָס מיינט נישט, אַז „פּראָזאַיִשע״ ווערטער זענען פּסול אין דער לירישער פּאָעזיע. זיי זענען נישט פּסול און זענען אויך נישט דאָס „אויבערשטע פון שטייסל״ ווי סע וויל האָבן די מאָדערניס־טישע דיכטער־שולע, וועלכע אָנערקענט די בראַזגענדיקע „אַנטי־מלי־צה״ ווי אַן עלעמענטאַרן באַשטייטייל פון פּאָעזיע. די פראַגע איז בלויז וואָס טקאַטש נייטיקט זיך נישט אין אַזאַ צומיש־שטאָף.

ס׳איז אָבער אויך אמת, אַז אַ לויטערער פּאָעטישער טאַלאַנט — ווי טקאַטש איז אָן שום ספק — קאָן אַסימילירן און צעשמעלצן פּאַרזשאַווערט־בלעכענע ווערטער אין זיין ווייס־צעגליטן שאַפערישן שמעלצטאָפּ. טקאַטשס דיכטעריש גאָלד ליידט סיי ווי נישט פון קיין צו גרויסער מישונג פון קנאָפּ־ווערטיקן מעטאַל.

טקאַטש האָט, ווי דערמאָנט, אויך אַ באַזונדערן זשאַנער — ליטע־ראַרישע „מאַניפעסטאַציעס״ און קאָמענטאַרן וועגן זיין דיכטערישן וועג. ער באַטאָנט באַזונדערס — ביי געלעגנהייטן — זיין שטילן גאַנג איבערן לויטער־פשוטן וועג אין דער פּאָעזיע, די טעמע קומט ביי אים אַרויס אין פאַרשיידענע לידער און אַפילו אין לעצטן ליד פון זיין „האָב און גאָב״:

> איך שרייב אַן קונצן, כ׳בין אַ פּשוט,
> הגם צו שרייבן לייכט איז שווער.
> מיט שוואַרצער קונסט אַ קאַמופלאַזש טאָן
> זאָל יענער, וועמעס וואָרט איז לער.

אין אַ צווייט ליד זאָגט ער וועגן איינעם פון די „שוואַרצע קינסטלער״ (אָדער „שוואַרץ־קינסטלער״), אַז „ער איז אַ טויכער אין אַ נעפּל ווי אַ רויך — אַן אָנשטעל מאַכט ער אויף אַ טויך — אין וואַסער וואָס איז פלאַך״.

טקאַטשס פשטות, זיין שטילקייט און פּאָעטישע אַלכעמיע וואָס באַ־ווייזט צו פאַרוואַנדלען פאַרגענגלעכקייט אין אייביקייט, און גרויקייט אין

צעשטראַלטקייט, באַקומט קינסטלערישן תיקון אין זײַן טיפן ליד „זײַד־וואָרעם, חבר":

אַ זײַדוואָרעם, חבר,
איך פּויזע און איך גאַווער
פון איבל וואָס כ'קריך,
נאָר כ'צי מיט אמונה
אַ זײַדענע סטרונע
פון שליימיקן „איך".

ווערט זיסע נגינה
פון איבל און סלינע
אין גאַליקן שוים;
די טענער פאַרוועבן
מײַן ווערעמדיק לעבן
אין זײַדענעם טרוים.

געוויקלט אין ניגון,
אין ניגון נישט־היגן,
דערפיל איך אַ ברי
און כ'פאָכע מיט פליגל,
ביזסט, ניגון, מײַן שפּיגל,
וואָס ווײַזט, אַז איך פלי.

געוויקלט אין ניגון,
די וואָר אין אַ ליגן,
דער טרוים איז די וואָר.
דעם טרוים וועלן וויקלען
אין זײַדענע ציקלען
אַ דור נאָך אַ דור.

מאיר זימל טקאַטש, דער שטילער, פּאַרטיפּטער דיכטער איז אַ יום־טובדיקע דערשײַנונג פון עכטקייט אויף אונדזער „וואָרט־יאַריד", ווו ס'זע־

נען צעלייגט אַ סך גלאַנציקע סטענגעס און וואָלוועלע „פּאַטשערקעס". טקאַטשס דיכטונג איז בכן ווי באַטעמט, עכט דאָרפיש „ראָזעווע" ברויט, וואָס איז בעסער פון אַלע געצוקערטע און געפּאַרבטע ליטעראַרישע קו־כנס. זײַן דיכטונג איז פּשוט־שיין ווי קאָרן־בלימעלעך. און ס'איז איבע־ריק צו זאָגן, אַז דער באַשיידענער פּאָעט איז נישט בלויז אַ שעפער מיט אַ רײַכן אינטעלעקט און טיפן געמיט, נאָר אויך אַ בריהשער מויערער, אַ בוימײַסטער, וואָס שאַפט קאָמפּליצירטע, סאָלידע וואָרט־בנינים.

ג

מאיר זימל טקאַטש געהערט צו די שטילע דיכטערס, וואָס גייען אין אַ זײַט פון די טומלדיקע רעקלאַמע־יאַרידן. ער האָט יחוס־עצמו — זײַן עכט־קייט אין לעבן ווי אין ליד. פּאַקטיש איז שרײַבערישע באַרימטקייט ווײַט נישט שטענדיק פּראָפּאָרציאָנעל צום טאַלאַנט, נאָר אָפט אַ באַגלייט־דער־שײַנונג פאַר חיצוניותדיקע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטע שײַכות צו ליטעראַריש־קינסטלערישע דערגרייכונגען. ס'איז טאַקע גע־שריבן, אַז הרודף אחרי הכבוד, הכבוד בורח ממנו; אָבער נישקשה, אַז מע האַלט אין איין לויפן, אָן אָפּשטעל פאַר פּרינציפּיעלע שטרויכלונגען, לאָזט ער, דער כבוד, דאָך זיך „כאַפּן" אַ מאָל.

טקאַטש האָט אין 1971 פאַרעפנטלעכט (אין פאַרלאַג „המנורה") אַ פּאָ־עטיש געפינס, וואָס איז אויך אַ געווינס פאַר זײַן דיכטערישער פּאָזיציע: „עלטערפרוכט פון יוגנטצוויט". ווי דער מחבר דערקלערט אין דער הקדמה, איז דאָס בוך דאָס גערעטעניש פון זײַן יוגנט־אַרכיוו, וואָס האָט זיך אָפּגע־זוכט אין הויז פון זײַנעם אַ יוגנט־פרײַנד.

די האַרבסטיקע פּאָעטישע פּירות, וואָס זענען אײַנגעזאַמלט אין דאָ־זיקן בוך, פאַרמאָגן באמת דעם אַראָמאַט און די קאָלירן פון פרילינגדיקן צוויט — פון דעם דיכטערס שטילער רעליגיאָזיטעט און לויטערקייט, וואָס זייער אומפּרעטענציעזער סטיל ווערט געדעקט מיט פּאָעטישן טוי.

„עלטערפרוכט פון יוגנטצוויט" איז אַ לירישער פּאָסט־סקריפּטום צו טקאַטשס געזאַמלטע לידער. פאַראַן נעמלעך אין זײַנע אַלט־נײַע לידער די עלעמענטן פון זײַן תהילימדיקער פּשטות און ברכו־נפשדיקע נאַטור־הימנען, ווי אויך מחשבהדיקייט, זעלבסט־אָפּשפּיגלונג און אַפילו פון פּאָ־לעמיק, אָבער זיי זענען מערסטנטייל באַהויכט מיט אַ לירישן אָטעם.

טקאַטש זאָגט, אמת, אין זײַנע „אויטאָביאָגראַפישע" לידער, אַז ער שרײַבט אָן קונצן, הגם שרײַבן לײַכט איז שווער. די אמתדיקסטע וואָר בנוגע זײַן דיכטערישן איך איז, אַז זײַן קאָמפּליצירטע אינערלעכע פּשטות דערשײַנט דווקא אין לײַכטע שורות, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט שווערן אינהאַלט־גאָלד. אַ מאָל איז בײַ אים די פּשטות אויסגעדריקט אין אַ צו־פּרימיטיווער פאָרעם, טייל מאָל נאָר צוליב די כללים־קייטן פון דער פּאָ־עטישער גראַם־אַטיק.

בכלל אָבער איז מ. ז. טקאַטש פריש און אָריגינעל אין זײַן „אַלטמאָ־דישקייט" און עס שפּאַרט אַ לירישער כוח פון זײַן מינאָר־טאָן. עכטקייט און אינטימקייט אַליין זענען מדריגות, וועלכע מע קאָן אַ מאָל זוכן אינעם רשות־הרבימדיקן געטומל פון אַזוי־גערופענע „מאַיאָרע" פּאָעטן, וועמענס גרויסקייט באַשטייט אָפט מער אין ענערגעטיק, וואַריאַציע, ליטעראַרישע „פּאַליק רילעישאָנס" און רעטאָריק, איידער אין אמתדיקער פּאָעטישער טיפקייט.

ב

י. מ. ווײַסענבערג
משה קולבאַק
משה נאַדיר
ה. ד. נאָמבערג
יונה ראָזענפעלד
מיכאל בורשטין
ש. בערלינסקי
יחזקאל קײַטלמאַן
יצחק באַשעוויס
יוסף אָקרוטני
ברוך האַגער
בנימין שלעווין
משה אײַזענבוד

י. מ. ווײַסענבערג:
צו דער טיפֿער אייביקייט

דער טאַלאַנטרײַכסטער יידישער פּראָזע־קינסטלער.

ער האָט געשאַפֿן גרויסע „קליינע דערציילונגען", פּונקט ווי אַנדערע האָבן געשאַפֿן קליינע „גרויסע ווערק"...

אין זײַן ווערק איז קודם־כל פֿאַראַן דער וויכטיקסטער קינסטלערישער יסוד: די אַטמאָספֿער, אין וועלכער עס אַנטשטייט דאָס אומענדלעכע לעבן אין זײַנע אומענדלעכע פֿאָרמען. די שפּראַך פֿון דעם נישט־גערעדטן, וואָס קומט צום אויסדרוק דורכן געזאָגטן, — ווי אַ טיפֿער, סודותפֿולער קלאַנג־ען־עכאָ אויף אַ בערג־אַרומגערינגלטער אָזיערע איז טיפֿער, אויך שע־נער און רייצנדיקער ווי דער קלאַנג גופֿא...

זײַן טיפֿן־פּייזאַזש איז אַ גאָרטן פֿול מיט בראשיתדיקער פֿרישקייט און פֿאַרביקייט וואָס פֿאַרכאַפּט די חושים; בעת די טיפּן־קאָלעקציעס פֿון טייל אַנדערע פּראָזאַיִקער דערמאָנען אין אַנעמישע ספּעקטן־פּלאַנצן מיט קינסטלעכער נערונג און קינסטלעכער טעמפּעראַטור.

זײַנע לײַוונטן זענען נישט קיין מאַטע רעפּראָדוקציעס פֿון אָריגי־נאַל־בילד — דעם לעבן,— נאָר מײַסטער־אָריגינאַלן פֿול מיט מחיהדיקע פֿאַרבן, שאַרפֿע קאָנטורן און זיי גיבן אָפּ בלענדנדיקע טענער.

ווײַסענבערג איז געווען נישט בלויז דער קינסטלער פֿאַר עקסעלאַנס אין זײַנע ווערק — ער האָט אויך געהאַט אַן אָרגאַנישן חוש פֿאַר קונסט און קינסטלער. ער האָט ממש אויסגעניוכעט די שפּורן פֿון טאַלאַנט.

אין זײַנע ווונדערלעכע עסייען איז פֿאַראַן די זעלבע זאַפּטיקייט וואָס

אין זײַנע דערציילונגען: דער פאַרכאַפּנדיקער רעליעף פון בילד און טאָן און דער גאָלדענער הומאָר אין וועלכן אַלץ גייט אויף און צעגייט.

פאַרשטייט זיך, אַז אַפילו דער גרעסטער פאַרערער און באַוווּנדערער פון אַ גרויסן טאַלאַנט מוז זיך נישט אונטערשרײַבן אונטער זײַן יעדן גערעדטן אָדער געשריבענעם וואָרט.

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל, אַ טעמע פאַר ליטעראַטור־פאָרשערס איז דער פּסיכאָלאָגישער „צינדער", וואָס האָט בײַ אים געבראַכט אין באַוועגונג אַלע מאָטאָרן פון זײַן דינאַמישער פערזענלעכקייט אין קאַמף קעגן דער שרײַבערישער און קולטור־סביבה. און ווען אַפילו דאָס איז געווען — דאָס פאַרווונדיקטע געפיל פון זעלבסטבאַוווסטקייט — איז וואָס?

וויכטיק איז, אַז ווײַסענבערג האָט בכלל געקעמפט פאַר גערעכטע פּרינציפּן, פאַר סאַנירונג אין ייִדישן ליטעראַרישן און קולטור־וועלטל.

אמת: ער האָט אָפט איבערגעכאַפּט די מאָס; די „אָפּרעכענונג" מיט די אידעיִשע און פּערזענלעכע קעגנערס איז אַ סך מאָל געווען צו יוצא־דיפנדיק, פון פּובליציסטישן שטאַנדפּונקט — טייל מאָל ממש ניט דרוקפעיִק אין פּרט פון אויסדרוק.

ער האָט געהאַט אין זיך דאָס געניאַלע און דאָס קאַפּריזנע פון אַ ווונדערקינד... ער איז געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור דער דאָן קיכאָט, אין קאַמף מיט די ווינטמילן פון דער פּרעסע.

מיט זײַן שאַרפן אינסטינקט און פרישן אינטעלעקט האָט ער נישט געפונען קיין טעם אין אַ סך רעקלאַמירטע נײַקייטן פון די שרײַבערס, וואָס האָבן געבראַכט די קונסט פון דער מאָדע, אַנשטאָט די מאָדע פון דער קונסט...

און [redacted] האָט זיך דאָך צעלייגט אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן.

דאָס זאַטע, פלאַכע און אויבערפלעכלעכע פּראַנטל האָט דאָך פון שטענדיק אָן — בײַ אַלע פעלקער — געקוקט מיט גרענעצלאָזן ביטול אויף אַזעלכע בטלנים... וואָס הייסט: זיי האָבן פאַרדינסטן פ א ר ן וואָרט? — ער האָט פאַרדינסטן פ ו ן וואָרט...

האָט זיך געשאַפן אַרום דעם מחבר פון „קריינדעלע" אַ מין קאָנספּיראַציע, אַן אַלגעמיינער פּראַנט, וואָס זײַן לאָזונג וואָלט געקאָנט אָנגערופן ווערן: „מיתה בשיכחה"...

האָבן די ליטעראַטור־קיבעצערס, אַט די הויז־חיות פון דער ליטעראַ־טור — און אַזעלכע זענען פאַראַן אין יעדער ליטעראַטור, — וואָס נערן זיך מיטן אָפּפאַל פון די גײַסטיקע טישן — אַנעקדאָטן, רכילותלעך — געשפּינט אַרום ווײַסענבערגן ממש איין גרויסן אַנעקדאָטאַריום.

עפּעס ענלעכס איז געשען אין דער גרויסער פראַנצויזישער ליטעראַ־טור מיט איינעם פון אירע טראַגישסטע און געניאַלסטע געשטאַלטן — זשאַן זשאַק רוסאָ.

און דאָס איז נאָך אַן אַנדער מיטל פון דער דעמאַנישער טאַקטיק מצד דער דורכשניטלעכקייט קעגן אַן אויסערגעוויינטלעכער אינדיווידואַליטעט: טייטן דורך מאַכן זי לעכערלעך...

האָבן זיי, די שול־חכמים אים פאַרגעשטעלט ווי אַ מאָנסטער פון אומ־וויסן און איגנאָראַנץ: זיי זענען דאָך עפּעס גאַנצע וויסן־בערג...

אָבער זײַנע אַנגרײַפערס, אָדער קאָנטער־אַנגרײַפערס, קאָנען מיט זייער גאַנצער שול־קלוגשאַפט געגליכן ווערן צום „ספוג”, אָדער צום „בור סיד שאינו מאבד טיפה”, בעת ווײַסענבערג איז געווען אַ מעין המתגבר פון אינ־טויִטיוון וויסן...

מעג מען אים וועלן לאָזן פאַרזינקען אין דער ליטעראַרישער אַנאָני־מיטעט פון די טאַלאַנטירטע כל־הנערים — אומזיסט: פאַר ווײַסענבערגן און זײַן ווערק אַרבעט די צײַט — ס׳איז אַ פּאַמעלעכדיקער, אָבער אַ זיכערער פּראָצעס.

דער טויט, אַט דער אַרביטער, וואָס גלײַכט אויס אַלע סיכסוכים, צו־זאַמען מיט די סיכסוכים־מאַכערס, עלימינירט אַ שפּאַר ביסל פון דעם אַנגע־ווייטיקטן פּערזענלעכן מאָמענט.

מיט ווײַסענבערגס ווערק — ווי ס׳איז דער פאַל בײַ אַנדערע גרויסע קינסטלערס — געשעט ווי מיטן זונליכט: וואָס ווײַטער ס׳איז פון אונדז, אַלץ ליכטיקער, וואַרעמער, דירעקטער דערגייט עס צו אונדז...

דער ריטער

דעם 13טן אויגוסט איז ווידער אַ יאָרצײַט זינט ס׳איז געשטאָרבן דער ריטער פון דער יידישער קינסטלערישער פּראָזע.

ווײַסענבערג האָט נאָך אַלץ נישט געקראָגן זײַן פולע אָפּשאַצונג אין דער יידישער ליטעראַטור. בלײַבט ער אָבער נישט צוליב דעם אונדזער

גרעסטער פּראָזע־מײַסטער? פלאַכע לייענערס און שרײַבערס זעען אין אים אַ „טאַלאַנט", אַ „רעאַליסטישן שרײַבער", דעם מחבר פון דעם „דור הולך ודור בא". אָבער ווי הימל־הויך האָט זיך ווײַסענבערג דערהויבן איבער אָט דעם רעאַליזם! און גראָד איז „דור הולך ודור בא" נישט פון די שטאַרקסטע, אַפילו צווישן די ריין רעאַליסטישע דערציילונגען — אַזעלכע ווי „אַ טאַטע מיט בנים", „אַ שלעכטע פרוי", „מזל־טוב", און אַנדערע. אמת, אויך אין די שילדערונגען באַווײַזט זיך אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער, וואָס ברענגט אַרײַן לעבן, פאַרב און דינאַמיק אין יעדן חומר, צו וועלכן זײַן וווּנדערלעכע שעפערישע האַנט רירט זיך נאָר צו. „ויפּה באפיו נשמת חיים".. די לעבע־דיקייט פון זײַנע טיפּן איז אומפאַרגלײַכלעך אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער ווײַסענבערג האָט זיך אויסגעפיקט פון דער רעאַלער שאָל. ער האָט געשאַפן זײַנע מײַסטערווערק: דעם „פּאַמניק", „אין דער שטיל", „געבערענגט אַ סוד", „אַ וואַלדמיידל", „איינער אַ מענטש", „ווי דער גורל פירט" און אַנדערע. אָט די און אַנדערע וואָגיקע שאַפונגען, פערל פון פּערפעקציע, שטעלן אַוועק זייער שעפער נישט נאָר ווי דעם גרעסטן יידישן קינסטלער, נאָר אויך ווי איינעם פון די גרעסטע — פון אַלע פעלקער.

עס דראָעט אַוודאי די „געפאַר" צו ווערן אויסגעלאַכט פון די ניכטערן־קלוגע פאַר אַזאַ מיינונג, אָבער עס איז מײַן טיפסטע איבערצײַגונג, אַז ווײַ־סענבערג, מיט זײַן וווּנדערלעכן שאַפונג־כישוף, איז אַ גאון. —

די אויבנדערמאָנטע דערציילונגען זענען אָנגעלאָדן מיט וויזיע און עס ווייעט פון זיי אַ הויך פון עפּעס אייביקס. דאָס מענטשלעך־רעאַלע גיסט זיך צונויף מיטן מיסטיש־איבערנאַטירלעכן. עפּעס אַן אָפּשײַן פון גוואַלדיק־אומענדלעכס, קאָסמישס, וואָס אונדזער פילן און פאַרשטעלונגס־כוח קאָנען נאָר אומקלאָר אויפנעמען... אָט אַזאַ בילדל פון זײַן מאָנומענטאַלן פּאַמניק, ווי די צוויי אַלטיטשקע גייען אויס: „...און איינס פון דאָס אַנדערע, זיי פון דער זון און די זון פון זיי, האָבן זיך נישט געקאָנט מיט זייערע לעצטע בליקן אָפּרײַסן". — ווײַסענבערג האָט עראָטיש עלעקטריזירט די נאַטור, די אַטמאָספערע אין זײַן „געבערענגט אַ סוד", ווו „אַ רויטע סודותדיקייט האָט די שטילקייט פון דער וועלט אײַנגעהילט". און ווי לאַנג די ערד וועט זיך דרייען אַרום דער זון, און דער מענטשן־מין אַרום דער ערד — וועט לײַכ־טן אָט די פאַנטאַסטישע שקיעה־זון וואָס דער קינסטלער האָט אָנגעצונדן. אין אָט דער דערציילונג —און נישט בלויז אין דער— ווערט פאַרווישט די

גרענעץ צווישן רעאַלן און אומבאַשטימטן. דער לייענער הערט אויף צו „געניסן" — ער ווערט פאַרטראָגן הויך צו אַ פּלאַטאָנישן „קאַטאַרסיס", אָדער פאַרזונקען אין אַ דאָסטאָיעווסקישן תהום. מען מוז זייער פיל זיך פּלאָנטערן צווישן דעטאַליסטישע קליינלעכקייטן ביי באַלזאַקן, ביז מען קומט צו אַזעלכע טיפקייטן, געדאַנקלעכע שאַרפקייטן און ווירבלענדיקע גע־פיל־שטראָמען, ווי אין „ווי דער גורל פירט", „איינער אַ מענטש" וכדומה. ביי וויסענבערגן בליצט אָפט אויף דאָס אומגעריכטע, אינטויטיוו־זעעוו־דיקע און גראַנדיעזע פון שעקספּיר, באַלזאַק און דאָסטאָיעווסקי. איך צווייפל, אויב מען קאָן אָפט געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור אַזאַ ערדיש־ליידנשאַפטלעכע און עטעריש־מיסטישע געשטאַלט, ווי זיין „וואַלדמיידל". די טוי־פערלדיקייט פון האַמער און די דעמאָנישע פּאַסיע פון שעקספּיר, דער דיאַלאָג פון דעם וואַלדמיידל מיט דער טרעפערקע פאַרמאָגט אַזאַ דערהויבן טראַגישן פּאַטאָס, אַזאַ הימנישקייט, וואָס איז אפשר אומפאַר־גלייכלעך. און אין גאַנצן איז אָט די געשטאַלט אומשטערבלעך — צווישן לאַורע, בעאַטריטשע, דזשוליע און וויקטאָריע.

*

וויסענבערגס מאַנגל אין יעדער בילדונג, זיין אומפּאַליטעקייט איז געוואָרן די „אַכילעס־פּיאַטע", וווּ אַהין אַ סך האָבן געצילט זייערע פיילן. אָבער, אין קעגנזאַץ צו אַכילעסן, האָט עס וויסענבערגן ניט געשאַדט: פאַר־קערט, ער האָט זיי געהאַט אין פּיאַטע... דאַכט זיך, אַז מען קאָן אויף אים אָנווענדן דריידענס ווערטער וועגן שעקספּירן: „די וואָס באַשולדיקן אים אין אומגעבילדעטקייט, גיבן אים אַ גרעסערן לויב: ער איז געווען נאַטיר־לעך געלערנט; ער האָט נישט באַדאַרפט די ברילן פון ביכער, כּדי צו לייענען די נאַטור; ער האָט געבליקט אינערלעך און זי דאָרט געפונען". — אַוודאי, ווען וויסענבערג וואָלט אַרויס פון בלינדן מיליע־געסל, פון דעם אָרעמען יידישן לעבן, וואָלט ער זיכער געשאַפן גראַנדיעזע ווערק — אויך אין כּמות. אָבער נישט זיין שולד איז דאָס. יידן זענען בלויז אָן עם הספר, אָבער נישט קיין עם הסופר. בלויז ביי „זיי" איז אַנדערש. אָדער די לעבנס־ספערע ביי זייערע שרייבערס איז אָן אַנדערע. „ער האָט זיך שפּעטער צוריקגעצויגן אויפן גוט פון זיינע עלטערן" — קאָן מען לייענען וועגן אַ מאָנטען, אַ דע־וויני אָדער פלאָבער, אָבער נישט ביי אונדז.

אין ווײַסענבערגס בלײַבן אין זײַן אָרעמער מיליע איז אויך, למען האמת, געווען אַ שמץ אייגענע „שולד": זײַן קינסטלערישער — אָפּט אין גראָטעסקע פאָרמען זיך אויסדריקנדיקער אייפער, זײַן ממש רעליגיעזע דינען דער קונסט. און אויב ס'איז אמת, אַז „אין התורה נקנית אלא למי שממית עצמו עליה" — האָט ווײַסענבערג זײַן תורה קונה געווען אויף זײַן אופן, ווײַל ער האָט זיך פאַר איר מקריב געווען.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר בלויז נאָך איין פאַל אַזאַ: משה לייב האַלפּערן. שוין בעל־מחשבות, אָט דער פײַנער קונסט־אויפנע־מער, האָט אָנגעוויזן אויף ווײַסענבערגן ווי דעם קינסטלער, וואָס „גאָר נישט קינסטלערישס איז אים נישט פרעמד". זײַנע מערערע שטרויכלונגען האָבן אים נישט געבויגן, נאָר ענדגילטיק אײַנגעבראָכן. אַז אַזאַ גייענדי־קער אמת האָט ס'גאַנצע לעבן געמוזט פירן אַ דראַמאַטישן געראַנגל אין אַן עולם השקר — איז פאַרשטענדלעך. נאַטירלעך, האָט ער אָפּט אין זײַן אמתדיקייט געבלאָנדזשעט, זיך פאַרפּלאָנטערט אויף עגאָצענטרישע זײַטן־וועגן, אָבער אין תוך איז ער שטענדיק געווען דער אידעאַלער, גערעכטער ריטער.

אין אָט דעם מאָנגאָלישן פּנים מיט דער „פּראָסטער" אויסערלעכ־קייט האָט „געוווינט" די פײַנסטע נאַטירלעכע אינטעליגענץ. און ווען טייל ווילן צו פיל באַטאָנען דאָס צופעליקע, דאָס אויסערלעך־פּראָסטע, אומ־געלומפּערטע, — דאַרף מען דערמאָנען אָליווער גאָלדסמיטס טרעפיקן זאָג וועגן סעמיועל דזשאָנסאָן, וואָס האָט געשמט ווי אַ „בער" מיט זײַן פיגור, אויסזען און באַנעמונג: „דזשאָנסאָן האָט גאָרנישט פון אַ בער אַחוץ די פעל"...

י. ראַפּאָפּאָרט, אונדזער קריטיקער בה' הידיעה, וועלכן איך האָב שטענדיק געהאַלטן און האַלט אויך איצט פאַר דעם פײַנסטן, שאַרפסטן יידישן ליטעראַטור־קריטיקער, אַנאַליזירט אויף זײַן שאַרפזיניקן און עמאָציאָנעלן אופן דאָס רעטעניש ווײַסענבערג. (בעל־מחשבות האָט גע־שריבן: „ווײַסענבערג בלײַבט אַ רעטעניש פאַר זײַן ביאָגראַף... ער פילט ברייטער און טיפער פון אַלע זײַנע חברים... מיט ווײַסענבערגן הייבט זיך אָן אַ נײַע תקופה... קיינער איז נישט געקומען מיט אַזאַ רײַכן פילפאַרביקן טאַ־לאַנט). ער שאַצט אים מבֿיניש און אַלזײַטיק — אָבער ער דערשאַצט אים נישט. מילא, די קליקע ע"ה האָט אים נישט דערשאַצט צוליב „פּאָליטיק"

און נישט באַנומען זײַן גרויסקייט; אָבער אויף ראַפּאַפּאָרטן איז יאָ אַ חידוש. — עס איז אמת, ווי מיר אַלע ווייסן, אַז אָט דער געוואַלטיקער סטיליסט האָט געקאָנט זײַן הילפלאָז און האַמעטנע בײַם אָנשרײַבן עטלעכע געלעגנהײַטלעכע שורות. אמת, אָבער דאָס איז נישט אַזוי ווענדט־לעך. דער קינסטלער, וואָס זײַן אַטריבוט איז געווען גאונות, האָט שפּעטער, באַפליגלט און אינספּירירט, געקאָנט אָנשרײַבן דאָס שענסטע, טיפּסטע און מעכטיקסטע אין דער יידישער שפּראַך. און נישט גראָד בלויז אין זײַן אייגנטלעכן זשאַנער. אויך זײַנע עסייען, געדרוקטע אין „אונדזער האָפענינג" (נישט די פּאָלעמיקעס), געהערן, לדידי, צו די שענסטע און טיפסטע אין אונדזער ליטעראַטור. געלייענט אַ מאָל זײַנעם אַן עסיי וועגן „סטאַלין און טראָצקי" (געדרוקט אין די סוף צוואַנציקער יאָרן), איז מיט וואָס פאַר אַ העלזעערישקייט ווײַסענבערג שרײַבט וועגן פינצטערן גרוזינישן טיראַן! אומבאַגרײַפלעך — ווײַל ער'ט עס געשריבן נאָך אין די „האָניק־חדשים" פון יענעמס ממשלה!

יאָ, אין אינטויציע, גרויסער אינספּיראַציע איז ער אַ ריז, וואָס שפּרײַזט מיט מײַלן־טריט, בעת די קליינטשיקע מענטשעלעך פּויזען מיט זייער לאָגיק אין פּעטיט.

*

די ווערק ווײַסענבערגס פון זײַנע לעצטע יאָרן האָבן געדינט ווי אַן אַרגומענט פאַר זײַנע קעגנערס. דער אמת איז, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט צו באַאורטיילן —און אַוודאי נישט, צו פאַראורטיילן— ווײַסענבערגס לעצטע שאַפונגען; אַ גאַר גרויסע צאָל פון זיי, טייל אין מאַנוסקריפּט, זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין וואַרשע בעת די באָמבאַרדירונגען.

איך האָב נישט איצט פאַר זיך דעם ערשטן באַנד פון זײַן געפלאַנטן גרויסן ווערק — „אין דער טיפער אייביקייט". (אויך קאָן מען נישט וועדליק אין טייל אָפּשאַצן די ווײַטערדיקע, די געפלאַנטע), ווי ס'זאָל נישט זײַן — ווײַסענבערג און זײַן ווערק געהערן זיכער צו דער טיפער אייביקייט. זײַן „סטאַטוס" ווי דער אויסערגעווינטלעכסטער קינסטלער אונדזערער — דאַרף און וועט, סוף כל סוף, אַלגעמיין אָנערקענט ווערן.

אויך ווײַסענבערג דער מענטש, דער מאַרטירער־קנאי פאַר זײַן אמת, מוז באַקומען זײַן תיקון. ווי אַ געבענטשטער, פּרעכטיק־ווילדער וואַלד־

טײַך האָט ער זיך פון ערגעץ־װוּ געוומען און װוּנדער־געכישופט מיט זײַן אור־שײנקײט און אור־כּוח.

און װי איגנאָרירט מען האָט אָט די שײנקײט! — נחמן מײַזיל, אײנער פון אונדזערע קולטור־מעקלערלעך און ליטעראַרישע „סטאַק־קיפּערס״, מיט װעלכע מיר זענען אַזוי „רײַך״, האָט אַ מאָל איבערגעגעבן אין זײַנעם אַן אינטערװיו מיט אַפּאַטאַשו, יענעמס אַ „לײַכטע הלצה״ װעגן דעם מײַסטער: „...ער פּאַקט פון אַלטע קאַסטנס..״ יאָ, װײַסענבערגס „אַלטע קאַסטנס״ װעלן אײביק בלײַבן פריש, די „נײַע קאַסטנס״ פון אַנדערע באַגאַבטע, אָבער מיטלמעסיקע שרײַבערס, װעלן זיך פאַרװאַנדלען אין פּרוכנע...

זאָלן נאָר די ליטעראַרישע „פּשטלערס״ —„איזם״־עטיקעטן־פאַברי־קאַנטן— זיך אויפהערן גריבלען אין די עסטעטישע „סוגיות״, אין קאַלט־טרוקענע טעאָריעס: — װאָס איז קונסט?

מישט אויף אַ בלעטל װײַסענבערג!

יאָ, טיפע אײביקײט — דאָס איז דער עולם הבא פון די אויסדער־װײלטע, עכט־שורשדיקע גרויסע קינסטלערס; און װײַסענבערג — זײַן לעבן און שאַפן געהערט צו דער טיפער אײביקײט.

דער גרויסער קינסטלער

„װײַסענבערג בלײַבט אַ רעטעניש פאַר זײַן ביאָגראַף... ער פילט ברייטער און טיפער פון אַלע זײַנע חברים... מיט װײַסענבערגן הויבט זיך אָן אַ נײַע תקופה... קײנער איז נישט געקומען מיט אַזאַ רײַכן, פילפאַרביקן טאַלאַנט״.

שאַדט נישט. אַז מ׳חזרט איבער אַזאַ באַטײַטיקן דורכגעטראַכטן זאָג װעגן אַן עכטן קינסטלער.

דאָס זענען די װערטער פון דעם סובטעלן קריטיקער בעל־מחשבות װעגן דעם מחבר פון „אַ טאַטע מיט בנים״, װאָס באַשײַנען נישט בלויז דעם נאָמען פון דעם גרויסן קינסטלער, נאָר אויך דעם פײַנפילנדיקן, אינטויטיװן קריטיקער.

י. מ. װײַסענבערג איז געװען אַ רעטעניש, אַ פענאָמענאַלע דערשײַנונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור — אַלס קינסטלער און אַלס מענטש.

ווי אַ קינסטלער איז ווײַסענבערג אײַנציקאַרטיק מיט זײַנע געשטאַל־טנדיקע, פרימיטיווע אור־כוחות. ער איז אַ ווונדערלעכער מאָלער און סקולפּטאָר, וואָס האָט מיט עטלעכע שטריכן געקאָנט שאַפן פיגורן, אין וועלכע ער האָט אַרײַנגעהויכט דעם געהיימנישפולן לעבנס־אָטעם, וואָס נאָר גרויסע קינסטלער — גאָטס „פּלאַגיאַטאָרן” — באַווײַזן. פאַראַן אין זײַנע קליינע מײַסטערווערק די אומפאַרגלײַכלעכע קראַפט צו געשטאַל־טיקן לײַדנשאַפטן —די געהיימע נשמה־ספּרוזשינעס— מיט וועלכע ס'ציי־כענען זיך אויס אַזעלכע ריזן פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי שעקספּיר, דאָסטאָיעווסקי און באַלזאַק. און דער פאַקט, וואָס ווײַסענבערג האָט נישט באַוויזן אויסצונוצן פולשטענדיק זײַן אומגעהייערן קינסטלערישן פּאָטענ־ציאַל, איז אַ געוואַלטיקער פאַרלוסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

אין אַזעלכע דערציילונגען ווי „די משוגענע אין דאָרף”, „אין דער שטיל”, „אַ שלעכטע פרוי” און אַנדערע ווערן געמאָלט מיט פלאַמיקע פאַרבן די שטאַרקע לײַדנשאַפטן — רשעות, נקמה־דאַרשט, תאווה און איי־פערזוכט. די טענער און שטריכן זענען קלאַסיש. דער אמתער קינסטלער האָט נישט נויטיק די „9 מאָס רייד” כדי צו שילדערן, געשטאַלטיקן; יע־דעם וואָרט, יעדע באַצייכענונג, פאַרגלײַך און מעטאַפאָר וויברירט, הויכט־אויס דאָס אַטמאָספערישע און רעגט־אָן דעם לייענערס פאַנטאַזיע און זײַן אויפנעם־פעיקייט.

דאָס רעטעניש באַשטייט אין דעם, וואָס אָט דער שילדערער פון רויע, פרימיטיווע און שטאַרקע לײַדנשאַפטן אויף דער קאַנווע פון דער יידישער שטעטל־סביבה, האָט אין דער זעלבער צײַט געהאַט דאָס פײַנסטע געהער און די דינסטע שפּראַך אויף אויפצוכאַפּן און איבערצוגעבן דאָס וויזיאָ־נעריש־מיסטישע, דעם געהיימנישפולן עפּעס, וואָס נאָר גרויסע קינסטלער אַנטדעקן „הינטערן פלויט פון דער וועלט”, אונטער דער רעאַליסטישער שאָל פון דערשײַנונגען אין לעבן.

אין אַ קורצער דערציילונג פון עטלעכע זײַטלעך, א"נ „דער פּאַמניק”, האָט ווײַסענבערג געשאַפן אַ ווונדערלעכן רעאַליסטישן און צו גלײַך סור־רעאַליסטישן מאָנומענט. דאָס בילד פון דעם אַלטיטשקן פויערים־פּאָרל, ווי זיי גייען אויס אין אַ פּאָר נאַכט איז אַן גוזמא געוואַלדיק, און אַזעלכע שילדערונגען ווײַזן דעם סופּער־רעאַליזם צו וועלכן ווײַסענבערג דערהויבט זיך.

אין דער דערציילונג, „געברענגט אַ סוד" האָט ווײַסענבערג ממש עלעקטריזירט די אַטמאָספערע מיט עראָטישער לײַדנשאַפט. ווי וווּנדערלעך פאַראייניקט איז דאָ דער מענטשן־סוד מיט דער געהיימנישפולער נאַטור, ווו „אַ רויטע סודותדיקייט האָט די שטילקייט פון דער וועלט אײַנגעהילט".

ס'איז שווער בישט איבערצוחזרן די אויסנעמלעכקייט פון אָט דעם ווײַסענבערגישן כוח.

די באַצייכענונג: „רעאַליזם" אָדער „נאַטוראַליזם" איז נישט טרעפלעך געננג פאַר אַזאַ מאָדנער פאַראייניקונג פון פרימיטיווע, אָפט ברוטאַלע לײַדנשאַפטן, אָנהייבנדיק פון מיסטיש־איבערנאַטירלעכע שטימונגען און צייכנס. בײַ ווײַסענבערגן זעען און —נאָך מער— פילן מיר אַן אָפשײַן און אַ הויך פון געוואַלטיק־אומענדלעכס, וואָס אונדזער פאָרשטעלונגסכוח קאָן נאָר אויף אַן אומקלאָרן אופן באַנעמען, ווי דער שרײַבער דריקט אויס אין זײַן דערציילונג „דאָס לעבן": „...האָט ער געענטפערט, שוין ווי דורך אַ זיפּ, וואָס האָט זיך געלייגט אויף זײַן קלאָרן פאַרשטאַנד".

בײַ ווײַסענבערגן דעם „בעל פשט", וואָס שילדערט פרימיטיוו־געזונטע טיפּן מיט אור־שטאַרקע געפילן און איבערלעבונגען, בליצט אויף גאָר אָפט דאָס אומגעריכטע, אינטויטיוו־זעעוודיקע, אייגנשאַפטן וואָס זענען אייגן די מײַסטערס פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אין אַנדערע דערציילונגען — אַזעלכע, למשל, ווי „איינער אַ מענטש", „ווי דער גורל פירט" — באַווײַזט דער „פרימיטיווער" קינסטלער די גרעסטע פײַנקייטן פון פסיכאָלאָגישער דיאַלעקטיק, ווו ווערטער, האַנדלונגען און געדאַנקען זענען נשמה־דעטעקטיוון און כאַפּן זיך אַליין אָן, ווי מאַליערס „קאַרגער", וועלכער זוכט דעם גנב.

אַזאַ דערציילונג ווי „אַ וואַלדמיידל" ווײַזט אונדז צו וועלכע פּאָעטישלירישע הייכן דער רעאַליסט ווײַסענבערג קאָן זיך דערהייבן. דאָרט שימערירן פּערל פון באַחנטער אידיליע, פון טראַגישן פּאַטאָס און הימנישן נאַטור־געזאַנג. שרהלע, די צאַרט־נאַיווע העלדין פון דער דערציילונג, קאָן זיכער פאַרנעמען אַ פּלאַץ צווישן די שענסטע אידעאַליזירטע פרויען־געשטאַלטן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אָט דער סינטעז פון פּאָלאַריטעטן — פון נאַקעט־פּרימיטיוון נאַטוראַליזם, פון פּסיכאָלאָגישער סובטילקייט און פון מיסטיש־איבערנאַטירלעכן — איז איינער פון די סודות אַרום דער לעגענדאַריש־געוואָרענער ווײַסענבערג־געשטאַלט.

*

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז ווײַסענבערגס ליטעראַרישער „קרוסעיד״, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די צײַטשריפטן, וואָס ער האָט רע־דאַקטירט און אַליין אַרויסגעגעבן — באַזונדערס „אינדזער האָפענונג״, אַזוי אויך זײַן פּערזענלעכע שטעלונג און האַלטונג אין פּרינציפּיעלע פראַגן פון ליטעראַטור, פּרעסע און דער געזעלשאַפטלעכקייט.

אויך אין זײַנע פּאָלעמישע אַרטיקלען און עסייען אין זײַנע צײַט־שריפטן בלײַבן מיר שטיין פאַר אַ רעטעניש, פאַר דער ווונדערלעכער אינטויציע, מיט וועלכער ער האָט געשאַצט דערשײַנונגען, קריטיקירט טענ־דענצן פון מעכאַניסטישער מאַסן־קולטור און אַפילו געשטעלט פּאָליטישע דיאַגנאָזן.

ווײַסענבערגס עסייען אויף אַלגעמיינע קולטור־ און ליטעראַטור־טעמעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם אוממיטלבאַר־אינטויִטיוון, מיט דעם טרע־פיקן אינסטינקט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר ווײַסענבערגן דעם שרײַבער און מענטש.

אָבער צוזאַמען מיט אַזעלכע עסייען אויף אַ הויכן און דערהויבנדיקן ניוואָ, האָט ער אויך געקאָנט פאַרעפנטלעכן פּאָלעמישע אַרטיקלען, וואָס זענען טיילווײַז געווען אַ „באַרג־אַראָפּ״ פון ליטעראַרישן סטיל, טאָן און שפּראַך.

מיר קומען צו צו דער גרעסטער רעטעניש, ווען מיר באַטראַכטן דעם אײַיסערגעוויינטלעך־העלדישן קאַמף, וואָס ווײַסענבערג האָט געפירט פאַר זײַנע ליטעראַרישע פּרינציפּן. ס׳איז באַקאַנט, ווי ער האָט אָפּגעוואָרפן די פאַרשיידנסטע געלעגנהײַטן פאַר ליטעראַרישע האָנאָראַרן, באַזונדערס פון מיטאַרבעטן אין דער פּרעסע, ווײַל ער האָט באַטראַכט די פּרעסע און די ליטעראַרישע פּאָליטיקאַנטן ווי אַ מין „סיטרא אחרא״, מיט וועלכער ער האָט געפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף. פּערזענלעך האָט ער דעם קאַמף געפירט הויפּטזאַכלעך דורך אַ מין פּאַסיוון ווידערשטאַנד, צו וועלכן ס׳האָט זיך געפאָדערט די גרעסטע העלדישקייט — זיך מקריב צו זײַן אויפן מזבח פון זײַנע פּרינציפּן, וואָס האָט פאַר אים באַטײַט אַ לעבן פון אָרעמקייט און, אָפט, פון הונגער.

אַזאַ העלדישקייט איז אפשר אַ זעלטענע דערשײַנונג אין דער גאַנצער וועלט־קולטור. נאָר בלויז געציילטע, ווי דער געניאַלער מאָלער וואַן גאָג

האָבן זיך געברענגט פאַר קרבנות אויפן אייגענעם פײַער פון גלויבן אין אַ דערהויבענעם קונסט־אידעאַל. אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן מיר נאָך אַזאַ העלדישע געשטאַלט פון אַן אידעאַליסטישן העלד — אין משה לייב האַלפּערן.

*

טאָלסטאָי האָט ערגעץ געשריבן, אַז דער מענטש, וואָס קעמפט קעגן גורל האָט נאָך גרעסערע שווערקייטן, אַקוראַט ווי אַ פערד פילט שטאַרקער די לאַסט, ווען עס רײַסט זיך אַרויסצוגיין פון געשפּאַן. ווײַסענבערג, דער גיבור ואיש מלחמה וואָס האָט געקעמפט מיטן „עולם השקר", מיט דער קולטור־דעמאַגאָגיע און אומשעפערישער און אומפּראָדוקטיקער „שול־חכמה" האָט —צו באַנוצן קיפּלינס אַ וואָרט— געצאָלט דעם פּרײַז פאַרן לעבנס־דורכגאַנג; ער האָט געצאָלט מיט די דרינגלעכסטע באַקוועמלעכקייטן, מיט דעם געזונט און מיטן לעבן.

אויפן קינסטלערישן געביט האָט ער „געצאָלט" מיט אומאויפהערלעכע פּרנסה־זאָרגן, מיט געצוווּנגען ווערן צו פאַרנעמען זיך מיט קליינלעכע טאָג־פּראַגן, וואָס האָבן געשטערט צו דער פולער אויסנוצונג פון זײַנע רײַכע שעפערישע קוואַלן.

און נאָך איין טראַגישער אַספּעקט: אַ גרויסע צאָל פון ווײַסענבערגס ווערק אין מאַנוסקריפּט זענען צעשטערט געוואָרן אין וואַרשע אין אָנהייב פון צווייטן וועלט־קריג. איז דאָס באמת אַ גײַסטיקער חורבן, וואָס קאָן שוין קיין מאָל נישט קריגן קיין תיקון.

*

ווײַסענבערגס פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט אַ פעסטן פונדאַמענט. ער איז אגב אויך נישט קיין פרעמדער אין דער וועלט־ליטעראַטור, מחמת אַ צאָל פון זײַנע דערציילונגען זענען איבערגעזעצט אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אײַנשליסנדיק פראַנצייזיש, שפּאַניש, דײַטש, יאַפּאַניש און אַנדערע לשונות.

ס'איז אָבער כדאַי, אַז אָט די פענאָמענאַלע דערשײַנונג, די רעטענישפולע דערשײַנונג פון דער ווײַסענבערג־פּערזענלעכקייט זאָל געפאָרשט

און אויסגעטײַטשט ווערן און —דאָס וויכטיקסטע— אַז וואָס מער פון זײַנע ווערק זאָלן איבערגעדרוקט ווערן.

צו דער דרײַסיקסטער יאָרצייט נאָך דעם גרויסן שרײַבער און גרויסער פערזענלעכקייט, וואָלט איך „געבאָרגט" אַן אויסדרוק פון אַ פראַנצייזישער צײַטשריפט, וואָס האָט צום סוף פון די דרײַסיקער יאָרן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אונטערן קאָפּ: „לאָמיר אַרויסגיין פון קעלער, הוגאָ!"

ס'איז צײַט, אַז ווײַסענבערגס ווערק זאָלן אַרויסגיין פון „קעלער" — פון די געציילטע ביבליאָטעקן— און דערזען די ליכטיקע שײַן.

משה קולבאַק

א

משה קולבאַקס פּאָעטער איז געווען אַ וואַלד־אַנגעשטעלטער און פון דער מוטערס צד האָט ער געשטאַמט פון אַ משפחה ערד־אַרבעטערס. אָט דער „שידוך" פון וואַלד און פעלד האָט עולה־יפה געווען אין זײַן גײַס־טיק־קינסטלערישער פּלאַרע, וואָס אָטעמט מיט די פאַרשיכורנדיקע אַראָ־מאַטן פון דער נאַטור און דערפרישט דאָס אויג מיט איר קאָלירפולער פּראַכט.

עכטקייט און פּאַרוואָרצלטקייט, מתיקותדיקע מוזיקאַלישקייט און ציטער און פלאַטער פון אומענדלעכער בענקשאַפט — מיט די און אַנדע־רע פּאָעטישע חנען איז משה קולבאַק איינער פון אַ קליינער חברותא ראַסאָווע דיכטערס אין דער יידישער ליטעראַטור, און זײַן ליד האָט דעם מיסטישן רייץ און די „לויטערקייט פון הויכע צויבערלעכע צימבלען".

אין זײַנע לידער, פּאָעמעס און ליריש־זינגעוודיקער פּראָזע איז נישט פאַראַן דאָס, וואָס מע באַצייכנט ווי די „ליבשאַפט צו דער נאַטור", נאָר די נאַטור גופא — די ריחות, זאַפטן און קאָלירן פון דער ליטווישער לאַנד־שאַפט מיט אירע טײַכן, נעפּלען, זומפּן, וועלדער און „קאַרטשעס"; און אויך דער מענטש אין קולבאַקס לירישע און עפּישע שאַפונגען פאַרמאָגט דאָס שורשדיקע, עלעמענטאַרע און סודותדיקע פון דער נאַטור.

אין קולבאַקס פּאָעזיע איז דער פּאַנטעיזם —גאָט און נאַטור היינו־הך

— געשטאַלטיקט קינסטלעריש. דער הימל ווערט דערנענטערט צו דער ערד און די ערד — דערהויבן צום הימל.

די פּאָעמע „למד־וואָוו" איז — ווי „רייסן", „ווילנע", און „בוניע און בערע אויפן שליאַך" — איינס פון די אָריגינעלסטע און באַחנטסטע פּאָעטישע שאַפונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. די פּאָעמע אָטעמט מיט אַ הימליש־לויטערער ערדישקייט, מיט אַ הייליקן נשמה־פלאַטער אויפן הינטערגרונט פון די מיסטישע נאַטור־כוחות:

אַ ייד גייט אַרום אויף פאַרוואָקסענע שליאַכן,
פאַרשיכורט פון ריחות, פון קרייטעכער־זאַפטן און בלוי —
האָט זיך זיין שטילע נשמה געבאָדן אין טוי;
האָט די געוואָרט אויף דער הייליקער שעה פון דערוואַכן.

גייט זיך אַ ייד צווישן וועלדער, וואָס לאָזן נישט ריידן,
הערט ער זיך צו, ווי דאָס לעבן אין האַרצן גייט אויס;
זעט ער, ווי ס׳שווימט אַ פאַרשטויסענער שם אין גאָטס הויז,
ס׳בלאָנדזשעט אַ רעטעניש אום און זי וויל זיך באַשיידן.

הייבט ער דעם קאָפּ צו די הימלען און פרעגט די מזלות:
— וואָס פאַר אַ שם איז פאַרטריבן פון גרויסן אין־סוף?
ענטפערט פאַרחלשט די זילבערנע בתולה פון שלאָף:
— געלויבט איז אַ כשרער ייד, וואָס גייט אַפּריכטן גלות!...

. . . אַ וועוועריקל וויגט זיך אין וואַלד — גייט דער ייד, הערט עס
אויף זיך צו וויגן,
אַ פייגעלע זינגט אויף אַ צווייַג — גייט ער דורך, ווערט עס פלוצלינג
אַנטשוויגן,
דער בוים וויגט זיך איבער צום בוים, ס׳ווערט אַ צווייַג אין אַ צווייַג
איינגעפלאַכטן.
עס טריפט רויטער שיין פון דער זון, וואָס זעט אויס ווי געשאַכטן...
טיף אין וואַלד שפּילט אַזוי ווי אַ האַרץ: אַ געבעט ווערט אָן כוחות
פאַרגאַנגען...

„למד־וו״ איז דאָס געזאַנג פון הימליש־ערדישער „פאַרקנסונג״, פון דעם „שידוך״ צווישן נשמהדיקער לעכצונג און זאַפטיקער ערדישקייט; אַ געזאַנג, אין וועלכן די איידלסטע גייַסטיקע שפּירונגען און בענקשאַפטן קריס־טאַליזירן זיך אין דער פאַראייניקונג מיט דער מיסטישער נאַטור. אַט דער בלוט־ און פלייש־פאַנטעזיזם, די זיסע, מיטרייַסנדיקע מוזיק פון פרילינג־שטראָמען, איז דער לייטמאָטיוו פון קולבאַקס שירה, אַפילו אין דער ערדיש־רעאַליסטישער פּאָעמע „רייסן״, ווו דער דיכטער שילדערט דעם זיידע פון קאָבילניק, מיט זייַן טאָטן און די זעכצן פעטערס: „יידן ווי די שטיקער ערד...״ „מען זעט, אַז עס פליִצן אַראָפּ פוןי די פעלדער די פאַרבן די הייסע ווי שטראָמען, / עס שפּרודלט פון פרילינג אַרייַן אויף דער וועלט און אַליין איז מען אויך דאָ אין מיטן... / רבונו של עולם! עס טוט זיך דאָ אויף די פעלדער, וואָס האָט נישט קיין נאָמען!...״

קולבאַקס נאַטור־הימנישקייט דערמאָנט אין די מאָלעריש־האַרמאָנישע שילדערונגען פון רוסאָ און אין דער פאַנטעזיסטישער שיכרות פון טאַראָ, וואָס ביידע זענען, אין תוך, געווען פּאָעטן, הגם זיי האָבן געשריבן אין דער פּראָזע־פאָרעם. גאָר דער צויבער פון זייַן „זינגען תכלתדיקע, שטילע הימ־לען... / ס׳רינט אַ לויטערקייט פון הויכע צויבערנדיקע צימבלען״, דער אומבאַשרייַבלעכער חן פון זייַן פאַרגעטלעכטער נאַטור, איר זאַפטיקייט און צאַרטקייט, כישופן אַרויס פון אַזאַ ליד ווי „אין אַ יאַדלאָוון וואַלד״:

שטיל. ווו עס פינטלט רויט
אַ פּאַזעמקע...
און ווו עס קלעטערט שטילערהייט
אַ ווערעמל
אין דעם צונויפגענעם פון צווייַג צו צווייַג
די קנאָכיקע
אין דעם געפלעכט פון שטאָם און וואָרצלען
מאָכיקע.
און טיף איז די געדיכטעניש די האָריקע,
די פעטערדיקע —
עס איז אַ קוועלניש אַ מוכאָמאָריקע
בייַ די קאָרטשעס

די גרינבערדיקע...
און ווי עס טוט אַ שושק
אַ גרעזל צו אַ גרעזל,
אַ קלונג,
אַ פלושק
אַ מידער קוועלכעלע,
און ווי עס טוט אַ שפרונג
אַ בידנער העזל, —
אַ קער דאָס גרויע פעלכעלע
דורך פּאַפּראָטניק,
אין קאַלטער קראָפּעווע,
אויף אַלטער פוילעניש...
און שטיל,
און קיל
הילכט אָפּ אין וואַלד
דאָס בלוי־פאַרהוילעניש...

אין דעם פּראַכטיקן ליד, וואָס איז אַ פינקלענדיקער דימענט פון פּאָעטישן אינהאַלט־פאָרעם, הערן מיר אַ וואַלדיקע סימפאָניע, אַ ריזלען פון די לעבנסקוואַלן, גערוישן פון דעם פליגל־פלאַטער פון סוד. און דאָס „בלוי־פאַרהוילעניש", וואָס הילכט אָפּ אין וואַלד און אין דעם ליד, — ווערט „רעקאָרדירט" אין דער עמאָציע פון דעם פינפילנדיקן לייענער. עס הויכט פון דעם ווונדערלעכן ליד עפּעס פון דעם כישוף פון ווערלענס „די ווײַסע לבנה" — דער מיסטישער ציטער און דאָס גרויסע פּאַרטײַעטע שווײַגן אַנטקעגן וועלכן עס פאַרבלאַסט די שפּראַך:

„...ס'פליעסקעט זיך דאָס פרילינג־גאָלד אין האַרץ, אַז ס'גלוסט זיך שווײַגן . . ."

ווי אין „וואַלדען", טאָראָס אײַגנאַרטיקן שיר־השירים צו דער נאַטור, איז אין קולבאַקס דיכטונג פאַראַן קאָסמישע פאַרשיכורטקייט, עקסטאַז און דאָרשט צו עקסטאַז, ווי אין דעם ליד „צווישן פעלדער": „פּאַלסט צו צו

רויער ערד; / ווערסט פֿאַרשיכורט פֿונעם מיסט, / פֿונעם זאַפּט, וואָס פֿליסט / און יערט". „...אָדער ווי אין דעם ליד „וועלט": „דער פֿרישער רוף / פֿון דײַנע זאַפֿטיק־רויע פֿליינען / רינט טיף אין מײַן געמיט / איך וויל אַרומנעמען דײַן מעכטיק־ווילדן גוף / פֿון פֿלאַנצן / און געשטיינען און פֿאַלנדיק צעקושן דײַנע טריט"...

ב

אין קולבאַקס נאַראַטיווער פּאָעמע „דיסנער טשאילד האַראָלד" זעען מיר קולבאַקן דעם עפּיקער; אָבער אַנשטאָט דער עפּיק אויף אַ ליריש־ראָמאַנטישן און דאָרפֿישן, אָדער שטעטלדיקן הינטערגרונט, ווי אין זײַנע פֿריערדיקע שאַפֿונגען, דערזעען מיר דאָ דעם סאַטיריקער, דעם פּאָעטיש־אינטעלעקטועלן קולטור־קריטיקער אין דער סביבה פֿון דער דײַטשישער מעטראָפּאָליע.

ליוּלקעמאַן, דער „דיסנער טשאילד האַראָלד" קומט אָן קיין בערלין אין דער צײַט פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אויף די פֿיזישע און גײַסטיקע חורבות פֿון דײַטשלאַנד האָבן געבליט אַלערליי גיפֿטיק־קאָלירטע קולטור־שוואָמען. „עס איז די גסיסה פֿון אַ ווײַטן ברויזן, / עס איז די מיתה, וואָס איז זיס, — / עקספּרעסיאָניזם שפּרײַזט מיט רויטע פּיס, / דאַדאַ — מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן".

ליוּלקעמאַן, „דער טונקעלער געמיט פֿון סענדערל און לאָמאַנאָסאָוו", טראַכט, אַז ער איז „געגליכן צו אַ לופֿטבאַלאָן, פֿון לאַנגן פֿאָדעם אָפּגעריסן". ער חוזקט פֿון דעם טומלדיק־פּוסטן קולטור־קאַרנאַוואַל: ווער שמועסט נאָך, די וווּלגאַרע שלעגער־קונסט — דאָ האָט דער סאַטירישער פּאָעט אַ גוטע אַרענע פֿאַר זײַן איראָניע און סאַרקאַזם:

דערנאָך מיט פּויסטן לעדערנע אין רינג
די באָקסערס גראָבן זיך ווי אָקסן;
אַ רוק געטאָן זיך ווייך אַזוי און פֿלינק,
און ס׳כּישופֿט שוין די אַלגעברע פֿון באָקסן...
נאָקאַוט! אַ לויב צו דער קולטור
פֿון שײנעם בענץ אין יענעמס שאַרבן;

עס כוואַליעט זיך מוסקולאַטור
אין שאָטנדיקע רעמבראַנדט־פאַרבן,
און סאַראַ קלונג פון רוקנביין!
ווי אָט די טעמפע פלעמען פלאַצן!
עס העשעט פינצטער דער המון,
ביים שיין פון טונקעלע שטורקאַצן.

אין אָט דעם אורבאַניש־דעקאַדענטישן געמויזעכץ האָט ליוועקעמאַן, ווי פיל אַנדערע, געזען די האָפענונג אויפן „צווייטן דײַטשלאַנד". ער שילדערט די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, וועדינג און מאָאַביט, ווו „דערוויַל איז שטיל. עס שלאָפט דער צאָרן / פאַרדרייט ווי אַ באַא אונטערן גלאָז". דער צאָרן האָט טאַקע דערוואַכט, אָבער אין אַן אומדערוואַרט־שרעקלעכער פאָרעם און דער „באַא" איז דערשינען אין דער מאָנסטערהאַפטער געשטאַלט פון דעם שרץ מיטן וואָנצעלע — נישט לויט די פּאָרויסזאָגונגען פון אַלערליי פאָליטישע „חרטומים" און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע שטערן־זעערס. דאָס האָט אָבער נישט צום ענין פון דער סאַטיריש־עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעמע, וואָס איז (מיטן אויסנאַם פון אַ ביסל פּאָליטישע זאָגערײַען, וואָס האָבן באַדאַרפט צודינען ווי סתם פּאָליטישע „קמיעות" קעגן אַ „גוט אויג") עלעגאַנט און פאַרמאָגט אַ פלינק־ענערגעטישן טעמפּאָ אין די אויסדרוקפולע פערזן, פולע מיט פײַער פון איראָניע, פּאָעטישער וויזיע און עטישער תוכחה.

ג

קולבאַק האָט בײַגעשטײַערט צו דער יידישער פּראָזע זײַנע צוויי „קליינע ראָמאַנען", „משיח בן אפרים" און „מאָנטאָג", ווי אויך „זעלמעניאַנער", וואָס ער האָט שוין, ווי די פּאָעמע „דיסנער טשאַילד האַראָלד", געשריבן אין מינסק, נאָך זײַן אויסוואַנדערן פון פוילן.

„משיח בן אפרים" און „מאָנטאָג" האָבן זיכער ליטעראַריש־קינסטלערישע מעלות ווי גראָטעסקעס אין ראָמאַן־פאָרעם, מיט זייערע ביזאַרע העלדן, וואָס שפיגלען אָפּ אין אַ גרויסער מאָס דעם מחבר; זײַנע פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס און ליריש־עמאָציאָנעלע אני־מאַמינס. פאַראַן אַ סך וווּנדערלעכע פּאָעטיש־עקספּרעסיאָניסטישע שטעלעס. אָבער דאָס זענען

פּאָרט טיילווייז מער געלונגענע פּראָזע־עקספּערימענטן, ווי אמתע דער־גרייכונגען אין דער דערציילערישער קונסט (מעגלעך אַז זיי וואָלטן גע־פונען אַ שטאַרקערן אויסדרוק אין דער דראַמאַטישער פאָרעם).

אין „זעלמעניאַנער", וואָס איז אַ מין קינסטלערישע כראָניק פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער משפּחה אין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער ־ רעוואָלו־ציע, האָט קולבאַק געגעבן דעם וואָכעדיקן עפּאָס פון אַ געזונטן יידישן „קלאַן" — די אָפּשטאַמיקע פון ר׳ זעלמעלע, וואָס „איז גרייַלעך אייַנפאַך ווי אַ שטיק ברויט", אין וועמעס משפּחה „ס׳זענען נישטאָ קיין עקרות... נישטאָ קיין געפאַלענע פאַר דער צייַט"...

מע וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז אין דעם ווערק זעט מען אַ נייַעם קולבאַק — אַ קרעפטיקן פּראָזאַיקער, מיט אַ שאַרף אויג פאַר סביבה, כאַראַקטער און — אַ סך הומאָר און איראָניע. פאַקטיש אָבער האָבן זייַנע קינסטלערי־שע מעלות, הומאָר און דער רעאַליסטישער געשטאַלטיקונג־כוח, זיך שוין געזען אין זייַנע פריערדיקע ווערק; זיי האָבן דערגרייכט זייער פולע רייַפקייט בלויז אין „זעלמעניאַנער".

די פעטערס, מומעס, קינדער און אייניקלעך און פלימעניקעס און פלימעניצעס — די „רב זעלמעלעך, וואָס שיטן זיך פון יעדער טיר ווי שוואַרצער מאָן", — דאָס איז אַ מיליע וואָס אָטעמט מיט לעבן און עכט־קייט. די געשטאַלטן און די אַרומיקע לאַנדשאַפט זענען ציזעלירט מיט דער פּלאַסטישקייט פון אַ סקולפּטור.

אַ ווינטער־לאַנדשאַפט: „אין די אָוונטן האָט געבלאַנקט דער שניי און די לופט איבערן שניי האָט געברענט ווי בלויער בראָנפן".

שילדערנדיק אַ „בריגאַדע", בייַם בויען אַ טראַמוויי־ליניע, ווייַזט אונדז דער מחבר: „אַ פּאָר הונדערט ברוינע קערפּערס, מיט אָפּגעברענטע פּלייצעס ווי מיט טונקעלע שילדן, האָבן זיך רויִק באַוועגט אין אימפּעט פון דער אַרבעט. די מוסקולן האָבן זיך אַרומגעגליטשט אויף די לייַבער ווי לעבעדיקע, און אין גאַנג פון דער אַרבעט האָבן זיי זיך געכוואַליעט איבער דער פולער גאַס קערפּערס, ווי ברוינע כוואַליעס איבער אַ מאָדנעם מענטש־לעכן טייַך.

„זעלמעניאַנער" איז אַ ווערק, וואָס איז פול מיט קינסטלעריש־געשיל־דערטן שטייגער, סיטואַציעס און טראַגי־קאָמישע עפּיזאָדן. און אַלץ איז דורכגעזאַפּט מיט אַ וווּנדערלעכן הומאָר, וואָס גיט די אַלע אינדיווידועלע

געשטאַלטן און דער גאַנצער סביבה דעם קינסטלערישן לעבנס־אָטעם, אומ־מיטלבאַרקייט און עכטקייט.

אויפן הינטערגרונט פון דער עפּאָכע נאָך דער רעוואָלוציע, פון קאָ־מוניסטישן „מתּן־תּורה", האָט משה קולבאַק געשילדערט דעם געראַנגל צווישן דעם אַלטן און נײַעם דור; מיר זעען דאָס געשטאַלט פון פּעטער יודע („...איך טראַכט: סי ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט — ס'איז דאָ עלעקטרע. נו, ווי לייגט זיך עס אויפן שכל, אָט דער לעמפּל איז גאָט?...); פון בערע, וואָס אַרבעט אין דער מיליץ און סאַבאָטירט די געפּלאַנטע רע־ליגיעזע חתונה־צערעמאָניע און פירט אויס שפּעטער, אַז זײַן קינד זאָל נישט קריגן קיין נאָמען נאָכן עלטער־זיידן זעלמעלע, נאָר זאָל הייסן מאַראַט.

מיר זעען די טעכנישע און שטייגער־רעוואָלוציעס: דער „אַרײַנמאַרש" פון עלעקטרע, ראַדיאָ און פילם אין דעם הויף פון די „זעלמעניאַנער"; און די געמישטע חתונות און אַנדערע נײַקייטן. מיר דערזעען, ווי דער סאָציאַל־פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און דער קולטור „טראַקטאָר" איז דורכגעגאַנ־גען, דורכגעאַקערט די געזעלשאַפטלעכע פלאַסטן און אַלע ווערטן און זיי איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ — און די פאַרשײַדענע טיפּן און גע־שטאַלטן אין מיטן דעם היסטאָרישן מישמאַש.

„זעלמעניאַנער" איז איינס פון די קאָלירפולסטע און מערקווירדיק־סטע פּראָזע־ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי משה קולבאַק איז איינער פון אירע עכטסטע און שורשדיקסטע ייִדישע פּאָעטן.

משה נאַדיר, דער פּרינץ פון די ווירטואָזן

עטלעכע יאָר פאַר זײַן טויט האָט משה נאַדיר, אין זײַן פאָרוואָרט צום בוך „נאַדירגאַנג", פאָרויסגעזאָגט, אַז זײַן ליטעראַרישער רום וועט זײַן אין עקליפּס. ער האָט שוין דעמאָלט דערפילט דעם טעם פון אומפרײַוויליקער איינזאַמקייט, ווי „צוריקפאָרנדיק פון יאַריד" און זיך באַקלאָגט אויף זײַן מערכה: „די אייביקייט שטייט אײַן אין די הענט פון דער הײַנטיקייט, פון מענטשן, שרײַבערס, וועלכע ער האָט אַזוי שאַרף באַקעמפט, און אַ מאָל טאַקע מיט אַ פולשטענדיקן «נאַקאַוט»".

פון דעסטוועגן איז ער אין דעם אויבן דערמאָנטן פאָרוואָרט צו זײַן בוך (דערשינען אין 1957) געגנוג טראָציק. ער פאַרענדיקט מיט אַ כמוי־ניטשעאַנישן קרעדאָ: ער האָט נישט געוואָלט גיין מיט אַלע צום „שעפּסנ־קוואַל", אאַ"וו.

אַ גאַנץ אַנדערן טאָן הערט מען אין זײַן בוך „מודה אני", וואָס איז אַרויס שוין נאָך זײַן טויט. דאָרט זעט מען אַ פולשטענדיקן בעל תשובה, מיט אַש אויפן קאָפּ און אַ זאַק אויף די לענדן, ער קלאַפּט זיך על חטא, וואָס ער האָט געזינדיקט מיט זײַן „זעלבסטמערדערישער פּען", אָנגרײַפנ־דיק אַלץ און אַלעמען.

אָבער נאַדירס טראַגישער „חטאתי" האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף טויבע אויערן. מען האָט אים שוין נישט געגלייבט, אַפילו ווען ער איז געווען

טויט ערנסט און פאַרוואונדיקט. דאָס בלוט אויף זײַן פּנים האָט מען אָנגענומען ווי אַ קלאָונישן גרים.

און וואָלט מען אים אַפילו געגלייבט, איז אויך געוועז צו דערוואַרטן, אַז ער וועט אַזוי לײַכט נישט קריגן קיין מחילה. צו פיל האָט ער אַרונטערגעריסן אַלץ און אַלעמען אין זײַן קרײַצצוג קעגן די „פלישתים"...

און אַזוי האָט זיך זײַן נבואה באַשטעטיקט. משה נאַדיר איז הײַנט אַ מין „שמות" אויף אונדזער ליטעראַרישן שילבוידעם: נישט מען וואַרפט אים אַרויס, נישט מען נעמט אים אַרײַן...

*

משה נאַדיר, אַ הויך־באַגאַבטע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט, איז געוועזן אַ שאַרפער פּאָלעמיסט און קריטיקער, און ער „צאָלט" דעם פּרײַז דערפאַר.

איך האָב דאָס שוין געזאָגט בײַ אַ געלעגנהײַט:

יעדער קריטיקער איז אַ קרבן פון זײַנע קרבנות. ווער שמועסט נאָך — אַזאַ אין־דער־זיבעטער־ריפּ־קריטיקער ווי משה נאַדיר.

עס איז אָבער צײַט צו מאַכן אַ שטיקל רעוויזיע בנוגע איינעם פון אונדזערע פײַנסטע שרײַבערס; איבערצורײַסן די קאָנספּיראַציע פון שווײַגן.

איין זאַך איז, אַז ער האָט זיך אָפט פאַרגאַלאָפּירט. עמעצן אָנגעגריפן מיט אומרעכט און אַנדערע — אָן צוריקהאַלט, אין זײַן דאָן־קיכאָטישן אַנטי־„פלישתים"־קאַמף, ווען ער האָט געשאָסן אויף רעכטס און לינקס מיט זײַן געפּערלעכן ווערטער־וואַרפער.

אַ צווייטער ענין איז די אָנשטענדיקייט לגבי אַ קעגנער, בפרט צו אַזאַ הויך־טאַלאַנטירטן קעגנער, ווי דער גרויסער דיכטער פון מיניאַטורן, דער אויסגעמלעכער וואָרטוואַז אין אונדזער ליטעראַטור.

דאָס אָנהאַלטן דעם נאַדיר־חרם הייסט אָנהאַלטן אַ געוויסן אופן פון קולטור־טאָטאַליטאַריזם — אַ זאַך, וואָס מיר באַקעמפן, מיט אַזוי פיל רעכט, בײַ אַנדערע.

פאַרגעבונג צו משה נאַדירס אַנטי־פּלישתים־מאַניע וועט זײַן נישט בלויז אַ חסד של אמת צו אונדזער גרויסן פיליגראַן־קינסטלער; דאָס וועט אויך זײַן אַ חסד פאַר אונדזער ליטעראַטור און מאָראַליש־עסטעטישער אינטעגריטעט.

ווײַל קולטור איז די סומע פון טאַלאַנט. דאָ גייען אַרײַן סײַ די פרומע (מער אָדער ווייניקער אויפריכטיקע) און סײַ די לעסטערערס. אגב, היינטער לעסטערונג איז אָפט, ווי אין פאַל נאַדיר, פאַראַן דער ניצוץ פון פרומ־קייט.

*

משה נאַדירס שוואַכע פונקטן זענען, בעיקר, זײַן „לינקע ליבע" און — זײַנע לידער.

ער איז געווען אַ קאָסמישער בונטאַר, אַ לעסטערער־איקאָנאָקלאַסט. ווי אַ צאָל אַנדערע פון אונדזערע באַטייטיקסטע דיכטערס ווי קולבאַק, האַלפּערן א"אַ, האָט נאַדיר זײַן אײַנגעבוירענע בונטאַרישקייט געווענדט קעגן די „פּלישתּים", דעם בירגערלעכן פיליסטערטום. אָבער אים האָט די בונטאַרישקייט נאָך ווייניקער געפּאַסט, ווי די אַנדערע.

און אַזוי האָבן מיר געהאַט דעם טראַגי־קאָמישן פּאַראַדאָקס, ווען נאַדיר, דער היפּער־עסטעטישער אינדיווידואַליסט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „פּענאונביקסלער" פאַר סטאַלינען, דעם „פאָטער", וואָס האָט, ווי סאַטורן, אויפגעגעסן זײַנע אייגענע קינדער...

דער רעבעל און איקאָנאָקלאַסט איז געוואָרן אַ שמשל־חונף פון דעם מוראדיקן גרוזינישן באַרג־גזלן, דעם נעאָ־ביזאַנטישן, דעספּאָטישן „באַזי־לעאום".

נאַדיר, דער שייגעצסט און מורד, האָט געדעמפט ליטעראַרישע קטורת פאַרן מאָדערנעם טאָרקוועמאַדאַ, וואָס האָט געלייטערט מיט פײַער די „אומ־גלייביקע".

זײַן צווייטער שוואַכער פונקט: די לידער —

אין זיי זענען געווען אַ סך גוטע זאַכן „אײַנגעבאַקן": קולטור, עלע־גאַנץ, גרינגע שפּילעוודיקייט, עכטע איבערלעבונג און וואָרטשאַפונג. אָבער ס'האָט דאָרט עפּעס געפעלט.

און דאָ מוזן מיר שוין אָנקומען צו אַן אומגעריכט וואָרט פון היפּאָליט טען בנוגע דזשאָנאַטאַן סוויפט: „ז ײַ נ ע ל י ד ע ר פ אַ ר מ אָ ג ן אַ ל ץ — אַ ח ו ץ פּ אָ ע ז י ע"...

עס איז געווען אַ רחמנות אויף דעם הויך־טאַלאַנטירטן אייראָפּייער און ראַפינירטן עסטעט, ווען ער האָט זיך און דעם לייענער געמאַטערט מיט זײַן ווערסיפיקאַטאָרישן „האָבי".

משה נאַדיר איז אין תוך געווען אַ גרויסער קליינקינסטלער. זײַן קינסטלערישער מעדיום איז געווען די מיניאַטור, דער קורצער, אָבער דער טיף דורכלײַכטנדיקער וואָרטבליץ, די על רגל אחתדיקע אימפּראָוויזאַציע בנוגע מענטש און וועלט, אלאָ אין דעם קליינעם שטח פון זײַנע מיניאַטור־אימפּראָוויזאַציעס און „אימפּראָמפּטיס" האָט ער געגעבן אַ פּילקאָלירנדיקע קינסטלערישע פּאַנאָראַמע פון געשטאַלטן, אידייען און שטימונגען. ס'איז אמת, אַז ער האָט אָפּט אויסגעביטן זײַנע דיכטערישע גאָלדענע רענד־לעך אויף טריוויאַלע גראָשנס; אָבער ער האָט אונדז געגעבן דאָס סימ־פּאָנישע פון פונקט און קאָנטראַפּונקט — דאָס לעסטערנדיקע און פרומע, דאָס עלעגישע און להכעיס־מונטערע, דאָס דיכטעריש־בענקענדיקע און וווּלגאַר העדאָניסטישע.

זײַן גײַסטיק־קינסטלערישער קלימאַט:

אַנאַטאָל פראַנס' קולטור־אַראָמאַטישער שמייכל און פײַנזין און היינריך היינעס גראַציעזע זינלעכקייט; אויך דער קלוגער סקעפּטיציזם און פּאָעטישער שיינקייט־דאָרשט; דער פּעסימיזם פון הבל הבלים (און דער הבל הבלים פון פּעסימיזם) און זינלעכע ראַפּסאָדיק פון שיר־השירים.

זײַן דיכטעריש־פילאָסאָפישן קרעדאָ קאָן מע זען אין זײַן פאָרוואָרט צום בוך „אונטער דער זון":

„נישטאָ קיין פלאַץ אין דער אַוועקגערונענקייט פון וואַסער — אַחוץ די שיינקייט פון וואַסערשוים, די שווימליניע פון אַ גאָל קאַטשקעלע, דער קרישטאָלענער פונאַנדערנעם, דאָרט, ווו אַ שטרויכלונג ברעכט ס'וואַסער, דער פלוס־געזאַנג, דער טײַך־טומאַן"...

ער איז, אין תוך, געווען אַ ראַפינירטער קולטור־קריטיקער, אַ דיכ־טעריש־בליציקער פילאָסאָף, אָדער פילאָסאָפישער דיכטער, וואָס שאַצט, מישט און טוישט־אויס די אינטעלעקטועלע, קינסטלערישע און קולטור־וואַלוטע פון דער וועלט.

דער סוד פון נאַדירס ווערבאַלער לאַבאָראַטאָריע: אַ שמעלצטאָפּ, ווו אַלטע, אָפּגעריבענע באַנאַליטעטן —הויפּנס שפּראַכלעך בראָכוואַרג— זע־נען פאַרוואַנדלט געוואָרן, אין זײַן הויך־געלאָדענער אינטענסיווקייט, אין פּערפעקטע קונסטפּאָרמען, אין גלענצנדיקע מעטאַלענע פיגורן. און די פּרעכטיקע פיליגראַן־אויסאַרבעטונגען האָבן אַרומגענומען סײַ ווירטואָזע לײַכטזיניקייטן, טאַלאַנטירטע קונצערײַען ווי: „וועלוול וווּוניקס ווײַב", „אַ

מעשה מיט אַ של ראש" — איבער געדאַנק־פּאָרטרעטן ווי: „צען מינוט רויע געדאַנקען"; קינסטלערישע קאַריקאַטורן ווי: „ס. דימענט־שלייפער" און אַנדערע — ביז זײַנע מײַסטערישע, בליציק־קורצע שרײַבער־כאַראַקטע־ריסטיקעס אין זײַנע „פּעדערשפּיצן" און ענלעכע אַפאָריזמען־זאַמלונגען.

„מאַרסעל פּרוסט האַלט זיך אַליין אויף דער שויס און... און בענקט נאָך זיך.

„ווו בין איך?" פרעגט פּרוסט מיט פּלוצעמדיקער שרעק, בעת ער האַלט זיך אַליין אַרומגענומען מיט ביידע הענט. „אָט בין איך". ענטפערט ער באַרויִקט און קריכט אַראָפּ אין קעלער אַרײַן און קריכט אַרויף פון קעלער, און באַשרײַבט זײַן אַראָפּקריכן און באַשרײַבט זײַן אַרויפקריכן, און באַשרײַבט זײַן באַשרײַבן".

דאָס איז אַ מוסטער פון נאַדירס גײַסטרײַך־קאַריקאַטוריסטישן אופן, מיט וועלכן ער מאָלט מענטשן און ווערק.

*

משה נאַדיר, דער בונטאַר, האָט —ווי שוין באַמערקט— אויפריכטיק חרטה געהאַט אויף זײַן אומברחמנותדיקן און אומבאַגרענעצטן „אַנטי־פּליש־תים"־קרײַצצוג.

אָבער דאָס נישט פאַרגעבן אים איז נישט בלויז אַן עוולה קעגן איי־נעם פון אונדזערע אויסנאַמלעכע קינסטלערס, — עס איז אויך אַן עוולה קעגן אונדזער ליטעראַטור און קולטור.

יעדער אמתער הומאָריסט איז אַ טראַגיקער. ער איז אַ מענטש מיט אַ יאַנוס־פּנים — איין העלפט לאַכט און די אַנדערע וויינט. על פּי רוב איז ער געווענדט צום פּובליקום מיט דער לאַכנדיקער העלפט. אָבער דאָס געלעכטער איז אַ „יאַשטשערקע־געלעכטער".

אַפילו ווען ער האָט געשליידערט זײַנע עקסקלוסיווע חוזק־ווערטער, האָט נאַדיר אַליין נישט ווייניק געוויטיקט.

ער איז געווען דער געשיקטסטער „דיאַטריביסט" אין אונדזער לי־טעראַטור. ער האָט געוואָרפן נאַסע פּאָלעמישע שמאַטעס אין אַ צאָל „טיש"־פירנדיקע שטריימלעך...

און נישט בלויז בכתב.

די פאַרשטאָרבענע דיכטערין איידע מאַזע האָט מיר געהאַט דער־

ציילט אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד פון נאַדירן. ער איז אַ מאָל געווען ביי איר אין שטוב, וואָס איז געווען דער מאָנטרעאַלער ליטעראַרישער סאַלאָן, זיך אָפּגערוט פון וועג אויף דער סאָפע. פלוצעם, דערציילט איידע מאַזע, הערט זי ווי נאַדיר האָט זיך צעלאַכט אויפן קול און קוועלט. אויף איר פראַגע וועגן דער סיבה פון זיין געלעכטער, האָט נאַדיר געענטפערט, אַז אים איז פלוצעם איינגעפאַלן אַ בילד: „ווי וואָלט לייוויק אויסגעזען, ווען ער טוט אויס די מאַסקע אויף אַ מינוט"...

זיינע פונקען־וואַרפנדיקע פּעדערשפּריצן און אַנדערע קאָנדענסירטע סענטענצן, זאָגענישן וועגן פאַרשיידענע שרייבערס, קולטור־טיפּן און דער־שיינונגען, געהערן צו די מערקווערדיקסטע דערגרייכונגען פון וואָרטקונסט אין אונדזער גאַנצן שריפטום.

נאַדיר און זיין סטיל — דאָס איז אַ קעגנשטאָף צו ליטעראַרישן לאַקריץ, צו פאַלשער חלשותדיקער „יראת שמימדיקייט"; אַ געווירצט־פּי־קאַנטער וואָרטקאָקטייל, וואָס איז אָפּט צו האַרב און שאַרף — אַ נייטיקע רעאַקציע צו דער נודנער „פלישתימדיקער" זיסקייט, אָבער פאָרט אַ מאָל צו האַרב...

אומאָפּהענגיק פון דער וווּלגאַרער פאַסקווילישער בלאָטע, אין וועל־כער זיי געפינען זיך, זענען זיי, די נאַדיריזמען, פּערל פון סטיל, פון בליצנדיקער חריפות און קאָדענסירטער כאַראַקטעריסטיק.

מע וועט דאַרפן ליטעראַריש רעסטאַווירן משה נאַדירן, לויט דער אַלטער פאָרשריפט: „תוכו אכל ואת קליפתו זרק". ביי אונדזער אויסנעמ־לעכן וואָרטוואָז איז פאַראַן אַ סך „קליפה". אָבער דעם עשירותדיקן תוך מוזן מיר ראַטעווען פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

ה. ד. נאָמבערג

געבוירן אין יאָר 1874 אין אַ ייִדיש־אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, אין שטעטל אַמשינאָוו, האָט הערש־דוד נאָמבערג באַקומען אַ טראַדיציאָנעל ייִדישע דערציִונג. זײַן רײַפקייט־עלטער איז צונויפגעפאַלן מיטן פעריאָד פון סוף 19טן יאָרהונדערט, אַ צײַט־אָפּשניט, ווען די קולטור־עוואָלוציע אין ייִדישן לעבן, די השכלה, איז שוין לאַנג אַרויס פון די אידעאָלאָגישע קינדער־וויקעלעך און אַנגענומען בולטע מאָדערניזירנדיקע קולטור און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע פאָרמען. אין דאָזיקן גײַסטיקן יוירונגס־פעריאָד — אין די 90קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — זענען אויך בײַ נאָמבערגן פאָרגעקומען די בהדרגהדיקע אומוואַנדלונגען און שאַרפע איבערבראָכן — אַ וועג, וואָס האָט געפירט פון אַ קליינשטעטלדיקן עילוי — צו אַ ייִדישן שרײַבער.

אין די קרוב דרײַ יאָרצענדליגער פון זײַן ליטעראַרישן שאַפן (1900—1927) האָט נאָמבערג באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט אַ ריי וואָגיקע און אייגנאַרטיקע ווערק אין פיל ליטעראַרישע שטחים: פּאָעזיע, פּראָזע, עסיי, רעפּאָרטאַזש און פעליעטאָן.

אין די ערשטע יאָרן פון זײַן שאַפן האָט ער זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך צו צוויי זשאַנערן פון דער שיינער ליטעראַטור — דעם ליד און דער דערציילונג, בעת אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אין זײַן שאַפונגס־געביט אַרײַנגענומען די עסיי, פעליעטאָן און רעפּאָרטאַזש. אין יעדער פון די א״ד שאַפונג־זשאַנערס איז געקומען צום אויסדרוק נאָמבערגס קינסט־

לערישע אינדיווידואַליטעט, אַ שעפערישע פערזענלעכקייט מיט אַ רײַכער קולטור און פײַנער פּאַרגײַסטיקטקייט.

יעדעס ליד, נאָוועלע און אָפּהאַנדלונג זײַנע האָט געטראָגן דעם בולטן חותם פון אינטעלעקטועלער אַנגעלאַדנטקייט, קולטור־רעזומע און ליריש־פילאָסאָפישער קאָנצענטרירטקייט.

די העלדן פון נאָמבערגס דערציילונגען — דאָס איז אַ באַשטימטע סביבה און שטייגער־מענטשן, אינטעליגענטן, וואָס ווערן געוואָרפן פון זייער פּאַטום־כאַראַקטער צווישן די פּאָליוסן פון גדאַנק און טאַט, מיט אַ מין דעפּעקטיווקייט פון ווילנס שוואַכקייט. פליגלמאַן, דער נשמה־צעריסע־נער אינטעליגענט, וועמענס גײַסטיקע מאָטאָרן עס זענען: סענטימענטאַלקייט, סקעפּטיציזם, מעלאַנכאָליע און קולטור־איבערזעטיקטקייט — דאָס איז דער יידישער האַמלעט פון דעם בוידעם־שטיבל.

צו גלײַך מיט אַנדערע באַצייכענונגען אין דער ליטעראַטור, וואָס זענען אָנגענומען דורכן פּאָלק און ליטעראַטור־קריטיק, וואָס סימבאָליזירן באַשטימטע טיפּן מענטשן, איז „פליגלמאַן" אַרײַן אין דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. „דאָס איז אַ „פליגלמאַן" — אַ פעסטגעשטעלטע באַצייכענונג פאַר אַ ספּעציפישן מין „צעבראָכענע אינטעליגענטן" — שיינגײַסטער, וואָס פאַרוועלקן און פאַרפרירן אונטערן אָטעם פון דער ברוטאַלער מגושמ־דיקייט אין „טאָג־טעגלעכן לעבן"; פליגלמאַן — דאָס איז אַ טיפּ פון אַ טיף־סענסיטיוון און שטאַרק־איבערלעבנדיקן מענטש, וואָס מאַסקירט זיך מיט אַ פילאָסאָפיש־רעזיגנירטן און סקעפּטישן „מתיכא־תיתא" — אַ טיפּ וואָס איז פּאַקטיש נישט אַזוי הונדערט־פּראָצענטיק מהיכא־תיתאדיק...

אויך אין אַנדערע דערציילונגען פון זײַן פּראָזע־שאַפן קומען צום אויסדרוק די ליטעראַריש־קינסטלערישע און פערזענלעכקייטס־שטריכן פון דעם „פליגלמאַן"־מחבר. נאָמבערגס „שוויג, שוועסטער", „אַ קורסיסטקע" „צווישן בערג" און אַנדערע דערציילונגען האָבן מיט זייער אייגנאַרטיקייט, אינטעלעקטועלער דערהויבנקייט און פּסיכאָלאָגישער דינקייט — פאַרנו־מען אַ באַדײַטנדיקע פּאָזיציע אין דער יידישער ביכער־שאַנק.

ווי אַ פיקסירונג פון טייל גרונט־טענדענצן, קענען דינען אויך אַ ריי לידער נאָמבערגס, וואָס לייענען זיך ווי פּאָעטישע קרעדאָס: „דער נביא", „אוי, ווײ און כאַ־כאַ־כאַ". דאָס איז אַ קרייצונג פון געפילן, שטימונגען און

אידייען פון עקסטאַז ביז ווייטיקלעכער רעזיגנאַציע, וואָס פּרוווט זיך צו פאַרטויבן מיט אַ טרויעריקן „כאַ־כאַ־כאַ!"

פון אַ באַזונדערס גרויסן ווערט זענען נאָמבערגס פעליעטאָנען, רע־פּאָרטאַזשן און עסייען, אין וועלכע עס שפּרודלט לעבנס־חכמה, באַאָבאַכ־טונגס־קראַפט און טיפזיניקער אַנאַליז.

ס'איז צו באַוווּנדערן די פיינקייט און עלעגאַנץ, מיט וועלכער נאָמ־בערג האָט געשריבן אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס זענען צוליב זייער טעמאַ־טישקייט — ענינים „שהזמן גרמא", און וואָס זענען אַ דאַנק דער גייסטרייכער באַהאַנדלונג — דערהויבן צו דויערנדיקע שאַפונגען.

ווער שמועסט נאָך — די „אייביקע" טעמעס אין עסייען, קונסט און לי־טעראַטור־אָפּהאַנדלונגען און ליטעראַרישע פּאָרטרעטן. זיי זענען אַוודאי און אַוודאי פון בלייבנדיקן ווערט.

מיט רעכט קען דער מחבר פונעם „דאָס בוך פעליעטאָנען", פאַררעכנט ווערן ווי אַ באַדייטנדיקער און טיפזיניקער יידישער עסייִסט — און אַזעלכע האָבן מיר גאָר ווייניק, געציילטע.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז נאָמבערג צוגעפאַלן צו די קוואַלן פון דער שטילער, וועלט־אויסגעטוענער מזרח־חכמה: די הייליקע שריפטן און פילאָסאָפישע דיכטונגען פון דער אַלט־אינדישער און כינעזישער לי־טעראַטור פון בודאַ, לאַאָ־צע און אַנדערע. דער זוכנדיקער גייסט־באַלאָ־דענער שרייבער האָט ענדלעך געפונען אַ שאָטן פון רו אין דער אַלץ־אויפלייזנדיקער וואָרט־סובסטאַנץ פון „אַריידרייען די קנויט פון לאָמפּ" — די לערע פון נירוואַנאַ.

אויך נאָמבערג דער מענטש, איז געווען נישט ווייניקער אינטערע־סאַנט ווי זיינע שריפטן. ווער עס האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אין זיין סביבה, האָט געפילט די ליטערנדיקע, לייכטנדיקע אויסשטראַלונג פון אַ שרייבער־פּערזענלעכקייט („פּרשות", וואָס גייען נישט אָפּט צו־זאַמען...).

אין אונדז אַלע פאַרבלייבט די געשטאַלט נאָמבערג — די פּערזענלעך־שטראַלנדיקע און וואָרט־שטראַלנדיקע — אַ געשטאַלט פון אַ גרויסן אומ־רויִקן און זוכנדיקן רעליגיעז־בונטאַרישן גייסט.

יונה ראָזענפעלד

יונה ראָזענפעלד איז אין דער יידישער ליטעראַטור דער „סטענאָ־גראַף" פון אינערלעכן דיאַלאָג, דער שילדערער פון משונהדיקע פּאַסירונגען, האַנדלונגען און דראַמעס — הויפּטזאַכלעך אויף דער בינע פון דער פּסיכיק, פון געמיט.

ס׳איז מערקווערדיק, וואָס אָט דער אָרעמער יתום פון אַ וואָלינער שטעטל, וועלכער איז דורכגעגאַנגען די היימישע כמו־קאַטאָרגע פון אַ צען יאָריקער פאַרשקלאַפונג ווי אַ לערניינגל ביי אַ טאָקער, און האָט אין זיין עלנטער יוגנט אַפילו נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן אַזאַ זאַך ווי ליטעראַטור, האָט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט ווי אַן אָריגינעלער יידישער שרייבער, וואָס קאָן מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי אַ פאָרגייער פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגישער דערציילונג.

יונה ראָזענפעלד איז אין זיינע גרעסערע און קלענערע דערציילונגען דער פּיאָנער־פאָרשער פון די טונקעלע לאַבירינטן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק. ער ווייזט אונדז די טונקעלע שטחים — דורך זיגזאַגיש אינטויטיווע אויפבליצן ביי זיינע טיפן און געשטאַלטן, וואָס שטרייכן אונטער דעם אַרומיקן כאַאָס. אָט ווי ער שרייבט אין דער דערציילונג „אַ מיידעלע" („אויפגאַנג" אין די „געקליבענע ווערק" וואָס זענען דערשינען נאָך זיין טויט אין דער ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, צוזאַמענגעשטעלט פון ח. גראַדע און מיט אַ ביאָגראַפיש־קריטישן אַריינפיר פון ש. ניגער):

„...ווי מאָדנע קאָמפּליצירט עס איז אונדזער גייסטיקער אַפּאַראַט.

זייער אָפּט באַגרײַפֿן מיר נישט זאַכן, וואָס אין אונדז אַליין קומען זיי פֿאָר. עפּעס גאָר פּלוצלינג גיט זיך אײַן דיר אַן עפֿן און אַ באַווײַז אַ טיפֿע, אַ פֿרעמדע וועלט פֿאַר דיר, און אין מיטן באַווײַזן זיך ווערט עס פֿאַרשוווּנדן".

שוין בלויז די נעמען פֿון זײַנע דערציילונגען הויכן־אָן אַן עדגאַר פּאָ־אַטמאָספֿער: „אין נעפּל", „דער פּלאָנטער", „פֿון שרעק", און אַנדערע. הגם דער הויפּטמאָטיוו זײַנער — כשהוא לעצמו — איז נישט אויסשליסלעך שרעק און דאָס קרענקלעך־מאַקאַברישע, ווי בײַם אַמעריקאַנישן מחבר פֿון די גרויל־געשיכטעס. אָבער גאַנץ אָפּט ווערן זײַנע „העלדן" דערפֿירט צו אַ טראַגישן סוף, צו זייער אומקום, מחמת זייערע פֿאַרפּלאָנטערטע עמאָציעס און געדאַנקען. און יונה ראָזענפֿעלדס דערציילונגען זענען קינסטלערישע „עקספּערימענטן", וואָס באַווײַזן דעם אַלטן כלל, אַז נישט בלויז דיקטירן אָפּט עמאָציעס אונדזערע געדאַנקען, נאָר אַבסאָרבירן זיי, „עד דלא ידע"...: ווו עס ענדיקט זיך דער טונקעלער געדאַנק און ווו עס הייבט זיך אָן דאָס נאָך טונקעלערע געפֿיל.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דאָס אינטויִטיווע און סודותדיקע איז בײַ יונה ראָזענפֿעלדן שטענדיק פֿאַרבונדן מיט הילפֿלאָזער טראַגיק אָדער טראַגישער הילפֿלאָזיקייט. אין איינעם פֿון זײַנע אויטאָביאָגראַפֿישע ווערק, „פֿון מײַן טאָגבוך", וואָס צייכנט זיך אויס מיט שטאַרק־רעאַליסטישע שילדערונגען, אַן „אָדיסייע" איבער די מערב־אוקראַיִנישע פֿאַרשנייט־גיהנומדיקע פֿליינען, וואָס האָבן געאָטעמט מיט קריג, רציחה און יידנהאַס, — שילדערט דער מחבר אַ סצענע, ווי אַזוי ער ווערט, צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי געפֿירט דורך צוויי פּוילישע זשאַנדאַרמען איבער אַ וואַלד צו אַן אויספֿאָרשונג אין אַ נאָענטן שטעטל. געוויינטלעך איז טויטשרעק, באַזונדערס אין אַזאַ סביבה און באַדינגונגען, אַ שרעקלעכע איבערלעבונג. יונה ראָזענפֿעלד באַווײַזט אָבער, אַז די העכסטע שרעק קאָן אַ מאָל זיך אַליין לינדערן דורך איר אייגענעם „אַנטידאָט"...

„פֿאַראַן אין מענטשלעכן גײַסט טיפֿע, פֿאַרן מענטשן אַליין פֿאַרבאָרגענע ערטער, וואָס נאָר אין געוויסע מאָמענטן אַנטפּלעקט עס פֿאַר אים עפּיזאָדן רײַכע, געפֿילן הויכע און געדאַנקען דערפֿינדערישע... צו מאָל, אָפּהענגיק פֿון דעם אין וואָס פֿאַר אַ נסיון איינער געפֿינט זיך, וואַקסט דער אינדיווידום זיך אַליין אַריבער, הייבט זיך אויף העכער פֿון אַלטעגלעכ־

קייט. און באַלויכטן פון אַ נײַער אינערלעכער שײַן, שמייכלט ער שוין גאָר דעם הענקער אין פּנים אַרײַן"...

י. ראָזענפעלדס דערציילונגען זענען פּאַקטיש אַ ליטעראַריש־פּסיכאָלאָגישער לייטמאָטיוו מיט מערערע וואַריאַציעס: די געדאַנקלעך־עמאָציאָנעלע „פאַבריק" מיט איר קאָמפּליצירטער מאַשינעריע פון אינסטינקטיווע און אינטויטיווע „מאָטאָרן", פון פּסיכישע „צאָנרעדער", וואָס באַוועגן איינע די אַנדערע, אָבער זיי באַוועגן זיך אין קעגנזײַטלעכע ריכטונגען... נישט שטענדיק איז דאָס ריין־דערציילערישע, דער ליטעראַרישער סיפּור־המעשה, קינסטלעריש אויסגעהאַלטן, ווי אַ יש פאַר זיך; אָבער שטענדיק איז דאָרט פאַראַן דער אינטערעסאַנטער אינערלעכער דיאַלאָג, „די אַנטפּלעקונג פון דעם סודותפולן געדאַנקלעכן מאַשינען־רוים", וואָס פּראָדוצירט אָפט — אונטערגאַנג, טראַגעדיע.

אין איינער פון זײַנע קורצע דערציילונגען מיטן שרעק־מאָטיוו, „אין סטעפּ", דערציילט דער מחבר:

„איך בין מיר אַזוי געגאַנגען, פאַרזונקען אין אומעט פון איינזאַמקייט, און געפילט האָב איך, אַז ערגעץ טיף אין מיר, טיף אין מײַן מענטשלעכן וועזן, איז פאַראַן עפּעס אַזאַ טיפעניש וואָס איז מיר אַבסאָלוט אומבאַקאַנט... ס'איז עפּעס מײַנס און נישט מײַנס — אָט די טיפעניש. זי איז מיר אין גאַנצן אומבאַקאַנט"...

דאָ האָבן מיר אַ באַוווסטזיניק־בעלעטריסטישן פּירוש אויף דער פאַרהיילענער דערשײַנונג פונעם אונטערבאַוווסטזיניקן, וואָס טויכט אויף פון צײַט צו צײַט מיט אַ רמז־סיגנאַל פון די נשמה־טיפן. די טראַגעדיע און דער פינצטערער גורל, וואָס באַפאַלן אָפט יונה ראָזענפעלדס געשטאַלטן, זענען טייל מאָל אין דער פאָרעם פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע כוחות — מאַניעס און פאָביעס — וואָס דערשײַנען ווי פוריעס פון דעם טונקעלן אונטערבאַוווסטזיניקן שטראָם.

יונה ראָזענפעלד איז אַ פּלינק־גבורהדיקער טאַלאַנט אין זין פון דער בעלעטריסטישער געשטאַלטיקונג פון דעם געדאַנקלעכן עלעקטרישן „וועקסל־שטראָם"; אין זײַנע פאַרכאַפּנדיקע שילדערונגען פון דעם „אַהין־און־צוריק", אין דעם עמאָציאָנעל־אַנגעלאָדענעם געדאַנק און פון דער געדאַנקלעך־באַפאַרבטער עמאָציע. אָט אָ דער סתירותדיקער „וועקסל־

שטראָם״ פאַרכאַפּט אָפּט זײַנע טיפן ווי אַ הויך־געלאָדענע עלעקטרישע קראַפט און צעטרייסלט זיי און דערפירט זיי צו חורבן.

גײַסטיקער חורבן איז דער רעזולטאַט פון אַזאַ אַבסורדאַלן און אויס־ וועגלאָזן „אַהין־און־צוריק״ אין דער דערציילונג „דער פּלאָנטער״, וואָס אי״ז איינע פון די געלינגענסטע און אינטערעסאַנטסטע צווישן יונה ראָ־ זענפעלדס קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישע „עקסקורסיעס״.

בערל, דער נעבעכדיקער „העלד״ פון דער דערציילונג, פילט זיך נאָך נעבעכדיקער צוליב דער שטאָלצער האַלטונג פון דעם יונגן מאַן, וואָס האָט געדונגען בײַ אים אַ צימער. זײַן פרוי וואָרנט אים אַז ער זאָל זיך בעסער צוהערן, ווי דער שכן לאַכט פון אים, ווען ער, בערל (געשטויסן פון אַ „מינדערוווערטיקייט־קאָמפּלעקס״, ווי מ׳וואָלט דאָס איצט גערופן), גייט אַרײַן אין צימער פון דעם שכן, וואָס „איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי (בער־ לען און זײַן פרוי) ווי אַ הויכע פעסטע וואַנט, און זיי — צוויי ווערעם, האָבן זיך געלאָזט קלעטערן אויף איר, נאָר אַראָפּצופאַלן״...

„בערל האָט נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון זײַן ווײַב... ס׳האָט אים עפּעס געצויגן אַהין... ער האָט אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף אַהין נישט „קריכן״... איז דאָך מיט יענעמס האַלטונג געשאַפן גע־ וואָרן אַזעלכעס, וואָס ער האָט זיך דאָך געפילט נידעריקער. און דאָ איז געלעגן דער סוד, וואָס עס האָט אים געצויגן צו יענעם... ער האָט זיך אויס־ געזוכט רייד פון דער וועלט... און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער שכן האָט געשוויגן... האָט ער דאָך נישט געקאָנט אויסראָטן פון זיך דאָס גע־ פיל, אַז דער לעצטער איז קליגער פון אים...

„ער האָט דאָס מאָל באַשלאָסן גאָרנישט צו רעדן... נאָר אים האָט די שטילקייט געשטיקט... אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע צימער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ שווער־אומזיכטיקער משא... אַז יעדע זאַך, דער טיש, די בענקלעך, דער קאָרב, די שאַפע, דאָס בעטל, האָבן באַקומען אַ טאָפּלטע וואָג... און אויך דער שכן האָט באַקומען אַן אומבאַגרענעצטע וואָג, און דער שאָטן זײַנער... האָט נאָך מער געגעבן צו שפּירן די שווער־ פאַרהאַרטעוועטע שטילקייט, זי געדיכטער געמאַכט. און געדאַכט האָט זיך אים, אַז פון אים איז פאַרשוווּנדן געוואָרן... איינער פון זײַנע פינף חושים... ער האָט געפילט, אַז עפּעס פעלט, און אַז דער ליידיקער פּלאַץ האָט זיך, ווי דאָס גאַנצע צימער, מיט בלײַערנער שווערקייט אָנגעגאָסן... אַז ווײַ־

טער אַזוי זיצן איז אוממעגלעך: אָדער פאַרלאָזן דאָס צימער, אָדער אי־בערדרײַסן די שטילקייט, נאָר סײַ דאָס ערשטע, סײַ דאָס צווייטע איז אים שווער געווען בײַ זיך צו פועלן״...

אין דער געשטאַלט פון בערלען, דעם פיזישן און גײַסטיקן „נעבעך״ און אַרכי־שלימזל, האָט דער מחבר געשילדערט אַ „העלד״, וואָס פאַלט אַ קרבן פון זײַן דראַנג זיך „אויסצוגלײַכן״, אָדער אַרויסצופאָדערן זײַן שטאָלצן שכן, אָבער ער פאַרפּלאָנטערט זיך מיטן דערציילן אַן אידיאָטיש „שפּיצל״, וואָס ער האָט אָנגעאַרבעט בײַ זײַנעם אַ קונה. זײַן פרוי, אַ טיף־פאַרשעמטע און פאַרצווייפלטע מחמת איר מאַנס נעבעכדיקייט און נאַ־רישקייט, און פראָוואָצירט פון איר שכנס באַנעמונג, פאַלט זי אַרײַן אין דעם אויסגאַנגלאָזן „וועקסל־שטראָם״ פון קעגנזעצלעכע געפילן און שטרע־בונגען. זי ווערט צום סוף געשענדט און רויִנירט פון אים, דעם שכן, פאַלנדיק אַ קרבן פון אירע זיגזאַגישע עמאָציעס און „ספּעקולאַציעס״. ביידע טיפן זענען קינסטלערישע אילוסטראַציעס און פאַרקערפּערונגען פון דעם עמאָציאָנעל־געדאַנקלעכן „פּלאָנטער״, אין וועלכן דער גורל האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן:

„...און צוזאַמען מיט זייער שווײַגן האָט זיך געפילט, ווי פון מי־נוט צו מינוט ווערט עפּעס פאַרהאַרטעוועט אין דער לופט; ס׳ווערט פאַר־האַרטעוועט עפּעס שווידערלעכס — ס׳גליווערט עפּעס שרעקלעכס, און עס פאַרקלײַבט זיך, פאַררוקט זיך ערגעץ ווײַט, טיף אין די הערצער... און געפילט האָבן זיי, ווי זיי טיילן זיך אָפּ איינס פון דעם צווייטן, ווערן איינס פאַר דעם אַנדערן דאָס וואָס זיי זענען קיין מאָל נישט געווען... און ס׳איז אָבער געשען אַזעלכעס, וואָס איז אוממעגלעך, ס׳זאָל אַנדערש זײַן״...

יונה ראָזענפעלד איז דער קינסטלערישער פאַרצייכענער פון נישט־רעדעוודיקע געדאַנקען, וואָס קאָנווענציאָנעל שרײַבערס האַלטן ענלעך צו ניט דרוקפעיִקע ווערטער. פאַרשיידענע אַנגסט־געפילן, לײַדנשאַפטן, קאָנפראָנ־טאַציעס צווישן „לעגאַלע״ אויבערפלאַך־געדאַנקען און „אומלעגאַלע״ גע־דאַנקען און שפּירונגען פון נשמהדיקן אונטערגרונט — דאָס איז דאָס טונקל־אומהיימלעכע געביט, אין וועלכן יונה ראָזענפעלד, דער פּסיכאָלאָ־גישער וועגווײַזער פירט אונדז אַרײַן. ווי אין זײַן דערציילונג, „אין נעפּל״: דוד, אַ באַלעבאַטישער ייִד, ווערט אַרײַנגעצויגן אין אַ פּסיכישן קעסלגרוב צוליב דעם, וואָס זײַן שיינע שוועגערין רבקה האָט זיך צײַט־

ווײַליק אַרײַנגעצויגן אין זײַן וווינונג, נאָך דעם ווי איר מאַן חיים, דודס אָרעמער ברודער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

„ביסלעכווײַז האָט ער אָנגעהויבן שפּירן, אַז אונטער זײַנע פיס עפנט זיך עפּעס אַ טיפער אָפּגרונט... אין אַ געדיכטער פינצטערניש האָט זיך זײַן מוח געטרונקען... אין אים און אַרום אים האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן אַזעל־כעס, וואָס לאָזט זיך נישט טראַכטן, נאָר עס גיט זיך צו פילן"...

„ניין, ער האָט נישט געוווּסט, וואָס אים איז... גייענדיק אַהער (צום בית המדרש) האָט ער געמיינט, אַז... ער וועט פון איר אַנטלויפן. אָבער ניין... זי איז געוואָרן פאַר אים... אַ פײַערדיקער ראָד, וואָס בליצט מיט פאַרשיידענע פאַרבן, רייצנדיקע פאַרבן, און ער קאָן פון דעם גאָר נישט אַרויסשפּרינגען"...

דער „נישט־גוטער" שלעפּט צו דודן צו דער שוועל פון דעם צי־מער ווו רבקה שלאָפט, אָבער ער ראַנגלט זיך אויף דער שוועל פון זינד און „כף הקלע", און זיגט איבער זײַנע תאוות — פאַר אַ טײַערן פּרײַז: ער גייט צוריק צו זײַן בעט און פילט, אַז די כוחות גייען אים אויס פון אַ האַרץ־אַטאַקע.

יונה ראָזענפעלד איז איינציק אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ „וועגווײַזער" פון די אומהיימלעכע נשמה־ און כאַראַקטער־לאַנדשאַפטן, וויסטע געגנטן, וואָס זענען פול מיט פאַסטקעס פון „צוואַנג־אידייען" און עמאָציאָנעלע און געדאַנקלעכע „זינקגעזעמדן". ס'איז אמת, אַז זײַנע קינסט־לערישע פליגל, וואָס האָבן אין זיך עפּעס פון גאונישער נשמה־אַנטפּלעקע־רישקייט, זענען געבליבן אין אַ רודימענטאַרן צושטאַנד און האָבן, צוליב זײַן שווערער און באַגרענעצטער יוגנט־סביבה, זיך נישט אַנטוויקלט אין דער פולער מעגלעכקייט. אָבער דאָס, וואָס ער האָט יאָ באַוויזן צו דערגרייכן — זײַנע קינסטלעריש־אויספאָרשערישע עקספּעדיציעס אין די ווײַטע, אומ־באַקאַנט־אומהיימלעכע שטחים — איז אַ העכסט־אָריגינעלער בײַשטײַער צו דער יידישער ליטעראַטור. יונה ראָזענפעלדס בעסטע שאַפונגען שטעלן מיט זיך פאָר נײַ־אַנטדעקטע עקזאָטישע אינדזלען אויף אונדזער ליטע־ראַרישן ערד־קיילעך.

מיכאַל בורשטין

א

מיכאַל בורשטין האָט אין פאַרלויף פון זײַן קורצן שעפערישן פעריאָד, אָנהייבנדיק פון יאָר 1931, פאַרעפנטלעכט פיר ביכער, אין וועלכע ער האָט געצויגן די קינסטלעריש־טעמאַטישע טראַדיציע פון מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם, אַש און ווײַסענבערג, נעמלעך — די געשטאַלטיקונג פון דעם יידישן שטעטל.

„איבער די חורבות פון פלוינע", (1931), „גורל" (1936), „בײַ די טײַכן פון מאַזאָוויע" (1938) און „ברויט און זאַלץ" (1939) — דאָס זענען די ווערק, וואָס בורשטין האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן ביזן אויסברוך פון דעם חורבן.

די טראַדיציע פון חורבן־מאָזאַיק, וואָס בורשטין האָט אָנגעהויבן מיט זײַן ערשטן בוך, קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אין „בײַ די טײַכן פון מאַזאָוויע", אין וועלכן ער איז דער שילדערער פון שטעטל אין דער פאַזע פון אונטערגאַנג און אויפלייזונג. און די לעצטע צוויי טראַגישע קאַפּיטלעך פון דעם בוך — די שילדערונגען פון דעם פּאָגראָם־חורבן — סימבאָליזירן דאָס „לעצטע קאַפּיטל" פון דעם קנאַפּן טויזנט־יאָריקן יידישן ישוב אין פּוילן, פון וועלכן ס'איז געוואָרן אַ תל־עולם.

מיכאַל בורשטין האָט געשאַפן זײַנע ווערק ערב דעם סוף־קאַפּיטל, ווען די מיליאָנען דרימלענדיקע שנאה פון דעם אַרום האָט דערוואַכט און אָנ־גענומען אַלץ מער דראָענדיקע און מוראדיקע פאַרמען. פון בערלין און בי־

רענבערג, די נעסטן פון דער ברוינער פעסט, האָבן אָנגעהויבן בלאָזן פינצ־טערע, בייזע ווינטן. גיפט און האַס האָבן געפּלייצט מיט די עטער־כוואַליעס פון די „ראַדיאָ־זענדערס״ און אַרײַנגעדרונגען קיין פּוילן צוזאַמען מיט די „אידעישע״ באַצילן פון די געבעלסעס און שטרײַכערס. און דאָס אַלץ האָט געפונען אַ גינסטיקן באָדן אין לאַנד, וווּ דער שטעקן און רעוואָל־ווער פון דעם כוליגאַן און שוואַרץ־מאהניק האָט זיך צעהוליעט און באַקו־מען די שטילע אָדער אָפענע הסכּמה פון דער רעגירונג.

דאָס יידישע שטעטל איז געווען רויניִרט פון סיסטעמאַטישע שי־קאַנעס און אונטערדריקונג, וואָס האָבן געקראָגן אַן אויסדרוק אין דער „גראַבשטשיזנע״.

די שנאה און אונטערדריקונג האָט אין אָנהויב אָנגענומען די פאָרעם פון „אָווּשעם״ — דעם לעגאַלן עקאָנאָמישן, סאָציאַל־פּאָליטישן הכשר פאַרן קרייצצוג קעגן דעם פּוילישן יידנטום. דאָס איז געווען דער אָר־גאַניזירטער עקאָנאָמישער באָיקאָט; די שטײַערן־אינקוויזיציע פון דער גראַבסקי־מאַשינעריע, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשרויפט אין די ביינער און לײַב־און־לעבן פון דעם ייד אין דער פאָרעם פון גזירות, סעקוועסטראַ־ציעס און ליציטאַציעס, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ לעגאַליזירטע פּלינדע־רונג פון יידישן פאַרמעגן און אַ טאַקטיק צו דערפירן אים צו דער שוועל פון באַנקראָט. אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן געביט — אַן אומדערהערטע דיס־קרימינאַציע קעגן יידן, וואָס זענען פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בירגער פון דער „צווייטער קאַטעגאָריע״; דער „נומערוס קלאַוזוס״ פאַר יידישע סטודענטן און אַנדערע רדיפות.

שפּעטער איז דער „לעגאַלער״ אַנטיסעמיטיזם אַרײַן אין דער פאַזע פון אָפענעם כוליגאַניזם, אין אָרגאַניזירטע אָדער טאָלערירטע פּאָגראָמען, וואָס האָבן חרוב געמאַכט יידישע שטעטלעך. אָבער אין דער צײַט, ווען יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן אין די גאַסן, האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן געטראַכט וועגן אַ פאַרבאָט אויף ריטועלער שחיטה, וועלכע איז דורך דער מאַדאַם דעפּוטאַט פּריסטאָר דערקלערט געוואָרן ווי אומהומאַניש.

מיכאַל בורשטין האָט מיטן אויג און אויער פון אַ פּראָזע־קינסטלער אויפגעכאַפּט די דימענסיעס פון דעם ערב־חורבן, און מיט דיכטערישער אינטויציע פאָרגעפילט דעם שטורעם, וואָס רוקט זיך אָן פון מערב. און די דאָזיקע פאָרגעפילן פון דעם אָנקומענדיקן „טייפון״, צוזאַמען מיט די

שילדערונגען פון דעם עקאָנאָמישן חורבן און עמאַנציפּאַנעלער אויפטרייס־לונג האָט ער פיקסירט אין זײַנע ווערק, צום שטאַרקסטן אָבער אין „בײַ די טײַכן פון מאַזאָוויע".

ב

בורשטין איז בעיקר אַ שילדערער פון מאַסן־סצענעס, פון דעם ציבורס האָפענונגען, בענקשאַפטן און געראַנגל, פון דעם פּ אָ ל ק י ש ן פּ ייַ ז אַ ז ש.

אין „איבער די חורבות פון פּלוינע" זעען מיר דאָס שטעטל מיט זײַנע „פּאַטריאַרכן" און די פיר „שבטים"־קאַסטעס מיט זייערע אַנטאַגאָניזמען; די ייִדישע יוגנט איז אויפן פרשת־הדרכים צווישן רעוואָלוציאָנערן „קאַמף אויפן אָרט" און דעם חלוצישן ציוניזם. ס׳ווערט געשילדערט דער פּראָצעס פון פאַראָרעמונג אין רעזולטאַט פון דער „גראַבשטשיזנע" און באָיקאָט. די וואַקסנדיקע דעקלאַסירטע שיכטן זענען די קוואַלן וואָס פאַרגרעסערן די צוויי געזעלשאַפטלעכע שטראָמען — די „קוימענקערער", וואָס גרייטן צו דעם וועג פאַר דער רעוואָלוציע (אויך מיט אַ „חמץ־אַקציע" אום פּסח אין פאַראיין), פון איין זײַט, און די ציוניסטיש־אינספּירירטע, וואָס חלומען פון ארץ־ישראל, פון דער צווייטער זײַט.

נישט זעלטן גיט דער מחבר זײַנע אייגענע בעלעטריסטישע „פּרפּראות" אין דער געשטאַלט פון אַ פײַן בילד, אַ גלענצנדיקן מעטאַפאָר, וואָס גיט דער שטעטל־מאָזאַיק אַ באַזונדערן רעליעף און פּערספּעקטיוו:

„צעוואָרפן בלישטשען די ליכטלעך דורך די פאַרקאָוועטע פענצטער, מאַכן געל און רויט די פראָסט־בלומען אויף די שויבן, די איינציקע ייִדישע בלומען אין פּלוינע. זיי בליִען אַרום חנוכה און ווערן צעריננען אדר־צײַט".

„בײַ די טײַכן פון מאַזאָוויע" איז אַ שטאַרקער ווערק, סײַ אין דער מאַסן־קאָמפּאָזיציע און סײַ אין דער יחידישער כאַראַקטער־שילדערונג.

מיר זעען דעם ש יי נ ע ם יי ד, דעם זקן ישראלטשע בלימעלעס וואָס האָט שוין אויסגעשפּילט זײַן וועלט און ווען די עלטער קומט פאַר „ווי אין לאַנגער חול־המועד צווישן די ערשטע טעג — די 75 יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין עושר און אין כבוד", און די צווייטע טעג — יענע וועלט...

מיר זעען די געשטאַלטן פון זײַן טאָכטער ראָצע „שווער געמיט"

און איר מאַן, גרונם „מײַנע צרות", וואָס זענען געבענטשט בלויז מיט דער ערשטער העלפט פון דער ברכה: „זרעינו וכספינו ירבה כחול". ישראלטשעס צווייטע טאָכטער שבע און איר מאַן, דער שטעטלדיקער גביר און ראש־הקהל, שמואל לוויטשער, מיט זייער טעכטערל גאָלדע, אין וועלכער עס פאַרליבט זיך זייער קרוב גבריאל פריוער, אַ דאָקטער אָן פּראַקטיק, וואָס איז נאָך צוועלף יאָר זײַן „אין דער וועלט" צוריקגעקומען אַהיים.

גבריאל פריוער, וואָס איז פולשטענדיק מיד פון דעם גרויס־שטאָטישן אַספאַלט־מידבר, איז געקומען אַהיים „אָפּנעמען זײַן קינדהייט" און ער לעבט־אויף אין דער וואַרעמקייט און פּשטות פון דער שטעטלדיקער סביבה. פאַר אים האָבן די ווערטער פון זײַן קוזינע שבע „דעם מוזיקאַלישן רי־טעם פון גאַנצע דורות מאַמעס".

גבריאלס אַרײַנקומען אין שטוב האָט „אויסגעפּרעסט אויף גאָלדעס פּנים אַ פּערלדיקן שמייכל... זײַן האַרץ האָט אַ צאַפּל געטון און מיטגע־ריסן אין דעם בלוטלויף דעם דאָזיקן שמייכל. און דעמאָלט איז אים קלאָר געוואָרן, וואָס ער... אַ דאָקטער אָן פּראַקטיק, וועט טון אין סמאָלין.

פּאַראַלעל מיט דעם שבט פון די שיינע יידן — על פּי רוב אָפּגעקו־מענע אָדער אויפן וועג פון עקאָנאָמישן באַרג־אַראָפּ, שילדערט בורשטין טיפּן פון דער „חברה נאָדל־קאָפּיטע־דראָטווע־בײַטש": באַלמעלאָכעס, האָ־רעפּאַשניקעס, לומפּן־הענדלער און אַנדערע „געמיינע לײַט", ווי דער שלעגער־יונג בערטשיק „שמאַטע", אברהמל „טריפהנע יאַטקע", הערשל קאָמאַשן־שטעפּער און ענלעכע. צווישן די ביידע וועלטן געפינט זיך הערש לוסטיק, דער שטעטלדיקער פאָלקס־טריבון און „אָמבודסמאַן", וואָס הערט־אויס און איז מתקן די עוולות קעגן דער אָרעמער האָרע־פּאַשנער מאַסע.

הערש לוסטיק, דער סאָד־וועכטער, קעמפט אויף אַלע פראָנטן לטובת די אָרעמע, קודם כל מיט שמואל לוויטשערן, ווען ער זאָגט, אַז כ'זענען פאַראַן פאַרשיידענע כוחות אויף דער וועלט: „אַזוי ווי ראָטשילד איז שטאַרק מיט זײַן עשירות, אַזוי בין איך שטאַרק אין אָרעמקייט".

הערש לוסטיק, דער האַרציקער פאָלקס־מענטש, מיט אַ כאַראַקטער וואָס איז לויטער און סאָליד ווי אַ דימענט, איז איינער פון די קינסטלעריש־לעבעדיקסטע טיפּן, וואָס בורשטין האָט געשאַפן. זײַן פּשטות, תהילימדיק־

פרימער אָפּטימיזם און גוטסקייט זענען אַרומגעזױמט מיט אַ פײַנעם הו־מאָר, סאַרקאַזם און איראָניע, וואָס דריקן זיך אויס אין ווערטלעך און טײַטשן, וועלכע האָבן דעם געווירצטן טעם פון מענדעלעס און שלום־עליכמס „פּירושים".

בײַם אויספּועלן אַ צעטל פון דער קהילה אויף האָלץ פּאַר אָרעמע־לײַט, טענהט הערש לוסטיק צום גביר שמואל לוויוויטשער, אַז „הכסף יענה את הכל, דאָס געלט פֿײַניקט אַלע..."

ווען ישראלטשע בלימעלעס, צו וועמען ער קומט אויספּועלן אַ שטוב פּאַר זײַן אייגן בלוט־ און פלייש — זײַן טאָכטער ראָצע „שווער געמיט" מיט איר לאָ־יוצלחדיקן מאַן גרונם „מײַנע צרות" און זייערע קינדער, וויל אים דער גביר אָפּפּטרן מיט אַ פּסוק: „ס'שטייט... די גמרא זאָגט", ענטפֿערט אים הערש לוסטיק: „ר' ישראלטשע, וואָס טויגן מיר די אַלע זאַכן? די גמרא ז אָ ג ט, רש"י מ אַ כ ט, אין פּסוק ש ט יי ט. די בעסטע זאַך איז דער מדרש: דער מדרש ב ר ע נ ג ט, האָט מען כאָטש עפּעס".

ג

אין הערש לוסטיקן האָט מיכאַל בורשטין פֿאַרקערפּערט אַ העכסט־פּאָזיטיווע געשטאַלט פון אַ יידישן פאָלקס־מענטש, אַ טיפּ וואָס אָטעמט מיט אַ „בדמייך חיי" אָפּטימיזם; אַ בעל־בטחון און אַ בעל־מידות — אַ העלד וואָס ווירקט מיט זײַן עכטקייט און וואַרהאַפטיקייט.

די פֿאַרשיידענע טיפּן און געשטאַלטן אין דעם בוך זענען נישט גע־צייכנט מיט דער „שוואַרץ־אָדער ווײַס"־כאַראַקטעריסטיק, נאָר מיט ביואַנסן, מיט סתירות, מיט וועלכע דאָס לעבן איז פול. בערטשיק „שמאַטע", דער שלעגער און נואף האָט אַ „יידיש האַרץ" און נעמט זיך אָן פּאַר עוולות און איז צום סוף מקריב זײַן לעבן בײַם פֿאַרטיידיקן יידן בעת דעם פּאָ־גראָם. פון דעסטוועגן זענען אויך דאָ פֿאַראַן סיטואַציעס אָן פּסיכאָלאָגי־שער דעקונג, ווי, למשל, דער פֿאַקט, וואָס בערטשיק פֿאַרפֿירט די שיינע שטריקערין צוועטל, וואָס האָט פון אים אַ קינד (אונטער דער אָפּיציעלער „פֿירמע" פון איר מאַן הערשל קאַמאַשן־מאַכער, וועמען בערטשיק האָט איר אונטערגעשיקט ווען ס'קינד איז שוין געווען „אין וועג") — און דאָך גייט דאָס אָן [redacted] „גלאַטיק".

אויף דעם הינטערגרונט פון די פּערזענלעכע דראַמעס און טראַגע־

דיעס צייכנט בורשטין די קאָנטורן פון גבריאלן, וואָס געפינט זיך אין דעם גײַסטיקןווירבל פון צוזיַנדיקע און אָפּשטויסנדיקע כוחות וואָס ווירקן אין שטעטל סמאָלין. אונטערגאַנג בושעוועט פון אַלע זײַטן. בער פּײַטאַ־לאָוויטש, דער דיסקאָנטירער ווערט בדלות צוליב דעם מאָראַטאָריום אויף די חובות, וואָס די פּוילישע שליאַכטע איז שולדיק ייִדישע סוחרים, ער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס רײַכטום, איז פון אַלע גיטער געבליבן בײַ דער „שטאַט" אין דער שיל און גייט אַרום מיטן פּיזמון: „מאָראַ... מאָ־ראַטאָריע..." צום סוף באַגייט ער זעלבסטמאָרד.

די געשלעגן און סקאַנדאַלן צווישן די ש ײ ב ע ־ י ײ ד ן און די פּראָסטאַקעס, די „טויטע עליהס", וואָס ווערן געטיילט אין דער שיל בײַם געבן עליהס — דאָס אַלץ ברענגט אים צו סקעפּטישע געדאַנקען. ס'ווערט אים אויך ענג אין דער פּײַנדלעכער אַטמאָספער, וואָס ווערט נאָך פּײַנ־לעכער אין דער שטעטלדיקער היימישקייט.

„פון שולצס רעסטאָראַן שטראָמט אַרויס דער ראַדיאָ וואָס פאַר־הילכט אַ האַלבן מאַרק. יעדן טאָג זאָגט ער אָן נײַע גזירות."

„...די בליקן פון פּאָסטאָר, פון בירגערמייסטער, פון אַפּטייקער, זיי זאָגן אָן און דערמאָנען אויף טריט און שריט: דו ביסט שוין נישט דער זעלבער דאָקטער פריווער פון פאַר אַ יאָרן... פון פאַר צוויי חדשים צוריק, פון פאַר צוויי וואָכן צוריק. דער מענטשלעכער ווערט גבריאלס פאַלט אין יענעמס אויגן אַזוי ווי עס פאַלט דער ווערט פון פּאַפּיר־געלט אין מלחמה־צײַט. נאָך יעדער ראַדיאָ־רעדע ווערט זײַן ווערט געמינערט..."

„גבריאל שעמט זיך צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַרײַן. ער שעמט זיך פאַר דעם וואָס זיי שעמען זיך נישט".

דאָס אַלץ ווערט אָבער בטל דורך דער גרויסער צוציִונגס־קראַפט — זײַן ליבשאַפט צו דעם ליכטיקן מיידל, זײַן קוזינעס טאָכטער גאָלדע, וועמעס צאַרטע יונג־פרויִשקייט און זיסקייט בורשטין שילדערט מיט זײַנע קורץ־אײַנגעהאַלטענע, אָבער אויסדרוקספולע שטריכן.

„גבריאל פריוווערן דאַכט זיך אַז ער איז צוגעשווומען צו אַ שטילן ברעג. דער וואַלד ציט פון אים אַרויס די סמען, וואָס אַרבעטן זיך אויס אין די געדערעם פון די גרויסע שטעט".

ענדלעך קומט דער גליקלעכער מאָמענט, ווען גאָלדע, זײַן געליבט מיידל, „פלאַטערט אַרום זײַן צימער ווי אַ וואַרעם פרילינג־ווינטל". אָבער

באַלד קומט דער שרעקלעכער הוראַגאַן. אין איינעם אַ פרימאָרגן פאַר־לאָזט גבריאל די שטוב מיטן גליקלעכן געפיל פון האָבן אַ היים, נישט ווי זײַנע חברים אין די גרויסע שטעט, פון איראָפּע, וואָס פּײַניקן זיך אין די קאַפּייען.

„ווען גבריאל קומט צוריק אַהיים דערפילט ער אויף די אויסגע־שטאָרבענע גאַסן די „פאַרנעקייט, וואָס קומט אַלע מאָל פאַרן טייפון".

ס'קומען די טראַגישע סוף־קאַפּיטלעך וועגן דעם חורבן פון שטעטל סמאַלין — אַ ביאַליק־ענלעכע „בעיר ההריגה", אַ פּראָזע־מגילה פון די פּאָגראָם־רציחות און צעשטערונג און צווישן די קרבנות איז זײַן הייס־געליבט מיידל, די ליכטיקע גאָלדע. די טראַגישע קאַפּיטלעך מיט זייער אײַנגעהאַלטנקייט און שטילע טענער זענען ענלעך צו די סמאָלינער באַ־לעבאַטים, וואָס „רעדן וויניק, אָבער דאָס דאָזיקע שווײַגן, אַז עס טרעפט זיך צונויף מיט די שוואַרצע לעכער פון די פענצטער, מאַכט קיל דאָס בלוט אין די אָדערן."

ד

מיכאל בורשטינס טראַגישער גורל איז געווען צוריק אַרײַנגעשליי־דערט צו ווערן אין דעם היטלער־גיהנום, אין דעם קאָוונער געטאָ, נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט געראַטעוועט קיין רוסלאַנד. אין דעם געטאָ, וווּ ער האָט געלעבט און געליטן דרײַ יאָר, פון 1941 ביז 1944, איז ער געווען שעפעריש און אָנגעשריבן אַ גרויסן ראָמאַן און קלענערע דערציי־לונגען, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען. בורשטין איז דעפּאָרטירט געוואָרן אין לאַגער קאָופערינג, בײַ לאַנדסבערג־אַם־לעך, אין בײַערן, ווו ער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער און קראַנקייט אין אָנהייב 1945, אויף דער סאַמע שוועל פון דער באַפרײַונג.

אַ רירנדיקע שילדערונג פון בורשטינס לעצטע טעג אין לאַגער גע־פינט זיך אין ישראל קאַפּלאַנס בוך דערציילונגען און סקיצן „אין גע־שליידער". אין דעם פּאָרטרעט א"ב „פרעמדלינג און העפטלינג", שיל־דערט קאַפּלאַן, דער יידישער שרײַבער און היסטאָריקער פון קאָוונע, וואָס איז געווען אין אַ שכנותדיקן לאַגער, די געקנפּלטע ליידן פון דעם פאַר־פּײַניקטן שיינגײַסט. קאַפּלאַן זאָגט אין זײַן פּײַן־געצייכנטן פּאָרטרעט, אַז בורשטין איז געווען אַ פרעמדער אין לאַגער — מיט אייגענע, מיט יידן. דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס זײַן פויליש־יידישע אויסשפּראַך האָט

געקלונגען פֿרעמד פֿאַר די ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן „דאָמינירט" אין דעם לאַגער; צוליב דעם וואָס די פּשוטע מענטשן האָבן דערפֿילט, אַז ער איז נישט קיין „זייעריקער", ווי אויך צוליב דעם, וואָס די אַזוי־גערופֿענע אינטעליגענטן האָבן אויסגעפֿונען אין בורשטינען „חסרונות": אייגנאַרטי־קייט, פֿאַרשלאָסנקייט אין זיך, „אַ גײַסטיקער פֿײַנשמעקער".

קאַפּלאַן, דער שאַרפֿער אָבסערוואַטאָר, ווײַזט אָן, אַז בײַ אַזעלכע פֿו־נאַנדערקלײַבענישן איז שוין ממילא די גאַנצע גײַסטיקע פּראָבע פֿון אַזאַ מענטשן ווי אָפּגעפֿרעגט און אַז „ער איז געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַ מענטש אַ שווערער, נישט פֿון לעבן". זײַן עלנטקייט און פֿאַרלוירנקייט — בײַ די פּלאָגן און שיקאַנעס פֿון קאַצעט — איז נאָך מער געוואַקסן, ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין פֿיזישע און גײַסטיקע יסורים.

גאָר רירנדיק איז קאַפּלאַנס שילדערונג פֿון זײַנע באַגעגענישן מיט לײַדנדיקן „פֿרעמדלינג", ווי ער זיצט אַ קראַנקער אין דער אײַז־קאַלטער בודע פֿאַרטיפֿט איבער אַ תנ״ך און זאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, אַז דאָס איז הײַנט זײַן גאַנצע גײַסטיקע שפּײַז, און כמעט אויך די מאַטעריעלע; אַז „דער מער־אינטעליגענטער מענטש ווערט אין גאַנצן צעריבן אין דער קאַצעט־מיל."

מיר דערוויסן זיך אויך, אַז דער פֿאַרצווייפֿלטער בורשטין האָט גע־פּרוּווט צו צעשמעלצן די אײַז־מחיצה מיט זײַן שעפֿעריש וואָרט און האָט געהאַלטן אַ פֿאָרטראַג אין אַן ענגן קרײַז וועגן דעם „לאַגער־מענטש". קאַפּלאַן שרײַבט, אַז בורשטין האָט געהאָפֿט, אַז זײַן פֿאָרטראַג וועט אויס־נעמען בײַ די ייִדישע קאַפּאָס און זײַן אָנזען וועט שטײַגן בײַ זיי. ער האָט אָבער „ווידער געהאַט אַ טעות".

זייער כאַראַקטעריסטיש איז די „אויספֿאָרשונג", וואָס די קאַפּאָ־„אינטעליגענץ" האָט דורכגעפֿירט בײַ קאַפּלאַנען: ווער ס׳זענען די ערשטע און בעסטע פֿינף ייִדישע שרײַבערס פֿון פּוילן. ווען ער האָט דערמאָנט בורשטינס נאָמען, האָבן די „אינטעליגענטן" אויסגערופֿן: „אָט דער פֿאַר־ריסענער האָנאָראָוויק? — האָבן מיר דאָך אויך אין אײַך אַ טעות!"

ישראל קאַפּלאַנס קינה נאָך דעם סובטעלן מענטש און שיינגײַסט, מיט די פֿאַקטן וועגן מיכאל בורשטינס ליידן — זײַן עקסטראַ פֿאַרציע צרות, אַחוץ די נאַצישע פּײַניקונגען מצד די לאַגער־פּראָמינענטן, איז נישט נאָר אַ וויכטיקער ליטעראַטור־היסטאָרישער דאָקומענט, נאָר אויך

אַ טראַגישע אילוסטראַציע וועגן דער אייביקער טראַגעדיע פון דעם נאָ־בעלן מענטש, דעם גײַסטיקן אַריסטאָקראַט, וואָס ווערט איגנאָרירט און גערודפט פון דער טעמפּער מיטלמעסיקייט, אויך פון די געלערנטע פּראָס־טאַקעס, פון די גראָבע יונגען מיט דיפּלאָמען.

פון קאַפּלאַנס זכרונות זעט מען, אַז בורשטין וואָלט אפשר געקאָנט דערלעבן די באַפרײַונג, בײַ אַ ביסל אַ בעסערער באַציִונג פון די טיטו־לירטע עמי הארצים — די לאַגער־„פּראָמינענטן”, וואָס זענען מעגלעך אומדירעקט שולדיק אין זײַן טויט.

טראַכטנדיק וועגן דעם טראַגישן גורל און דער שיינקייט, וואָס האָט אויס־געשטראַלט פון מיכאַל בורשטינס פּערזענלעכקייט, פון זיין פאַרגײַסטיקט פּנים מיט די גרויסע פאַרחלומטע אויגן, קומט מיר אויפן זינען די גע־שיכטע מיט אַן עפּל, וואָס עס האָט מיר דערציילט אין 1946 דער [redacted] שרײַבער דוד וואָלפע, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט מיכאַל בורשטינען אין לאַגער.

בורשטין האָט איין מאָל (איך געדענק נישט ווי אַזוי) געקראָגן אַן עפּל — אַ שיינעם און אַראָמאַטישן רויטן עפּל. אָבער דער אויסגעהונגערטער און פאַרצערטער שיינגײַסט האָט זיך נישט פאַרגונען אים צו עסן. און ער האָט אים געהאַלטן ווי אַ פרומער ייִד אַן אתרוג, זיך אַנטציקט מיט דעם אָנבליק פון דעם עפּל, זיך אָנגעזאַפּט און דערפרישט בלויז מיט זײַן אַראָמאַט און שיינקייט.

*

אין אַ ווינטערטאָג אין 1946 ביז איך געשטאַנען, צוזאַמען מיט אַ גרופּע ייִדישע שרײַבערס און בורשטינס קרובים, בײַ אַ יזכור־אַקט אויפן מאַסן־קבר נעבן לאַנדסבערג, וווּ עס זענען באַגראָבן געוואָרן די „ערדישע רעשטלעך” פון דעם פײַנעם שרײַבער און נאָבעלן מענטש, וועלכן איך האָב געהאַט די זכיה צו קענען פּערזענלעך. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אין טיפן טרויער און יראת הכבוד, האָבן מיר זיך מתיחד געווען מיט זײַן וועזן. אין דעם פאַל איז גאָר פּאַסיק דער תלמודישער זאָג:

להאי שופרא דבלי בעפרא קא בכינא.

ש. בערלינסקי

אין יאָר 1930, ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָדזש, איז שלמה בערלינסקי נאָך געווען אַ שרײַבער־אָנפאַנגער. ער האָט אין יענער צײַט געהאַט אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע דערציילונג „ברויט" אין דעם ליטעראַרישן זשורנאַל: „נײַע האָריזאָנטן", אַרויסגעגעבן פון גוסטאַוו מיעדזשינסקי אין לאָדזש. איך האָב זיך מיט בערלינסקין באַקענט אין „אַרבעטער ווינקל" צוזאַמען מיט אַן אינטערעסאַנטער חברותא יונגע שרײַבערס: ירחמיאל נייבערג, מ. י. סמאָלאַזש, מישאַ טראָיאַנאָוו, אַלטער האָפמאַן (אַלע אומגעקומען); יצחק יאַנאַסאָוויטש און אַנד'. איך האָב שפּעטער זיך באַגעגנט מיט לאָדזשער שרײַבערס, אַ ביסל עלטערע פון אונדז: ישראל ראַבאָן (אומגעקומען); יוסף אָקרוטני, חיים־לייב פוקס, ישעיהו שפּיגל וואָס האָבן שוין געהאַט אַרויסגעגעבן ביכער און געווען גוט באַקאַנט אין די ליטעראַרישע קרײַזן.

ווער שמועסט נאָך פון די דיכטערס: יצחק קאַצענעלסאָן, משה בראָדערזאָן וואָס זענען געווען גאָר פּאָפּולער אין יידישן קולטור־לאָדזש. אַחוץ זייערע באַזונדערע גרויסע דיכטערישע פאַרדינסטן, איז נאָך צוגעקומען די גרויסע פּאָפּולאַריטעט פון די ביידע צווישן לאָדזשער יידישן עולם: קאַצענעלסאָנס — אַ דאַנק זײַן פּעדאַגאָגישער טעטיקייט און בראָדערזאָנס — צוליב זײַן טעאַטראַלישער און זשורנאַליסטישער אַרבעט.

בערלינסקי האָט זיך אָבער אויסגעטיילט מיט עפּעס אומבאַשטימטס.

ש. בערלינסקי האָט מיט זײַן אויסערלעכקייט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ דורכשניטלעכן פּאַלקסמענטש. ער איז געקומען פון אַן אָרעמער משפחה אין קעלץ. דאָס איז געווען אַ פּנים, אויף וועלכן די נויט האָט אײַ־בערגעלאָזט אירע טיפע שפּורן — קנײטשן פון דאגות אויפן שטערן און אַרום די מויל־ווינקלען. אָבער זײַנע אויגן פון ביר־קאָליר האָבן עדות געזאָגט אויף אינטעליגענץ, אַ געזונט־פּרימיטיווע אינטעליגענץ. ער איז בכלל, לויט מײַן מיינונג, געווען אַ נאַטור־טאַלאַנט. אין לעבן איז ער גע־ווען פּראַקטיש, ראַפינירט. ער האָט פאַרמאָגט לעבנס־חכמה, לעבנס־קענ־טעניש. מיטן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט איז ער געווען אַ געזונטער, לעבנסלוסטיקער מענטש מיט אַ נאַטירלעכן חוש פאַר הומאָר. ער איז גע־ווען זייער שפּירעוודיק אויף זײַן פּערזענלעכן כבוד. זײַן איבער־עמפּינד־לעכקייט פלעגט אים, דעם געמיטלעכן מענטש, פאַרוואַנדלען אין אַזעלכע מאָמענטן, אין אַ כעסן. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן אַנעקדאָטן, און ווי אַ גוטער מבין אויך אָפּגעשאַצט אַ חברס אַ גלײַכוואָרטל, הגם ער פלעגט, ווי דער שטייגער בײַ דערציילערס, מער ליב האָבן צו דערציילן, ווי צו הערן.

די אַלטע רוימער, וואָס זענען געווען גרויסע בריות אויף קורצע דעפיניציעס, האָבן געהאַט אַ מאַקסימע: „נאַן פיט פּאָעטא — נאַסקיטור": אַ פּאָעט ווערט מע נישט, — מען ווערט געבוירן אַ פּאָעט. דער כלל איז באַזונדערש באַשטעטיקט געוואָרן אין פאַל ש. בערלינסקי. קומענדיק פון אַן אָרעמער היים און אַן וועלכער ס'איז וועלטלעכער דערציִונג, האָט ער אויך אַליין נישט געגראָבן קיין קאַנאַלן צום ים פון דער וועלט־קולטור, דורך לערנען שפּראַכן אאַ״וו. אָבער דאָס וואָס מען קאָן נישט לערנען אין די היכלות פון וויסן אַפילו מיט דער סמיכה פון מערערע דאָקטאָראַטן — באַזיצט דער געבוירענער קינסטלער: די פעיִקייט, דעם חוש צו זעען אויף אַן אייגנאַרטיקן פאַרביקן אופן די אַרומיקע וועלט, און דעם כוח צו גע־שטאַלטיקן.

*

בערלינסקי האָט געוווינט אין דעם סאַמע צענטער פון דער לאָדזשער אָרעמקייט: אויפן באַלוטער מאַרק. ס'איז געווען אַ בוידעם־דירה אויפן פערטן שטאָק פון אַן אַלטער געבײַדע. די „דירה" איז באַשטאַנען פון אַ

דאָך־שטיבל, אין דעם האָט דער באַלקן אין איין זײַט זיך אַראָפּגעלאָזט משופּעדיק צום דיל אַזוי, אַז איין זײַט איז געווען גענוג הויך בלויז פֿאַר שטוב־חיות. בערלינסקי האָט געהאַט אַ פֿאַמיליע — אַ פֿרוי מיט צוויי קליינע קינדער. איך פֿלעג אין די ערשטע צײַטן קומען צו אים, אַליין אָדער צוזאַמען מיט סמאָלאַזשן. ס׳איז געווען אַ רירנדיק בילד פֿון עלנט, אָרעמקייט, מיט אַ צולאָג פֿון די פּרימיטיווסטע וווין־באַדינגונגען, נאָך דערצו ווען מען האָט געמוזט אַרויף־און אַראָפּגיין אַזוי פֿיל טרעפּ. ער איז געווען פֿון פֿאַך אַ היטלמאַכער. אָבער אין דער צײַט ווען איך האָב אים באַקענט אין לאָדזש, האָט ער שוין געהאַט אויפֿגעגעבן דאָס פֿאַך. ער האָט געפּונען באַשעפֿטיקונג ווי אַן אינקאַסענט פֿון ייִדישן שנײַדער־מײַסטער פֿאַראיין. דער פּאָסטן האָט אים געגעבן „וואַסער אויף קאַשע", אָבער דערפֿאַר האָט דאָס אים דערמעגלעכט גענוג פֿרײַע צײַט צו שרײַבן. און דאָס איז ווירק־לעך אַ טראַגישע דילעמע בײַ אַ שעפֿערישן מענטש: אויסצווילן צווישן דיביידע לאָיאַליטעטן — גוט פֿאַרזאָרגן די פֿאַמיליע און פֿאַרלירן דער־בײַ די מעגלעכקייט צו שאַפֿן, אָדער פֿלעגן, קולטיווירן די ליטעראַרישע — אָדער די קונסט פֿון אַן אַנדערן מין— שפּראַצונגען, אָבער גלײַכצײַטיק צו מוזן פֿאַרנאַכלעסיקן די פֿליכטן לגבי דער אייגענער פֿאַמיליע.

איך שטעל מיר פֿאָר דעם אינערלעכן געראַנגל בײַ בערלינסקין, ביז ער האָט זיך דעצידירט צום צווייטן אַלטערנאַטיוו. דאָס בילד פֿון דער בלייכער פֿרוי מיט די קינדער אין דעם אויסגעקרימטן בוידעם־שטיבל איז געווען באמת רירנדיק. די פֿרוי איז געווען אַ פּשוטע, אַ פֿאָלקס־מענטש, אָבער זייער אַן אײדעלע. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ אָרעמען שטיבל און אין אַזעלכע באַדינגונגען, איז די שטימונג געווען נישט קיין געהויבענע. אָבער מיר האָבן ווי עס איז באַוויזן, בעת אונדזערע באַזוכן אין דעם בוידעם־שטיבל, צו פֿאַרגעסן אין דער גראָער וועלט פֿון נויט און זיך צו דערהויבן אין דער וועלט פֿון שאַפֿונג. בערלינסקי פֿלעגט לכבוד אונדז אָפּשטעלן דעם גראַגערדיקן, אַלטמאָדישן וואַנטזייגער מיט די צוויי „וואָגעס" אויף די קייטן. דאָס פֿלעגט ער אויך טאָן, ווי ער האָט אונדז דערציילט, בעת דעם שרײַבן. ער פֿלעגט אונדז נישט לייענען זײַנע אָנ־פֿאַנגערישע שאַפֿונגען — צוליב באַשיידנקייט, אָדער שטאָלץ.

בערלינסקיס געדריקטע שטימונג איז ווי עס איז פֿאַרשוווּנדן

אין אונדזער חברישער סביבה, אַזוי אויך בעת שפּאַצירן און בײַ פּלאַנירטע אָדער אימפּראָוויזירטע סעודהלעך בײַ פרײַנד. ספּעציעל פלעגן מיר אַ סך פאַרברענגען — לרוב שבת אָדער זונטיק — אויף לאַנגע שפּאַצירן אין גאַס אָדער אין די פּאַרקן. שלמה בערלינסקי איז געווען זייער אַ לעב־האַפטער שמועסער. אָנטייל גענומען סײַ אין די ערנסטע ליטעראַרישע גע־שפּרעכן און סײַ אין די שיחת חולין — די אַנעקדאָטן, שפּאַסן, וואָס זענען די „פּרפּראות לחכמה", די פּאַפּריקע, זאַלץ און פעפער, וואָס באַווירצן די ערנסטע אונטערהאַלטונגען. בערלינסקי פלעגט דעמאָלט לאַכן מיט אַ הילכיקן, פרײַען געלעכטער. ער האָט אָפט אַפילו אַ ביסל צו פיל מאָנאָפּאָליזירט די געשפּרעכן. דאָס איז געווען אַביסל פּריקרע. און דער רייץ פון געשפּרעך באַשטייט אין קעגנזײַטיקייט, ווי דער ענגלישער עסייִסט וויליאַם קאָופּער האָט דאָס אויסגעדריקט אויף אַ גלענצנדיקן אופן: „לאָזן שלײַדערן דעם באַל פון געשפּרעך אַהין און צוריק". פון דעסטוועגן איז ער אויך געווען אַ גוטער צוהערער און הנאה געהאַט פון אַ חברס אַ גלײַכווערטל. ער פלעגט קריטיקירן אַ שוואַך ליד דורך לייענען געוויסע פערזן מיט אַ בור־לעסקער אינטאָנאַציע. אָבער בערלינסקי האָט געקענט אויך ערנסט קרי־טיקירן. מיר האָבן אין לאָדזש איין מאָל שפּאַצירט אויף דער זגערזשער גאַס. געווען זענען אין דער גרופּע: ש. בערלינסקי, מ. י. סמאָלאַזש, ירחמיאל נײַבערג, י. בן־דב טשעכאַנאָווסקי און איך. עמעצער פון אונדז האָט דע־מאָלט געלויבט איליאַ ערנבורגס „כוליאָ כורעניטאָ". שלמה בערלינסקי, וואָס האָט זייער קנאַפּ געהאַלטן פון ערנבורגס שרײַבן, האָט ווי אַ מוסטער פון גוט שרײַבן אַקעגנגעשטעלט סטעפאַן צווײַגן. מיט אַן ערנסטער, אַ ביסל אויפגערעגטער שטים האָט ער אויסגערופן: „איינער פון די ביידע קען נישט שרײַבן"!

*

אין יאָר 1931 איז דערשינען בערלינסקיס ערשטע בוך: „אין דרויסן". דאָס איז געווען אַ שפּעטער דעביוט, אָבער אַ דערפּאָלגרײַכער. דאָס בוך איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון קריטיקערס און רעצענ־זענטן. פאַר דעם ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטן מחבר האָבן זיך געעפנט האָ־פענונגען, אַספּיראַציעס און דערגרייכונגען. ער האָט געקריגן וואַרעמע אויפנאַמעס בײַ אָנגעזעענע וואַרשעווער שרײַבערס און באַזונדערס אין

וואַרשעווער ליטעראַטן־פּאַריין. ער איז טאַקע צוריקגעקומען פון דאָרט אַ באַרוישטער, און דערציילט פאַר אונדז וועגן זײַן דערפאָלג. זײַנע דערציילונגען האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער יידישער פּרעסע. עס זענען אויך אײַנגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אים ליטעראַרישע אָוונטן. אַ טאַלאַנטירטער יידישער שרײַבער, אַ געפלאָגטער פון אייביקער נויט און זאָרגן, האָט באַקומען זײַן ביסל כשר פאַרדינטן דערפאָלג. בערלינסקי האָט מיט דער צײַט זיך אַ ביסל דערווײַטערט פון אונדזער גרופּע: ער איז דעמאָלט שוין געווען עלטער פון אונדז סײַ אין יאָרן און סײַ אין אָנערקענונג.

וואָס שײַך זײַן מאַטעריעלער לאַגע, איז זי אַרום יענער צײַט, געווען זייער קריטיש. זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט בײַ אים פאַרנומען כמעט די גאַנצע צײַט. איין מאָל האָט אים און זײַן פאַמיליע געדראָעט אַן עקסמיסיע, מחמת דעם לאַנג נישט באַצאָלטן דירה־געלט. ס׳איז געווען די געפאַר באַזײַטיקט צו ווערן פון דער עלנטער דירה אויפן פערטן שטאָק — אויף דער גאַס אַרויס. בערלינסקי איז דעמאָלט (פאַרן דערשײַנען פון זײַן ערשטן בוך) געווען געצוווּנגען, נישט געקוקט אויף זײַן שטאָלצן כאַראַקטער, צו ווענדן זיך נאָך הילף.

גראָד איז אים אײַנגעפאַלן אַן אָריגינעלע אידייע. ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום לאָדזשער יידישן מאַגנאַט, דעם גרויס־אינדוסטריעלער אָשר קאָן. דער בריוו, געשריבן מיט שטאַרקע ווערטער, האָט גע־ווירקט. דער באַרימטער אינדוסטריעלער האָט גלײַך געשיקט בערלינסקין אַ באַדײַטנדיקע סומע געלט. די עקסמיסיע־געפאַר איז באַזײַטיקט געוואָרן.

אַ צווייט מאָל האָט בערלינסקי אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו, וואָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט מאָראַלישן דערפאָלג. דאָס איז געווען בערך אין יאָר 1932. קיין לאָדזש איז דאַן אַראָפּגעקומען שלום אַש. בערלינסקי האָט אים צוגעשיקט זײַן נאָר־וואָס דערשינען בוך „אין דרויסן״. דער באַרימטער שרײַבער האָט דורכגעלייענט דאָס בוך פון דעם דעמאָלט נאָך אומבאַקאַנטן שרײַבער, און ער איז, זעט אויס, שטאַרק באַאײַנדרוקט געוואָרן דערפון. אַש איז אײַנגעשטאַנען אין אַריסטאָקראַטישן לאָדזשער „גראַנד״־האָטעל, האָט ער אַהין טאַקע אײַנגעלאַדן בערלינסקין, כדי אים אויפצונעמען און דערמוטיקן. ער האָט געשיקט צו אים אַ טאַקסי, וואָס זאָל אים ברענגען צו זיך אין האָטעל.

אַשס אויסערגעוויינטלעך גוטע באַציִונג און האַרציקע אויפנאַמע פאַר דעם יונגן שרײַבער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם און איז געווען דאָס געשפּרעך פון טאָג אין די ליטעראַרישע קרײַזן פון לאָדזש. צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיין־גוטן אָפּרוף אין דער יידישער פּרעסע, האָט דאָס אים געגעבן אַ פּאַרדינטן פּלאַץ אין דעם דעמאָלטיקן יידישן ליטעראַרישן לעבן אין פּוילן.

אין אַ צײַט שפּעטער איז שלמה בערלינסקי אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. בלויז פון צײַט צו־צײַט פלעגט ער אַראָפּקומען קיין לאָדזש צו זײַן פאַמיליע. אין וואַרשע איז ער געוואָרן אַ סטאַבילער מיטאַרבעטער אין „אונדזער עקספרעס", ווו ער האָט געדרוקט דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן און בילדער. אין יאָר 1934 איז דערשינען זײַן צווייט פּראָזע־בוך: „אַ לעבן גייט אויף". דאָס איז געווען אַ ווײַטערדיקער טריט פאָרויס אויף בערלינסקיס שאַפונגסוועג. אין דעם בוך האָט בערלינסקי געשילדערט זײַן קינדהייט מיט אַ באַדײַטנדיקער עפּישער קראַפט; אַן עפּיק, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַ פײַנעם ליריזם. דער דאָזיקער עפּיש־לירישער טאָן קומט גלײַך צום אויסדרוק אויף דעם ערשטן זײַטל פון בוך, ווו דער מחבר שילדערט זײַן היים: „...פרויען מיט אָנגעדראָלענע הענט פון באַליעס וועש וואַשן" אאַ"וו.

ווען די היטלער האָרדעס זענען אין 1939 באַפאַלן פּוילן, האָט זיך בערלינסקי אַריבערגעכאַפּט קיין ביאַליסטאָק, און שפּעטער, נאָך דעם דײַטשן איבערפאַל אויף רוסלאַנד, קיין מיטל־אַזיע.

נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין לאָדזש. זײַן פרוי און טעכטערל זענען אומגעקומען אין די לאַגערן. בלויז אַ זון האָט זיך געראַטעוועט. בערלינסקי האָט גענומען אַן אינטענסיוון אָנטייל אין ליטעראַרישער טעטיקייט פון דער שארית הפליטה אין מינכען. ער האָט מיטרעדאַקטירט דאָס זאַמלבוך „שריפטן", געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון שרײַבער־פאַריין און זיך געדרוקט אין עטלעכע יידישע וואָכנבלעטער אין מינכען. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך — „אַ דור פון בראשית", וועגן דעם לעבן פון די געראַטעוועטע יידן אין די דײַטשע לאַגערן. דאָס בוך, קאָרעקט אָנגעשריבן, האָט אָבער שוין נישט געהאַט די זאַפטיקייט פון זײַנע פריערדיקע ביכער —דעם אוממיטלבאַרן קינסטלערישן סטיל פון

אָריגינעלע פאַרגלײַכן און מעטאַפאָרן— די „זשיוויצע״ און לעבנס־זאַפט פון ליטעראַרישן „בוים״.

ער האָט אָבער, פון צײַט צו צײַט, אָפּגעדרוקט דערציילונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם מיט זייער אייגנאַרטיקן קינסטלערישן אָטעם, צווישן אַנדערע, אַ נאָוועלע א״ב „אַ געשריי״, געדרוקט אין דעם וואָכנבלאַט „באַפרײַונג״, אין יאָר 1948 אין מינכען.

*

בערלינסקי, וואָס האָט זיך אַ לעבן לאַנג געראַנגלט, כדי אַרויסצוברענגען זײַנע קינסטלערישע פּאָטענצן, איז געווען אַ ביסל קאַרג מיט אָנערקענונג לגבי דעם ליטעראַרישן ווערט פון זײַנע חברימס שאַפונגען. ער איז אָבער געווען, ווי שוין באַמערקט, זייער שפּירעוודיק, טאַקע היפּערעמפּינדלעך, בנוגע זײַן פּערזאָן. מיר, ווי אַנדערע קאָלעגן, איז אָפט אויסגעקומען ברוגז צו ווערן מיט אים. דאָס איז אָבער, לרוב, געווען אַ האַלבער ברוגז און מיר האָבן זיך כסדר „איבערגעבעטן״, הגם קיין גאָר נאָענטע פרײַנדשאַפט איז צווישן אונדז קיין מאָל נישט געווען. ער האָט אַליין גאָר אָפט געליטן פון איגנאָרירנדיקער באַציִונג צו זיך און צו זײַן שאַפן. נישט געקוקט אויף דעם, האָט בערלינסקי אָפט „אַראָפּגעדונגען״ פון זײַנע קאָלעגנס טאַלאַנט.

ער איז נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכן אינטעלעקטועל־קולטורעלער טיפּ, ווי ראַבאָן, סמאָלאַזש א״אַ. ער האָט אויך נישט פאַרמאָגט די אינספּיראַציע און האַרציקייט פון אַ טראַיאַנאָוו. אָבער ער האָט פאַרמאָגט זײַן אייגנס — דעם כוח פון זען די וועלט מיט די אויגן פון אַ קינסטלער. אַליין, אָן דער אחיזה אין טיפער קולטור און בילדונג, האָט ער מיט זײַן קינסטלערישן אינסטינקט געפונען זײַן וועג צו ליטעראַטור, צו קינסטלערישער יצירה.

אַחוץ אַ שטאַרקער, אייגנאַרטיקער קינסטלער, איז בערלינסקי געווען, ווי דערמאָנט, זייער אַ באַטעמטער שמועסער. זײַן געזונטער, אייגנאַרטיקער הומאָר איז געווען אַ דערפרישנדיקער קוואַל פון מחייהדיקן געשפּרעך. אַ מאָל האָט דאָס זיך אויסגעדריקט אין אַ בײַסיקער פאָרעם, אַ מאָל — סתם חידושימדיק, אָבער אַלע מאָל איז געווען אַ פאַרגעניגן אים צו הערן.

מיר זענען איין מאָל געזעסן אין אַ רעסטאָראַן בײַ מיטאָג. בערלינ־סקי האָט גראָד געליטן פון אַ קראַנקן צאָן, וואָס האָט זיך געוואַקלט. ער האָט דעמאָלט זיך פאַר אונדז באַקלאָגט אויפן צאָן: „צו עסן דערמיט, איז עס נישט קיין צאָן — אָבער ווײ צו טאָן, איז עס יאָ אַ צאָן"...

אין יאָר 1949 איז בערלינסקי עולה געווען מיט זײַן פאַמיליע קיין ישראל (ער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט). גראָד זענען אונדזערע באַציִונגען געווען אין דער קאַלטער פּאַזע. און אַזוי זענען מיר שוין פאַרבליבן. איך האָב געהערט, אַז ער איז אין ישראל געווען שפּעטעריש, געדרוקט זיך אין צײַטונגען און זשורנאַלן און אַרויסגעגעבן אַ בוך דער־ציילונגען. די טעמאַטיק — דאָס נײַע, זיך בויענדיקע ישראל.

ער איז געשטאָרבן פון אַ שווערער קראַנקייט אין האַרבסט 1959. זיך געראַנגלט, געקעמפט אַ גאַנץ לעבן, אָבער דאָך אָפּגעשפּאָרט אַ שטיקל פאַרמעגן — עטלעכע גוטע ביכער און אַ נאָמען אין דער ייִדישער לי־טעראַטור.

יחזקאל קייטלמאַן

א

איך האָב קייטלמאַנס נאָמען באַגעגנט פאַרן קריג אין ווײַסענבבערגס „אײנדזער האָפענינג", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען. איך האָב אים אויך איין מאָל געזען אין יאָר 1938 אין זײַן שטעטל מיעליץ, וווּ ער איז צו יענער צײַט געווען אַ „וואַלד־מענטש" — אַן אָנגעשטעלטער, אָדער הענדלער בײַ אַ פּריץ. ווען איך בין אין יענעם זומער־טאָג געווען אין זײַן וווינונג און געשמועסט מיט אים וועגן ליטעראַרישע ענינים, האָב איך, נאַטירלעך, נישט געוווּסט, אַז מיר וועלן שפּעטער ווערן נאָענטע פרײַנד אין אַן אויסטערלישער צײַט און סביבה.

קורץ נאָכן קריג האָב איך קייטלמאַנען געטראָפן אין מינכען, וווּהין ער פלעגט קומען פון זײַן „רעזידענץ" אין רעגענסבורג. שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעצויגן מיט זײַן פאַמיליע קיין מינכען, וואָס איז דעמאָלט גע־ווען דער הויפּט־צענטער פון די געראַטעוועטע ייִדן אין דײַטשלאַנד.

אין יענע יאָרן — צווישן 1945 און 1951 — האָט זיך אין די אַזוי־גע־רופענע „די־פּי" לאַגערן, וווּ די געראַטעוועטע פון די קאַצעטן און אויס־געוואָרצלטע ייִדן האָבן צײַטווײַליק געוווינט, אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקער שטייגער לעבן, אַ קולטור אויף טשעמאָדאַנעס, אַזוינס וואָס האָט אפשר נישט קיין גלײַכן אין דער געשיכטע. עס וועט אַראָפּפירן פון דער טעמע צו שרײַבן אויספירלעך וועגן דער „טשעמאָדאַנעס קולטור", אָבער ס'דאַרף

בלויז אָנגעצייכנט ווערן, אַז אין יענער אייגנאַרטיקער סביבה און באַדינ־גונגען האָט געבליט יידישע קולטור. ס'זענען דערשינען אַ גרויסע צאָל צײַטונגען, זשורנאַלן, ביכער און עס זענען אויך געווען אַנדערע קולטור־דערשײַנונגען, ווי טעאַטער, פּלאַסטישע קונסט, און אַזוי ווײַטער.

אין יענע יאָרן האָט קייטלמאַן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דעם יידישן קולטור־לעבן. ער האָט פּאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין פאַרשיידענע צײַטונגען פון דער „שארית הפליטה", ווי דער יידישער ישוב אין דײַטש־לאַנד איז באַצייכנט געוואָרן. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער פאַר־וואַלטונג פון יידישן שרײַבער־פאַרבאַנד. אין יאָר 1948 האָט ער פאַר־עפנטלעכט זײַן צווייט פּראָזע־בוך אונטערן נאָמען „אויסטערלישע גע־שיכטן" — אַ ווערק וואָס האָט זיכער פאַרדינט אַ ברייטערן אָפּקלאַנג ווי עס האָט דעמאָלט געקראָגן.

מיר האָבן זיך שנעל באַפרײַנדט בײַ כמעט טאָג־טעגלעכע חברישע שפּאַצירן און שמועסן.

מיך האָט פאַראינטערעסירט קייטלמאַן דער שרײַבער און שמועסער, ווײַל ער איז געווען אייגנאַרטיק און קינסטלעריש אין וואָרט און אין שריפט.

יחזקאל קייטלמאַן איז נישט געווען „ברוגז" ווען מען האָט אים אָנ־געוויזן זײַנע שוואַכע זײַטן. ער האָט געוווּסט, אַז ערלעכע און באַרופענע אָפּשאַצונגען וועגן ליטעראַטור — און אַנדערע קונסט־אויסדרוקן — דאַרפן זײַן פּרעציז, „קאַרג", ווײַל זיי זענען מיני־געוויכטן אויף דער גאָלדוואָג פון טאַלאַנט, און נישט קיין קילאָגראַמס אויף דער אַנגראָ־וואָג פון גרינצײַג־מאַרק.

יחזקאל קייטלמאַן האָט מיך אויך אינטערעסירט פּערזענלעך מיט זײַן גאָר־אייגנאַרטיקן און בליציקן הומאָר און מיט זײַן פּאָעטישער מענטאַ־ליטעט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אַפילו אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין זײַן באַנעמען דערשײַנונגען.

זײַן קוואַליקער הומאָר און פאַנטאַסטישע אַנעקדאָטן, פון וועלכע מען האָט „געקוואָלן", האָבן אים אָבער נישט געשטערט — ווי דאָס טרעפט אָפט — צו פאַרזען דעם הומאָר פון אַ קאָלעגע, אָן צו באַטראַכטן אים פאַר אַ „קאָנקורענט". ער איז געווען ווײַט פון אַזאַ קליינלעכקייט. כ'געדענק ווי ער האָט מיר איין מאָל — אין יענער „אויסטערלישער צײַט" — איבערדער־

ציילט אַ „קיבעץ״ פון דעם שרײַבער שלמה בערלינסקי, ווען ער, קייטלמאַן, האָט באַוווּנדערט שיינע ביימער אין אַ פּאַרק. „פּריִער האָסטו געהאַנדלט מיט דעם, איצט באַוווּנדערסטו דאָס״, האָט בערלינסקי אויסגערופן. בער־לינסקיס „קאָלעגיאַלער״ חוזק האָט אים אַמוזירט, אַנשטאָט צו באַליידיקן.

זײַן זאַפּטיק-בילדערישער הומאָר האָט אויך אַ מאָל געקאָנט האָבן אַ מאַקאַברישן טאָן. כ׳געדענק ווי איין מאָל, ווען ס׳איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן דער ווײַטערער צוקונפט, האָט ער אויסגערופן מיט אַ ברייטן און אויסדרוקספולן שמייכל:

„וואָאַ־אָ־ס, אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט אויף מיר וואַקסן גראָז!״

דאָס איז געווען אין יאָר 1949, אין מינכען.

אין יאָר 1951 איז יחזקאל קייטלמאַן געקומען מיט זײַן פאַמיליע קיין אַמעריקע — און זיך היפּש געמאַטערט מיטן פּרנסה־יאָך, ביז ער האָט — אין די לעצטע יאָרן — געקראָגן אַ פײַנעם פּאָסטן אין „דזשאָינט״.

ער האָט נישט באַהערשט די קונסט פון מאַכן אַ לעבן פון שרײַבן, וואָס איז פאַר אַ שרײַבער אַ גרויסער „פּלוס״ אין לעבן, אלא איז גאָר אַ גרויסער „מינוס״ אין זײַן שעפערישקייט. אָבער אַפילו ווען דאָס נישט לעבן פון דער פעדער איז גינסטיק צו שעפערישקייט, זענען אָבער די מאַטעריעלע שוועריקייטן און דער אייביקער פּרנסה־געראַנגל שטרויכלונגען אויף דעם שעפערישן וועג.

פון דעסטוועגן האָט קייטלמאַן אָפּגעשפּאָרט אַ היפּשע סומע פון לי־טעראַרישן „קאַפּיטאַל״.

ער האָט געדרוקט מערערע קינסטלערישע דערציילונגען אין „פאָר־ווערטס״, „די צוקונפט״, „אידישער קעמפער״ און אַנדערע צײַט־שריפטן. ער האָט דאָ, אין אַמעריקע, אַרויסגעגעבן, אין 1952, זײַן בוך „אויסגעהאַק־טע וועלדער״, און אין 1967 זײַן לעצט ווערק, „אויפן וועג קיין אומאַן״, וואָס איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דער פישל בימקאָ פּרעמיע פון ייִדי־שן קולטור־קאָנגרעס.

ב

דער נאָמען פונעם בוך „אויסטעראַלישע געשיכטן״ איז קודם־כל אַ כאַראַקטעריסטישער, אויף וויפל עס גייט אין שילדערונגען פון אויסטער־לישע ליידן און אומקום פון אַ פאָלק אין אַן אויסטערלישער תקופה; אַ

חוץ דעם אָבער, איז דער טיטל „אויסטערלישע געשיכטן" כאַראַקטעריס־טיש פאַר אַ באַדײַטנדיקן טייל פון די דערציילונגען, אויף וויפל זיי אַנט־האַלטן — אין סיפּור־המשה און אין דער פּוענטע — דאָס אויסטערלישע — אין זין פון אומוואַרשײַנלעכן אָרגאַניש־קינסטלערישן נישט אַנטוויקלטן — אַ מין „מעשׂיות־נפלאות" אין אַ מאָדערנער פאָרעם.

די דאָזיקע אומוואַרשײַנלעכקייט, אומנאַטירלעכקייט פון דעם סיוזשעטישן הויך־פּונקט — דער א"ג פּוענטע — קומט צום אויסדרוק מער־סטנטייל — אין די דערציילונגען, וואָס שילדערן דעם אומקום אין דער נאַצי־תקופה; נישט אין גאַנצן פרײַ פון דעם אומוואַרשײַנלעכן זענען אויך די דערציילונגען, בילדער און סקיצן פון די אַנדערע צוויי אָפּטיילונגען: „דײַטשן" און „דער דברי חיים".

דאָס איז אומבאַדינגט די שוואַכע זײַט אינעם בוך.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אַפילו די סאַמע פאַנטאַסטישע, איבער־נאַטירלעכע דערציילונגען פון עדגאַר פּאָ, וויליע דע־ליל־אַדאַם, זש. ק. איסמאַנס, ע. ט. א. האָפמאַן און אַנדערע „אויסטערלישע" שרײַבער — האָבן ניט געקוקט אויף זייער לפּנימדיקן פאַרלייקענען אַלע פיזישע און לאָגישע געזעצן — אַ טיפן אינערלעכן, לאָגיש־פּסיכאָלאָגישן — ריכט־שנור; שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די „שלא כדרך הטבע"־פּאַסירונגען שפּילן זיך אָפּ — על־פּי־רוב, — אין דער פאָרשטעלונג פון געשילדערטן טיפּ. די קונסט פון די אויבנדערמאָנטע מײַסטערס באַשטייט אין דער אַטמאָספערישער סו־געסטיע צו מאַכן לאָגיש־רעאַל די ווילדסטע אַבסטראַקציעס.

אין אונדזער פאַל האָבן מיר אַ פאַרקערטע דערשײַנונג: גאַנץ־רעאַלע, ריעאַליסטישע אָביעקטן און פּאַסירונגען ווערן, מיט זייער נישט נויטווענ־דיקן דערשײַנען, פאַרוואַנדלט אין אַבסטראַקציעס.

דער שוואַכער פּונקט איז אָבער נישט אַזוי „שטאַרק", אַז ער זאָל שטעלן אין שאָטן די בעלעטריסטישע מעלות פון יחזקאל קייטלמאַנען, דעם פּראָזאַיקער, און מעלות האָט ער אַ סך: ער האָט אַ שאַרף שפּירעוודיק אויג פאַר נאַטור און מענטש; זײַנע שנײַדנדיקע, בויערנדיקע אָבסערוואַציעס - אַנאַליזן זענען געמילדערט און באַפאַרבט מיט אַ לעבעדיקן, פּיקחותדיקן, היימיש־ייִדישלעכן הומאָר — אַ הומאָר, וואָס שלענגלט זיך אַדורך איבערן גאַנצן שטח פונעם בוך און נערט עס מיט קינסטלעריש־לעבעדיקער לחלוחית.

קייטלמאַן איז אַ שילדערער און באַאָבאַכטער — הן פון די יחידיש־אינטימע איבערלעבונגען פון איינצעלנעם, הן פון מאַסן־סצענעס, ווי יאַר־מערק, חסידים־שטיבלעך א״אַ. ער שאַפט פאַרביקע עפּישע קאָמפּאָזיציעס, אין וועלכע די קלענסטע דעטאַלן גיבן צו אַ פאַרענדיקטקייט דעם בילד.

אין דער דערציילונג „אונטער אַן עפּלבוים" דריקט זיך אויס די קינסטלערישע „אויסטערלישקייט" — אַחוץ אין אייניקע פראַגמענטאַרישע שטריכן, אויך אין דעם תוך פון דעם ספּור־המעשה.

די דערציילונג „אַ געשיכטע מיט אַ מעסער" אַנטהאַלט די כאַראַקטע־ריסטישע ליכט־ און שאָטן־זײַטן פון קייטלמאַנס ליטעראַרישן טאַלאַנט, דער סיוזשעט — טיילווײַז ענלעך צו „אונטער אַן עפּלבוים". אַ פּליט טרעפט אויף אַ טאַשקענטער באַזאַר אַ, מיט פּאַטאַליסטישע אייגנשאַפטן באַשאַנ־קענעם מעסער, וואָס שטאַמט פון זײַן היים, אויך אַ בריוו פון זײַן אומגעקומענער פרוי. הגם אין דער דערציילונג זענען די „שטעך" פון דעם „נפלאותדיקן" אַ סך געדיכטער, ווי אין דער ענלעכער דערציילונג (די מעגלעכקייט פון שרײַבן אַ בריוו בײַם אויסגיין פון די כוחות; דאָס וואַנ־דערן פונעם בריוו זעקס טויזנט קילאָמעטער ביז צום טאַשקענטער באַזאַר — נאָך וואָס? — א״אַ „אויסטערלישקייטן") — האָט דאָך די „געשיכטע מיט אַ מעסער" אַ באַדײַטנדיקן קינסטלערישן ווערט. די נאָוועלע איז אָנגעפּיקעוועט מיט ווערטפולע קינסטלערישע בילדער, שטריכן און עקס־פּרעסיעס, ווי די הומאָרפולע שילדערונג פון באַזאַר אין טאַשקענט. דאָס רעאַליסטיש־שטאַרקע בילד פון דער שטוב, געזען אונטער דער ווירקונג פון בוים מיט זײַן ליכט און שאָטן־שפּיל א״אַ.

קייטלמאַן איז דאָ פול מיט בילדער און אָריגינעלע פאַרגלײַכן (אַ בילד פון פייגעלעך וואָס זינגען אויף דראָטן ווי אויף נאָטן; צו פאַרקויפן אויפן באַזאַר... ביז אַ שערבעלע, וואָס טויג נישט מער, ווי אַ טויטן אויף די אויגן צו לייגן"...). מיט גוזמאָ ווייעט פון דעם שענדן די טויטע קערפּערס פון די דאָרף־אײַנוווינערס.

די גרעסערע דערציילונג אין בוך, „דער דברי חיים" ברענגט אַ בילד פון פאַרגאַנגענעם פאַרביק־פּאַטריאַרכאַלישן יידישן לעבן אין דעם רבייש־חסידישן גאַליציע מיט אַ קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק.

קייטלמאַנען געלינגט הויפּטזאַכלעך דאָס בילד פון דעם „פּויערישן" רבין, ר׳ יהושע העשלען, וואָס איז געצייכנט ממש מײַסטערהאַפט; גוט

איז אויך די געשטאַלט פון האַרבן און בייזן רבין — דעם „דברי חיים" פון צאנז (רב' חיים האַלבערשטאַם) אַ צדיק — אַ קפדן, וואָס שלאָגט זײַנע חסי־דים מיטן לולקע־ציבוק. ס'גייען דורך דער דערציילונג אַ שלל פון טיפע מאַסן־סצענעס און שטייגער־בילדער פון פאַרשיידענע שיכטן. צו דער שוואַכער זײַט פון אַט דער פאַרביקער שילדערונג געהערן די סטיליזאַ־ציעס פון חסידישן פאָלקלאָר, וואָס קומען אַרויס אַזוי ווי פון אַ חסידישן „ספורי צדיקים".

שוין מיט די שוואַכע זײַטן איז די דערציילונג, אין גאַנצן גענומען, יצאַ הפסדו בשכרו; „דער דברי חיים" — דאָס איז אַ וואָגיקער פאַרמעסט צו געבן אַ בילד פון אַ קערנדיקער, פאַרביקער ייִדישער סביבה מיט איר מנהיג אויפן פאָן פון דער מאַלערישער באַרג־געגנט.

אין סך־הכל פרעזענטירט זיך קייטלמאַן אין דאָזיקן בוך ווי אַ רײַ־פער פּראָזאַיקער מיט אַן אויג פאַר אַ סך פאַרבן און קאָנטורן, און מיט אַן אייגנאַרטיקן שעפערישן הומאָר. דאָס אַרײַנשטיקעווען סיטואַציעס געהער, ווי געזאָגט, צו דער שאָטן־זײַט פון זײַן טאַלאַנט, וואָס איז פּרוכטיק און האָט ברייטע פּערספּעקטיוון.

ג

אין „אויפן וועג קיין אומאַן", וואָס איז קייטלמאַנס רײַפסטע ווערק, קומען אַרײַן דערציילונגען פון דער גאַליצישער היים; בילדער וואָס גיבן דעם בהלהדיקן געלויף פון דעם נאַצי־געשפּענסט אין זומער 1941; שילדע־רונגען פון דעם מחברס נע־ונד אין סאָוועטישער מיטל־אַזיע, ווי אויך פון זײַן לעצטער „סטאַנציע" אין אַמעריקע.

אויך די דאָזיקע דערציילונגען זענען נישט גאָר פרײַ פון פּגמים אין אַרכיטעקטאָנישער קאָנסטרוקציע, פון אומנאַטירלעכע סיטואַציעס וכדומה. אָבער אַ צאָל פון די דערציילונגען זענען קליינע ליטעראַרישע צירונג־שטיקער, וואָס האָבן די אָריגינעלע „פּראָבע" פון שעפערישער פּראָזע. טייל פון די קורצע דערציילונגען, ווי „די הירשן", „אין חלום" און אַנדערע דערהויבן זיך צו אַ גרויסער קינסטלעריש־סימבאָלישער הויך. אין דער ערשטער דערציילונג, וואָס האָט נישט קיין גאַנצע פינף זײַטן, איז דעם מחבר געראָטן צו שאַפן אַ קאָלירפול בילד פון די צוויי וווּנדערלעכע תורה־לערנערס, „די הירשן" אין דעם שטעטל און זייער טראַגישער סוף,

ווען דאָס שטעטל גייט אויף אין פלאַמען און רויך פון די דײַטשע באָמבעס, דערהייבט זיך צו אַן אייגנאַרטיקער פּועטע, וואָס הויכט מיט אַ שטאַרקער קינסטלערישער וויזיע.

אין דער זעלבער סעריע געפינען זיך אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע מיניאַטורן, פון דעם ייִדישן לעבן אין די גאַליצישע „מלך אביונס גיטער" ווי: „יואליש", „פון הויכן טורעם אַראָפּ", און גאָר באַזונדערס „אין אַ ווינטער־נאַכט", וואָס גיט איבער אויף גאָר אַ געלונגענעם אופן דעם טאָגטעגלעכן עקסיסטענץ־קאַמף און פּרנסה־יאָך פון אַ ייִד, וואָס ווערט פאַרכאַפּט מיט זײַן פערד און וואָגן פון אַ מוראדיקן שלאַקסרעגן אויפן וועג. קייטלמאַן דער קינסטלער האָט אַן אויג און אויער פאַר די דעליקאַטע און מעכטיקע בילדער און טענער פון דער געהיימנישפולער נאַטור. און ער האָט אויך דעם כוח אויסצודריקן די „שפּראַך" פון די נאַטור־עלעמענטן אויף אַן אייגנאַרטיקן, פאַרכאַפּנדיקן אופן.

אין דער סעריע, „מעביר יום ומביא לילה" ווערן קינסטלעריש געשילדערט סצענעס און עפּיזאָדן פון דעם פּליטים־געלויף קיין רוסלאַנד און פון דער „גאַסטפרײַנדלעכקייט" מצד די „היימישע" פּויערן. גאָר באַזונדערס טיילט זיך אויס די גרויסע, האַלב־רעאַליסטישע און האַלב־מיסטישע דערציילונג, „דער רײַטער", וואָס האָט אַ סך דראַמאַטישע און פּאָעטישע מאָמענטן, הגם די עצם־געשטאַלט פון דעם „רײַטער" דערשײַנט מער ווי אַן אַבסטראַקציע פון דעם „נצח ישראל" און דעם „גואל הדם", איידער אַ לעבעדיקע,ווירקלעכע געשטאַלט. בלויז צום סוף קומט דער „דענועמאַן", די אויפוויקלונג, דער סוררעאַליסטישער אַספּעקט פון דעם „רײַטער", וואָס גיט דער געשטאַלט ליטעראַריש לעבן און כוח.

זייער שטאַרק ווירקט די דערציילונג „אין חלום", אין וועלכער דער מחבר שילדערט מיט בונטע פאַרבן און אָריגינעלן לאָקאַלן קאָלאָריט סצענעס פון זײַן גלות־אוזבעקיסטאַן, וואָס קולמינירן אין אַ באַשרײַבונג פון אַ קאָשמאַר־שלאָף פון אַ וואָך אין אַ מדבר־העק הינטער טאַשקענט. בלויז מיט דער דערציילונג פון דעם חלום־קאָשמאַר אין מיטן דער קאָשמאַרווירקלעכקייט פון דער היטלער־מלחמה פלוס רוסלאַנד, פלוס מיטל־אַזיע — האָט יחזקאל קייטלמאַן אַרײַנגעשריבן אַ וואָגיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער פּראָזע.

ד

קייטלמאַן איז הויפּטזאַכלעך דער קינסטלער פון דער מיניאַטור, פון דעם בליץ־אַרטיקן און דינאַמישן אין מענטש און אין דער נאַטור. ער האָט אָבער אויך גאַנץ שטאַרקע און פאַרבנרייַכע שילדערונגען פון גרעסערן פאַרנעם.

מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז קונסט איז נישט צו מעסטן מיט קוואַנטיטעט, נאָר מיט קוואַליטעט. עס דערמאָנט זיך, בײַ דער געלע־גנהייט, אַ באַמערקונג פון י. מ. ווײַסענבערגן וועגן אַ גרויס־„פאַרנעמיק" ווערק פון אַ באַקאַנטן יידישן שרײַבער: ס'איז אַ גרויס, ניי הויז — אָבער ס'פּילט זיך „ווילגאַטש"...

האָריזאָנטאַלקייט, „ברייטע לײַוונטן" אין דער ליטעראַטור איז נישט שטענדיק אַ סימן פון אמתער גרויסקייט, וואָס מוז זײַן ווערטיקאַל. און דעריבער קען געמאָלט זײַן אַן אייגנאַרטיקע שעפערישקייט אַפילו אין מיניאַטור.

דער ענגלישער דיכטער און מיסטיקער וויליאַם בלעיק האָט גע־זונגען אין אַ ליד:

„טו סי עי וואָירלד אין עי גרעין אָוו סענד — ענד העווען אין עי וואָילד פלאַוער — האָלד אינפיניטי אין דהי פּאַהם אָוו יור הענד — ענד איטוירניטי אין ען אַור".

צו זען אַ וועלט אין אַ „קערנדל זאַמד" און אַ וועלט אין אַ ווילדער בלום — דאָס איז די פעיִקייט פון דעם אמתן קינסטלער.

קייטלמאַן, וואָס איז געווען אַ תלמיד פון ווײַסענבערגן, האָט געהאַט עפּעס פון זײַן בליציקייט. פון זײַן סטיכישער עלעמענטישקייט ווי אַ קינסטלער מיט זײַן שאַרפן אינסטינקט פון אויפנעמען ט אַ ל אַ נ ט, און זײַן „שווערע" קנאַישקייט אין לעבן. ער איז געווען אַ שרײַבער, וואָס איז נישט געווען אייפערזיכטיק אויף אַנדערע פאַר זייער טאַלאַנט אָדער דערפאָלג; אָבער ער איז געווען „אייפעריק" פאַר שעפערישקייט און האָט זיך אײַנ־געקויפט נישט ווייניק שונאים פאַר זײַן גרויסער קאַרגשאַפט אין אויס־טיילן אומפאַרדינטע —לויט זײַן מיינונג— שבחים און קאָמפּלימענטן. ער האָט זיך אָבער באַגײַסטערט פאַר אַלע דערשײַנונגען פון טאַלאַנט.

יחזקאל קייטלמאַן האָט —אויסער זײַנע דערציילונגען אין צײַטונגען

און זשורנאַלן — אַרויסגעגעבן אין גאַנצן פיר ביכער (זײַן ערשט בוך, „אַרום זיך", איז דערשינען אין יאָר 1932 אין וואַרשע).

דאָס איז נישט קיין גאָר גרויסער ליטעראַרישער סטאַזש, געמאָסטן פון „האָריזאָנטאַלן" זעפּונקט; אָבער פון „ווערטיקאַלן" קוק־פּונקט זענען זיי — שוין מיט געוויסע פעלערן פון ליטעראַרישער אַרכיטעקטאָניק — אַ באַטײַטיקער צושטײַער צו דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור.

יחזקאל קײטלמאַן, דער טיף־פילנדיקער, שאַרף־זעעוודיקער און בליציקער קינסטלער און פּאָעט אין פּראָזע, האָט, ווי מיר גלייבן, אַ דויערנדיקן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

יצחק באַשעוויס,
דער מײַסטער פֿון דער קורצער דערציילונג

יצחק באַשעוויס, וועמענס ווערק זענען אין די לעצטע יאָרן געוואָרן „עובר־לסוחר" אויפֿן ליטעראַרישן וועלט־מאַרק, האָט צו פֿאַרדאַנקען זײַן דערפֿאָלג סײַ די אָריגינעלע קינסטלערישע קוואַליטעטן פֿון זײַן סטיל, וואָס זענען פֿאַרוואָרצלט אין דער זאַפֿטיקער שוואַרצערד פֿון יידישן שטייגער און סביבה און סײַ דער פֿאַראינטריגירנדיקער עקזאָטיק פֿון זײַן העלדן־„אוניווערס", וואָס איז פֿול מיט כלערליי שלא־כדרכודיקע געשטאַלטן, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר, טייל מאָל, מער אַ גראָטעסקן ספּעקטאַקל, ווי אַ קינסטלערישע דערגרייכונג.

אַזאַ בוך — אין ענגלישער ווערסיע — פֿון פֿערלדיקע דערציילונגען, ווו עס דאָמינירט באַשעוויס' עכטע מײַסטערשאַפֿט איבער דער עקסהיביציע פֿון סעקסטראַוועדטן, איז „עי פֿרענד אָוו קאַפֿקאַ" (קאַפֿקאַס אַ פֿרײַנד), וואָס איז דערשינען אין 1970.

אין דעם בוך קומען אַרײַן 21 דערציילונגען, וואָס דער מחבר האָט געשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט אין די לעצטע עטלעכע יאָרן — אַ טייל פֿון זיי אין ניו־יאָרקער „פֿאַרווערטס".

די מערסטע פֿון די דערציילונגען, וואָס זענען איבערגעזעצט און געדרוקט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע ענגלישע זשורנאַלן, זענען אויפֿן הינטערגרונט פֿון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן, עטלעכע זענען פֿון דער ניו־יאָרקער סביבה; איינע פֿון אַרגענטינע און איינע פֿון ישראל.

אין די אָ שאַפֿונגען שפּיגלט זיך אָפּ דעם מחברס אייגנאַרטיקער טאַלאַנט מיט זײַנע כאַראַקטעריסטישע חן־פּינטעלעך, אין אַ קאָנצענטרירטער פֿאָרעם. יצחק באַשעוויס איז אַ געבוירענער דערציילער, וואָס שלעפּט מיט

דעם לייענער מיט זײַן שילדערונג־שטראָם. די ווירקלעכקייט, אַפילו אין פּלוג אומבאַדײַטנדיקע און טריוויאַלע „געשעענישן", ווערט גאַלוואַניזירט פון זײַן פעדער און באַקומט לעבן און דינאַמיק ווי די קלענסטע טיילעכלעך פון קוועק־זילבער. אָפט קומט אָבער אויס, אַז נישט בלויז דערציילט ער די מעשה, נאָר די מעשה דערציילט וועגן אים, באַווײַזט זײַן אופן פון זען און באַוווּסטזיניקן איבערגעבן זיך דעם מאַגישן שטראָם פון בילדער און געשטאַלטן. דאָס דערמאָנט אין פּראַנץ ווערפעלס אַ פּראַכטיק ליד, אין וועלכן ער בעט גאָט, אַז ער זאָל אים נישט געבן מאַכט איבערן וואָרט, נאָר ער זאָל געבן דעם וואָרט מאַכט איבער אים, מאַכט וואָס זאָל אים דערפירן צום אומגעריכטן, צו געטלעכער אַנטפּלעקונג.

אין זײַן פאָרוואָרט, וואָס דריקט אויס אַ טייל פון זײַן קינסטלערישן קרעדאָ, זאָגט באַשעוויס, אַז די מעלה פון איבערזעצן אַ ווערק אין אַ צווייטער שפּראַך איז וואָס דאָס לערנט דעם מחבר צו פאַרנעמען זיך מיט געשעענישן, אַנשטאָט מיט זייער אויסטײַטשונג און לאָזן די פּאַסירונגען רעדן פאַר זיך אַליין.

ס'איז אָבער אמת, אַז די העלדן פון דעם בוך, ווי פון זײַנע דערציילונגען אין אַלגעמיין, פאַרנעמען זיך נישט בלויז מיט טאָן, נאָר זיי מעדיטירן אַ סך, שוין אָפּגערעדט פון מאָנאָלאָג און דיאַלאָג. די מעדיטאַציעס דערמאָנען די מחשבות־„שפּינערײַען" פון די העלדן פון דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור. די געשילדערטע טיפּן און געשטאַלטן מעדיטירן, אַזוי צו זאָגן, מיט די אינגעווייַדן, מיטן בלוט און פלייש.

די לעצטע שאַפונגען אין דעם בוך זענען פול מיט זײַנע כאַראַקטעריסטישע פּערסאָנאַזשן: „גוטע יידן" און „נישט־גוטע". שדים, רוחות, דיבוקים, שמשים, עגונות, עקסצענטריקערס, מענטשן אין אַ פּאָזע פון „פּרוכנע" און בכלל פאַרשיידענע אומגליקלעכע געשטאַלטן.

באַשעוויסעס אייגנאַרטיקער אופן פון זען די טונקלקייטן פון מענטש און גורל איז ווי אַ פּאָספאָרישער אויפלײַכט פון אַ נאַכט־פויגל אין דער פינצטערניש.

אָפט שאַפט ער נישט קיין פיקציע־העלדן, נאָר נעמט די געשטאַלטן פאַר זײַנע האַלב־אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען פון דער ווירקלעכקייט, גאָר אָפט פון דער ליטעראַריש־באַהעמישער סביבה, „אַמפּיביע"־אינטעלעקטואַלן, קאַפע־וועטעראַנען, וואָס זענען ספק־שרײַבערס, ספק־רעדנערס און

ספק פּאָליטישע טוערס. ער נעמט אַזעלכע טיפּן „אין דער אַרבעט אַרײַן״, אַרבעט זיי איבער, דערלאַנגט זיי אונדז מער אמתדיק ווי אין דערווירקלעכ־קייט, מיט אַ קאַריקאַטוריסטישער אכזריות, וואָס דערמאָנט אין די פּאַנ־טאַסטישע גראָטעסקן פון אַ היעראָנימוס באָס, אין די ביטער־חוזקדיקע „קאַפּריטשאָס״ פון פראַנסיסקאָ גאָיאַ און אין די מײַסטעריש־שאַרפע סאָ־ציאַלע און כאַראַקטער־קאַריקאַטורן פון אָנאָרע דאָמיע.

אַזעלכע „איבערגעשאַפּענע״ געשטאַלטן זענען די העלדן פון דער טיטול־דערציילונג „אַ פרײַנד פון קאַפקאַ״, ד״ר ביבער און דער העלד פון דער דערציילונג „אַ שפּאַס״, טיפּן פון „די קאָפּעטעריע״ און אַנדערע.

באַשעוויס האָט ליב און ס׳געלינגט אים צו שילדערן אָפּגעלעבטע אַלטע קאַוואַלירן, שטרויענע העלדן מיט „דורבי״ היטן, פּראָסטאַטע־לײַ־דנדיקע עקס־דאָן־זשואַנס, וואָס חלומען „ווי אַ גאַנדז פון האָבער״, פון אַן אַריסטאָקראַטישער בת־מיליאָנער, כדי צו דערברענגען צו אַ „העפּי־ענד״ זייער לעבן און לאַנדן אין זיכערן הײַראַט־האַפן. דערווײַל „מאַלעגיירען״ די עראָטישע „קאָפּ־יעגער״ זייערע ראָמאַנטישע זכרונות און „פּאַלוביען״ זיך מיט זייערע היסטאָרישע פּאָטאַ־טראָפּייען אין זייערע בידנע בוידעם־שטיב־לעך. דער אימפּאָטענטער עובר בטל קאָהן, וואָס „שפּילט שאַך״ מיטן גורל, קריגט אַן אומגעריכטן „באָנוס״, ווען אַ פּוילישע גרעפין פאַלט אַרײַן צו אים אין קאַלטן בוידעם־שטיבל, ווי פון הימל אַראָפּ.

זשאַק קאָהן און „באַמבערג״ — די אַלט־בחורשע העלדן פון „אַ פרײַנד פון קאַפקאַ״ — די נעמען פון דעם פײַנעם אינטעלעקטועלן אַקטיאָר און פון דעם פײַנעם אינטעלעקטועלן שרײַבער — זענען צו־דורכזיכטיקע מאַסקעס, וואָס ווײַזן נישט בלויז די אויגן און מײַלער, נאָר אויך זייערע גאַנצע פּנימער. אָבער די וואָס דאַרפן נישט וויסן ווייסן נישט, און די וואָס ווייכן ווילן נישט פאַרלירן די פאַרערונג פאַר זייער אָנדענק.

אָט די העלדן שפּיגלען־אָפּ דעם „לייט־מאָטיוו״, וואָס שלענגלט זיך דורך אין אַ גרויסן טייל פון די דערציילונגען, דעם ציניש ניהיליזם, וואָס איז מאָטיווירט פון ליידן און אַנטוישונגען, פון טיפע נשמה־וווּנדן, פון דעם „וועלט־שמערצעדיקן״ געלאַנגווײַליקטן אינטעליגענט. דאָס איז אַ ציניזם, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דעם קרעדאָ פון „דר. ביבער״: „הכל הבל, אַלע פילאָסאָפן זענען זיך טועה. אַלע אידעען זענען נאַריש און היפּאָקרי־טיש. דער מענטש איז נישט מער ווי אַ כיטרע מאַלפּע״.

*

באַשעוויס, דער שילדערער פֿון כּל-ערליי עקסצענטרישע ברואים, זעט די מיסטישע זײַט פֿון דער וועלט אונטער דער שאָל פֿון דער רעאַליטעט. ער זעט אָבער אויך די מיסטיקע וועלט — דעם גרויסן „מוראַשניק" פֿון טומלענדיקע באַשעפֿענישן און זייער גרויע עקסיסטענץ. זײַן טראַגיש-פּעסימיסטישער בליק אויפֿן לעבן איז טעמפּערירט מיט אַ טרוקענעם הומאָר, מיט אַ דעמאָנישן חוזק אויף דער „שוואַרצער קאָמעדיע". אַפֿילו ווען ער שילדערט נישט קיין „נישט-גוטע", נאָר גוטע ייִדן און נשים צדקניות, מישט ער דאָך צונויף די העלע פֿאַרבן מיט אַ לעפּעלע מעפֿיסטאָפֿעלעס־זויערס, אַ לוציפֿער־שמייכעלע.

אין די 21 דערציילונגען פֿון דעם בוך איז, בדרך כּלל, נישטאָ דער אַראָמאַט פֿון שלא-כּדרכודיקע מאַניאַקעס מיט זייער פּערווערזער עראָטיק, הגם דאָ און דאָרט קאָן מע נאָך געפֿינען אַן עוקץ זנות און שונד.

דער עיקר איז, וואָס דער אַלגעמיינער קלימאַט פֿון זײַנע אַנדערע ווערק איז אויך אַרײַן אין דעם בוך. די רוחות, דיבוקים און „טשודאַקעס" זענען נישט דווקא קיין פּראָדוקטן פֿון סלאַווגלאַנד וואָס אַרום די ברעגן פֿון דער ווײַסל, בוג און נאַרעוו; זיי זענען אויך פֿאַראַן אין דער נעאָ-גריליצנדיקער און „ריח-ניחוחדיקער" „פֿאַן סיטי" ניו־יאָרק — נאָר אין אַן אַנדער לבוש. די נויראָטישע אַלטע פּרוי, בעסי פּאַפּקין, אין דער דערציילונג „דער שליסל"; שלמהלע דער טעאַטער „פּראָדיוסער", וואָס פּראָדוצירט פּוסטע האָפֿענונגען און זײַנע טעאַטערס מיט זײַנע געליבטע אַקטריסעס „ווערן נישט" צוזאַמען. אַזעלכע זענען אויך אַ טייל אַנדערע געשטאַלטן, וואָס רינגלען אַרום דעם מחבר אין זײַן ניו־יאָרקער מיקראָ־אוניווערז פֿון עטלעכע קוואַדראַט מײַל: פֿון דער 96סטער גאַס ביז דער 72סטער גאַס און פֿון ריווערסאַיד דראַיוו ביז דעם סענטראַל פּאַרק.

די דערציילונגען פֿון דער אַמאָליקער ייִדישער סביבה אין פּוילן, באַזונדערס „אַ גאַסט בײַ נאַכט" און „מעשׂות פֿון הינטערן אויוון" האָבן אַ פּערפֿעקטע ווײַסענבערגישע פּלאַסטישקייט, רעליעף און אַ דינאַמישקייט. די שאַפֿונגען, קינסטלערישע דערגרייכונגען אין ייִדיש, זענען צוליב זייער אָריגינעלן קינסטלערישן אידיאָם, לאָקאַלן קאָלאָריט און סביבה-עקזאַטיק אויסנעמלעך גוטע אַרטיקלען פֿאַר ליטעראַרישן „עקספּאָרט".

אין דער דערציילונג „דר. ביבער" ווערט געשילדערט אַ האָלב-לי־

טעראַרישער באַהעם־אינטעליגענט פון ייִדישן שרײַבער־קלוב אין וואַרשע. דער געוועזענער סטודענט פון דער שוויץ מיטן צווייפלהאַפטן דאָקטער טיטול האָט, שוין גאָר אין די רײַפע יאָרן, אומגעריכט חתונה מיט אַ רײַ־כער אַלטער מויד. אָבער ער פילט זיך אומגליקלעך אין דער גאָלדענער טורמע, אונטער דער דיסציפּלין און אויפזיכט פון זײַן פרוי. דער סוף איז, אַז ער פאַרשפּילט אין איין נאַכט דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זײַן פרוי אין אַן „אַזאַרט־שפּיל” אין צאָפּאָט. דער פּיקאַנטער פינאַל: דער שלימזלדיקער אינטעלעקטואַל, וואָס איז אַרויסגעטריבן געוואָרן דורך זײַן פרוי, רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ פאַרן מחבר, אַז דאָס, פאַר וועלכן ער האָטווירקלעך מורא, איז, אַז סאַלטשע, זײַן פרוי, קאָן נאָך באַשליסן אים מוחל צו זײַן...

גאָר אינטערעסאַנט איז די דערציילונג „טויבן”, וועגן דעם גע־שיכטע־פּראָפעסאָר וולאַדיסלאַוו איבעשיץ, וועלכער האָט פאַרלאָזן דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם פון די כוליגאַנישע סטודענטן. דער אַלטער, אַסימילירטער ייִד ווידמעט זיך אין גאַנצן זײַנע ביכער און פייגל. ער ווערט פאַרוווּנדיקט ווען פּוילישע „לאָבוזעס” באַוואַרפן אים מיט שטיינער בײַם שפּײַזן זײַנע טויבן אין גאַס. ליגנדיק אין „גע־האַקטע וווּנדן”, שווימט פאַר אים פּלוצלינג אויף דאָס איינציקע העברעיִ־שע וואָרט, וואָס ער געדענקט: „רשעים”, יאָ, טראַכט ערשט דער פּראָפ׳, רשעים מאַכן געשיכטע. דאָס איז צו פּשוט? אויך ניוטאָנס פּרינציפּ פון גראַוויטאַציע איז אויסגעקומען איינפאַך. דעריבער האָט געדויערט אַזוי לאַנג אים צו אַנטדעקן.

די שילדערונג פון דער לוויה, וואָס די מחנות טויבן „אָרדענען אײַן” פאַר זייער פרײַנד און באַשיצער, איז שטאַרק קינסטלעריש און דערהייבט זיך צו אַ סימבאָלישער הויך.

אַ בילד מיט ניו־יאָרקער קאָלאָריט, פון פאַראַנאָיִש איזאָלירטן לע־בנס־שטייגער, געפינט מען אין „דער שליסל”, וועגן דער אַלטער, רײַכער אלמנה, וואָס ווערט אַרויסגעריסן פון איר טעגלעכער היגערפלעגט־רוטין דורך אַן „אַקסידענט”, ווען איר שליסל האָט זיך צעבראָכן אין דער טיר און זי בלײַבט הילפלאָז אין גאַס, זיצנדיק אַ גאַנצע נאַכט אויף די טרעפּ פון אַ קירכע. זי קלערט איבער איר מצב. פאַר וואָס האָט זי די אַלע יאָרן געלעבט אַזוי? פאַר וואָס איז זי נישט געגאַנגען ערגעץ, געניסן פון איר געלט, העלפן עמעצן? „בעסי איז געווען פאַרווונדערט: זי האָט דערפילט

ווי זי וואָלט דערוואַכט פון אַ שווערן שלאָף. דער צעבראָכענער שליסל האָט געעפנט אַ טיר אין איר מוח, וואָס איז פאַרשלאָסן געוואָרן ווען סעם איז געשטאָרבן".

אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון אַ פאַרזעסענער רײַכער מויד, וואָס איז אויך רײַך אין קאָמפּלעקסן, איז געשאַפן אין דער דערציילונג „דהי פּרימפּ", די „אויסגעסטראַיעטע", וואָס לעבט אויסשליסלעך מיט דער זאָרג פאַר איר קליידונג, און שמדט זיך קורץ פאַר איר טויט, ווײַל, לויט דער יידישער טראַדיציע, וועט זי נישט קענען באַגראָבן ווערן אין אירע עלעגאַנטע קליידער.

ניו־יאָרקער שטייגער און קאָלאָריט איז אויך פאַראַן אין „די קאַפּעטע־ריע", אין דעם שרײַבערס „מיקראָ־אוניווערז", ווו ער צייכנט אַ פײַנע קאַריקאַטור פון דער סביבה, אײַנשליסלעך די לוויה־אונטערנעמונג, וואָס איז אויך „אַ מין קאַפּעטעריע, ווו מען קריגט אַ שנעלע „יולאַדזשי", אָדער „קדיש", אויפן וועג צו דער אייביקייט".

די גרויסע וועלט־שטאָט „באַגײַסטערט" דעם מחבר צו וויזיעס פון אַן „אַרמאַגעדאָן", פון אַ וועלט־קראַך. „די מענטשהײַט לײַדט פון סקיזאָפרע־ניע. צוזאַמען מיט דעם אַטאָם האָט זיך געשפּאָלטן דער „האָמאָ סאַפּיענס". ווען ס'קומט צו טעכנאָלאָגיע, פונקציאָנירט נאָך דער מוח, אָבער אין אַלעם אַנדערן האָט זיך אָנגעהויבן די דעגענעראַציע".

און אָט אויפן הינטערגרונט פון דעם ניו־יאָרקער „וועלט־קראַך" מאָלט דער מחבר אַ בילד פון אַ פײַנער יידישער פרוי, וואָס איז געבליבן לעבן פון דעם היטלער־גיהנום, אירע ליידן און איר האַלוצינאַציע פון האָבן געזען היטלערן און זײַנע נאַצי־געהילפן אין... אַ קאַפּעטעריע אויף בראָדוויי.

צו די דערציילונגען פון דעמאָנישן, טראַגיקאָמישן כאַראַקטער געהערט „דער שפּאַס", ווו אַן אַלטער העברעישער געלערנטער ווערט אַרויסגערופן פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק אויף אַ זעונג מיט אַ נישט־עקסיס־טירנדיקער מיליאָנערקע און שטאַרבט פון פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג. שטאַרק ווירקט „דאָס קונדסישע שפּיצל". אַ יונגען מאַן, טוביהלע באַשטאַן, אַ „רויטהאָריקער אויסוואורף", „ציט־אָן" אַ צווייטן בחור, יאָסעלע באַראָן, אַז ער זאָל אָננעמען זײַן געוועט וועגן נעכטיקן אַליין מיט אַ מת אין טויטנשטיבל פון שטעטל. טוביהלע קאָנספּירירט מיט אַ גרופּע בחורים,

פון וועלכע איינער איז מסכים צו שפּילן די ראָלע פון אַ טויטן. דער סוף איז, אַז דער דרייסטער יאָסעלע ווערט איבערגעשראָקן און פאַלט אַ טויטער. אויך אַנדערע באַטייליקטע אין דעם מיאוסן שפּאַס האָבן אַ טרויעריקן סוף און עטלעכע פאַמיליעס ווערן פאַראומגליקט דורך דעם. אַן עדגאַר פּאָ׳ש־מאַקאַברישער פינאַל צו אַ שלום־עליכמדיקן פאַרשפּיל.

*

יצחק באַשעוויס׳ סטיל איז אַ געמיש פון טיפן קינסטלערישן זען און געשטאַלטיקונג פון איין זײַט און פון מוחדיק „סינטעטישער״ אַרכי־טעקטאָניק פון דער צווייטער זײַט. ווען דער ערשטער עלעמענט דאָמי־נירט, האָבן מיר קלאַסיש־מײַסטערהאַפטע שילדערונגען און מיט לעבן־פולסירנדיקע כאַראַקטערן; ווען דער צווייטער עלעמענט האָט די אויבער־האַנט, האָבן מיר טעאָרעטיש־סכעמאַטישע סקיצן ווי אין דער דערציילונג „כוחות״. אַז ס׳עקסיסטירן אַזעלכע דערשײַנונגען ווי גײַסטיקער מאַגנע־טיזם, פּערזאָנען, וואָס עלעקטריזירן אַנדערע מיט זייער פּסיכישן „וואָל־טאַזש״ — דאָס איז אַ פאַקט (צום באַדויערן זענען מיט דעם „עלעקטראָ־מאַגנעטיזם״ מער באַשאָנקען די דעמאָנישע נאַטורן). די פראַגע איז אָבער, וואָס אין די שילדערונגען איז נישטאָ גענוג כוח פון קינסטלערישער אי־בערצײַגונג. (באַשעוויס׳ עכטער, אָריגינעלער טאַלאַנט קומט מער צום אויסדרוק אין זײַנע קורצע דערציילונגען, ווי אין זײַנע ראָמאַנען, ווו דער לאָקאַלער קאָלאָריט, גראָטעסק און פאָלקלאָר־מיליע זענען נישט גענוג צו „צעמענטירן״ קינסטלערישע בנינים, נישט קוקנדיק אויף אַ טייל גאָר געלונגענע שילדערונגען).

אויך אין די דיאַלאָגן און מעדיטאַציעס — סײַ אין דער „איך״ פאָרעם און סײַ אין די רייד פון זײַנע העלדן — געפינען מיר דעם אור וחושך: פון איין זײַט קאָנווענציאָנעלע סאָפיזמען, ציניש פילאָסאָפיע, טריוויאַלע קאָמענטאַרן און אָפּשאַצונגען, און פון דער צווייטער זײַט — אומגעריכטע גײַסטיקע אויפבליצן, טיפע אַרײַנבליקן אין דעם תהום פון דערשײַנונגען און אין דעם טיפסטן פון אַלע אָפּגרונטן — דעם מענטשן. פאַקטיש איז דער מענטש דאָס ברייטע און טיפע פאָרש־געביט פאַר באַשעוויסן, וואָס האָט, ווי דאָסטאָיעווסקי, נישט קיין „צײַט״ פאַר נאַטור־שילדערונגען.

יצחק באַשעוויסעס ווערק איז די געטלעך־טײַוולאָנישע קאָמעדיע. די טראַגיש־לעכערלעכע ראַנגלענישן פון מענטש אין דעם גורלדיקן שפּינ־וועב. דאָס לעבן איז אַ „בוך" מיט כּאַטיש־צונויפגעשטעלטע קאַפּיט־לען פון אַ שונדראָמאַן, אַ מאַרטירער־טראַגעדיע און גראָטעסקע קאָמעדיע. און דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַנע שאַפונגען.

מען קאָן נישט האָבן קיין טענות וועגן דעם שרײַבערס פּעסימיסטיש־טראַגישן וועלט־בליק און „פאַדערן" בײַ אים אויסשליסלעך פּאָזיטיווע העלדן (הגם ער האָט אויך אידעאַלע געשטאַלטן). די וואָס האָבן אַרײַנ־געבליקט אין תּהום זענען אַנגעהויכט מיטן אָטעם פון מיסטעריע און זיי שאַפן פון זייערע „מאַטעריאַלן". איבעריקנס, פּעסימיזם און דער טראַגישער זין זענען געבויט אויף טיפע פונדאַמענטן. דאָס קבר, פּעסט, דער נאַציזם, קאַנסער און אַנדערע מוראדיקע דערשײַנונגען געהערן צו דער רעאַליטעט. וואָס האָט די השגחה געצילט מיט באַצילן?

יצחק באַשעוויס איז דער גרויסער קינסטלערישער קאַריקאַטוריסט פון וועלט און מענטש. זײַנע גרויסע דערגרייכונגען זענען די פיל וואַ־ריאַציעס אויף דער טעמע: „דער גראָטעסק — לעבן". זײַנע פאַרשיידענע קרעאַציעס זענען קינסטלערישע געשטאַלטיקונגען פון דער פילאָסאָפישער פראַגע: „מה זאת?" זײַן גרעסטער קינסטלערישער פאַרדינסט איז אָבער וואָס ער עפנט די מײַלער פון די שאינו יודע לשאול, אַז זיי זאָלן „גאַפן און שטוינען" אויף זײַנע געשטאַלטן און טיפן — „די טיילעכלעך" פון דעם אומענדלעכן סוד פון דער עקסיסטענץ.

*

יצחק באַשעוויס איז זיכער גאָר אַ גרויסער טאַלאַנט, אָבער זײַן חסרון איז גראָד זײַן צו־גרויסע „פּרודוקטיקייט" און פליסיקייט; אויך די ברייט־שטחדיקע פאַרוואָסערטקייט — אַפילו ווען זי איז צוגעווירצט מיט סעקספלאָזיווע און סעקסהיביציאָניסטישע „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען" — גיט־צו ווייניק צו דער „קאַנטאַ" פּונעם מחבר פון „דער שטן פון גאָריי"; ער בלײַבט אָבער דער מײַסטער פון דער קורצער קינסטלערישער דער־ציילונג — ווען די טיף־אייגנאַרטיקע וויזיע, שעפערישע אַטמאָספער און כאַראַקטער־געשטאַלטיקונג דאָמינירן איבער זײַן קינסטלעכן „שעטנז" און „קליפּה".

יוסף אָקרוטני

נעמען שרײַבן וועגן יוסף אָקרוטני דאַרף מען אָנהייבן מיט שטעלן דעם טראָפּ אויף דער באַזונדערקייט פון זײַן שרײַבערישן כאַראַקטער, דהיינו: אַז ער איז אַ שילדערער פון דעם פאָלקס וואָכעדיקער וואָר, אָבער פאַר זײַן פען איז אויך נישט פרעמד דאָס געמעל פון יום־טובדיקער דערהייבונג. אָקרוטניס שרײַבערישער דערגרייך זאָגט עדות דערויף צום בולטסטן.

יוסף אָקרוטני איז אַ קינד פונעם טיף פאַרוואָרצלטן ייִדנלאַנד אין דעם טראַגיש פאַרשטומטן ייִדישן פוילן. ווי אַזעלכער פרעזענטירט ער זיך אין דעם רוב פון זײַנע ביז איצטיקע שאַפונגען, אַפילו אין יענע מאָטיוון, וועלכע שפּיגלען אָפּ אויך די יאָרן פון זײַן נע־ונד איבער לענדער און קאָנטינענטן. דער פוילישער ייִד און זײַנע נסיונות אויף פרעמדער ערד איז דער מעדיום פון אַ רוב אָקרוטניס גרעסערע נאָוועלן און דערציילונגען.

יאָ, זײַן דערציילערישער טאַלאַנט האָט זיך ברייטער אַנטוויקלט אין דעם בלוטיקן געוויטער בעת די יאָרן פון אומקום און פאַרלענד אונטער דער נאַציִשער אָקופּאַציע. דאָס איז געווען די עפּאָכע פון ייִדישער היימלאָזיקייט און אויסגעוואָרצלטקייט — אָנהייבנדיק פון די „קאַלטס און וואַרעמס" קלימאַטן (אין פיזישן און גײַסטיקן זין) אין ראַטן־רוסלאַנד און שפּעטער בעת זײַן צײַטווײַליקן אויפהאַלט אין דער חרובער וואַרשע און

אין ווײַטערדיקן נע־ובד, ווען ער האָט דורכגעמאַכט די „די־פּי״־לאַגערן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און איטאַליע.

אין גרויסן בוענאָס־אײַרעס, אין דער ווײַטער אַרגענטינע, ווו ער האָט ענדלעך געפֿונען אַ שטיקל מקום־מנוחה נאָך די וואָגל־יאָרן, האָט יוסף אָקרוטני שוין באַוויזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַ צענטליבג ביכער — ראָמאַנען און קלענערע דערציילונגען וועגן פֿאַרשווונדענעם יידישן לעבן אין פּוילן; פֿון די כּף הקלעדיקע יאָרן פֿון פֿאַרוואָגלטקייט, פֿון פֿיזישער און גײַסטי־קער פּײַן, ווען יידן האָבן נאָך דער פּאַרטיזאַנשאַפֿט ... בעת דעם מוראדיקן היטלערישן קלאַפּ, אָנגעהויבן פֿון ס׳נײַ שפּירן די אכזריותדיקע ווונדן פֿון דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער און אינדיווידועל־משפּחהדיקער טראַגעדיע. אין פּערספּעקטיוו פֿונעם געוועזן האָט אָקרוטני אויך פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע פּראָזע־ווערק וועגן דער נײַער אַרגענטינער ווירקלעכקייט.

צו אָקרוטניס ווערק, וואָס שילדערן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן ביז דעם נאַצי־גיהנום, געהערן: „אונדזער אָרעם ברויט״; „אַ הויז אויף אַלטשטאָט״; „באַלוטער וועבערס״; „סוף קאַפּיטל״ און „אָרעם גליק״. די יאָרן פֿון קריג און נאָכן קריג, פֿון גיהנומדיקן פֿאַרלענד און בהלהדיקן „לך־לך״ זענען פֿון אים געשילדערט געוואָרן אין „דאָס בוך פֿון די עלנטע״ און „אונטער ליימענע דעכער״. דער אַרגענטינער פּייזאַזש און לעבנשטייגער ווערט אָפּגעשפּיגלט אין „אַ שטיין צוקאָפּנס״, ווו דער מחבר דערקלערט אין זײַן הקדמה, אַז דאָס איז אַ „בעלעטריסטישער פּירוש״ אויף אַרגענטינע, יידיש - אימיגראַנטישן בוענאָס־אײַרעס... „נאָכן גרויליקן ווידער־קול פֿונעם געטאָ, קומען מאָטיוון פֿון פּליטימשאַפֿט״... ווײַטערדיקע שילדערונגען פֿון יידישן לעבן אין אַרגענטינע זענען: דער ראָמאַן „וואָרצלען זענען דאָרשטיק״ און אַ ציקל מאָטיוון אינעם בוך „לאַנג איז דער ווינטער״.

*

יוסף אָקרוטני איז דער מאָלער פֿון מלך אביונס גיטער, דער שילדערער פֿון יידישן מאַסן־לעבן. ער איז דער באַזאַכטער פּראָזע־באַזינגער פֿון די „פּראָסטע גוט־שבתן״, פֿון די יידן אין יוכטענע שטיוול, געשמירטע מיט דזשעגעכץ, פֿון יונגען האָרעפּאַשניקעס מיט האַרטע, מאַזאָליעדיקע הענט, אָבער מיט וואַרעמע הערצער און לויטערע געמיטער; פֿון פֿרויען עמכדיק־

פשוטע, אָבער מיט אַ ים צאַרטקייט און דעליקאַטקייט. ער איז אָבער, ווי אַ קינסטלער, געטריי דער ווירקלעכקייט און איז (ווי זיין נאָמען איז אין פויליש) גרויזאַם אָפּן אין שילדערן, צעגלידערן די שאָטנדיקע זייט פון לעבן, די פּרוכנעדיקע ווירקלעכקייט, די ברוטאַלע נויט, וואָס איז נישט סובלימירט און געלויטערט, ווי ביי אַ טייל פון זיינע העלדן, נאָר פאַרקערט — צו־געווירצט מיט קללות און חרמות, מיט דער רויקייט און אכזריות פון אומשטענדן. הויפּטזאַכלעך איז יוסף אָקרוטני אָבער דער קעגנזאַץ פון אכזריות און גראָבקייט; ביי אים איז אַ דין געפיל, פיין־שפּילעוודיקע חושים מיט אַ הויך־סענסיטיווער קינסטלערישער „אַנטענע" פאַר נשמהדיקער איידלקייט, גוטסקייט און מילדקייט.

אין אָקרוטניס ווערק „באַלוטער וועבערס" שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פאַר־גאַנגענע שטייגער־לעבן פון די יידישע מאַסן אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י"ה. ס'איז דאָס בילד פון פאַראָרעמטע יידן פון די קליינע שטעט־לעך, וואָס זענען געלאָפן פון דער אויסזיכטלאָזיקייט צו די גרויסע שטעט און זיך „פּראָלעטאַריזירט". אין „אַ הויז אויף אַלטשטאָט", „אָרעם גליק" און „סוף קאַפּיטל" האָבן מיר ברייטע קינסטלערישע לייוונטן פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן ביזן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די שרעקלעכע לאַווינע פון משוגענעם נאַצישן טעראָר און צעשטערונג האָט אָפּגעווישט די יידישע ישובים אין אייראָפּע.

אָקרוטניס סטיל צייכנט זיך אויס מיט אַ סך קינסטלערישע מעלות. ער האָט אַ געזונטן דערציילערישן אָטעם און גיט אונדז אָפּט פיינע ביל־דער און שילדערונגען פון גרופּעס, טיפּן און יחידים. ער ברענגט זיינע העלדן צום לעבן דורך זייערע דיאַלאָגן, מאָנאָלאָגן וואָס טראָגן דעם חותם פון אויטענטישקייט, ווי אויך דורך געניטן שילדערן זייער געמיט־צו־שטאַנד, מחשבות און איבערלעבונגען.

גאָר באַזונדערס איז אָקרוטני אַן אויפּטוער אין רעפּראָדוצירן דאָס קערנדיקע יידישע לשון. זיינע יידן און יידענעס רעדן מיט אַ זאַפּטיקער, פול־בלוטיקער שפּראַך, וואָס איז נישט בלויז אַ כאַראַקטעריסטישער „מע־דיום", צו ברענגען זיינע העלדן צום אויטענטישן וואָרט, נאָך איז אויך אַ קינסטלעריש־פאָלקלאָריסטישע רעקאָנסטרוקציע פון שפּרודלדיקן יידישן פאָלקס־לעבן און פון דעם באַחנטן יידישן „סלענג" אין פּוילן, וואָס ביידע געהערן שוין, צום באַדויערן, צו דער פאַרגאַנגענהייט.

דער שפּראַך־אינסטרומענט איז בכלל אָקרוטניס אַ וויכטיק אייגנס, וואָס ווערט ביי אים קינסטלעריש באַזאָפּטיקט.

אַפילו בלויז עטלעכע מוסטערן פון עכט־אידיאָמאַטישן פּויליש־יידישן פאָלקס־לעבן, גענומען פון „סוף קאַפּיטל", רעדן קלאָר וועגן דעם.

„קיין גראַטשקע איז אין קראָם נישט געווען".

„האָט זיך פאַרקאַאַקעצט".

„געלעבט און געלאַאַבט".

„רויט ווי אַ טשוויק".

„זיך געשיבערט".

„אָקע מ׳זעט".

„אַ קליפּט".

„מוידטשיסקע".

„מען קאָן קנאַאַסן".

„דער פּראַנצאָל".

„פּרימיסיאָן".

„לאָבזעס".

„מיינט ראַאַך".

„אַ קינד פון אַ געמיין הויז".

„ס׳הויז האָט געמאַכט נאַכט".

„וויבלטשינע", „אַן עוקץ", „מאַכן אַ מענטליק" — אַזעלכע און הונדערטער אַנדערע ווערטער גיבן נישט בלויז צו קאָליר, טעם און ריח דער שפּראַך פון אָקרוטניס פאָלקס־געשטאַלטן, נאָר זענען אויך לינגוויסטישע אוצרות פאַרן קומענדיקן יידיש־פאָרשער און שטודירער פון פאַרגאַנגענעם אייגנאַרטיקן יידישן פאָלקסלעבן אין פּוילן.

דער שילדערער פון די „באָלוטער וועבערס" און פון „אָרעם גליק" צייכנט זיך אויך אויס ווי אַ מאָלער פון „נאַטור־מאַרטן", פון די נאַטור־סעזאָנען, פונעם פיזישן אַרום און דער מענטשן־סביבה, וואָס ער נעמט אויף מיט זיינע פיינע קינסטלער חושים און צייכנט זיי אין קורצע, אָבער בולטע שטריכן מיט זיין אימפּרעסיאָניסטישן פּענזל: „דער הימל איז געהאַנגען אין טראַנטעס"... „אין קרעמל הויקערט זיך די צייט און ס׳ציפּט זיך אַ קאַרגער גראָשן"... „די נאַכט איז ווי אַ שיף אָפּגעשווומען צו ווייטע

ליכטיקע ברעגן"... „דער דלות האָט זיך געלייגט אויף די שטוביקע ווי אַ שווערער שטויב"... אַזעלכע שילדערונגען, מאָלערישע צייכענונגען פון נאַטור און סביבה, באַהויכט מיט אַ לירישן־אימפּרעסיאָניסטישן אונטער־טאָן, פאַרמאָגן [redacted] אייגנאַרטיקע קראַפט און שיינקייט.

אַוודאי, מ׳באַדאַרף זיך אָפּשטעלן אויף יוסף אַקרוטניס שפּראַך.

אַקרוטניס סטיל האָט דעם מחיהדיקן טעם פון טונקל־דאַרפיש ברויט, וואָס איז אויך רײַך אין קינסטלערישע וויטאַמינען. די פּולבלוטיקע, קאָ־לירפולע שפּראַך פון זײַנע העלדן טורעמט זיך פון דעם פּײַכטן קעלער — דעם וווּלגאַרן מענה־לשון פון מאַרק־ייִדענעס מיט זייערע קללות און זיד־לערײַען ביז צו די הויכקייטן פון געלייטערטער פאָלקס־חכמה, פון אַנאָ־נימען גײַסטיקן אוצר, וואָס ווערט בײַ אים אויסגעדריקט אין שפּריכ־ווערטער, רײַך־זאַפטיקע מיט תוכן און זין ווי אַ מילגרוים מיט זאַפט און קערנדלעך. צו דעם גיט נאָך דער שרײַבער פּײַנע, אויסדרוקפולע בילדער און פאַרגלײַכן, וואָס גיבן צו אַ באַזונדערע קינסטלערישע דימענסיע דעם געשילדערטן, למשל (אין „סוף קאַפּיטל"): „אַ שטיפמאַמע איז אַ ווינטער־דיקע זון, מ׳מיינט זי וועט וואַרעמען... אין אמתן אָבער ברייט זי רק מיט פראָסט"... „אַן איינציקער אויפדערנאַכט איז פאַרבליבן די ברידער ביזן גיין זיך שלאָגן פאַרן שטיפלאַנד" (פּוילן).

דער היימישער אָבער אומהיימלעכער ייִדישער דלות —דאָס גראָע און טריבע פאַרזעעניש— ווערט געשילדערט פון אַקרוטנין אויף אַ קינסט־לערישן שטייגער. ער געפינט די מיטלען צו מאָלן קאָלירפול דעם מאָ־נאָטאָנעם „סוזשעט":

„ווי אַ טשאַד איז די ביטערניש שטענדיק געשטאַנען אין שטוב. פון אַלע זײַטן האָבן אויף דער דאָזיקער שטוב זיך אַראָפּגעלאָזן דאגות, קרענקענישן... די צרות האָבן געריסן־געפּײַפט ווי אַ צוגווינט"...

מיט אַזאַ „פּרעלוד" הויבט אָן דער מחבר פון „אָרעם גליק" זײַן שילדערונג פון אַ „קבצאַנסקער ייִדישע שטוב, פון איטשע האָפמאַן און זײַן ווײַב שיינדל, ווו ס׳וועבט זיך די האַרציק־געטרײַע ליבשאַפט פון זייער זון שלמה צו דעם אָרעמען מיידל שרהלע.

און אָט איז אַ נישט־ווייניקער קאָלירפולער „פרעסקאָ", אַ בילד אין

בונטע קאָלירן, פון אַ צווייטער געגנט פון דער לאָדזשער יידישער דלות־אימפּעריע („אַ הויז אויף אַלטשטאָט").

„איידער מ'גייט אַריין אין מאירס דירה, שפּירט זיך אינעם טיפן, אָפּ־געריסענעם קאָרידאָר אַן איבלדיקער ריח פון אַלטקייט און גרינעם שימל, וואָס קומט פון פאַרלעגענע שמאַטעס און... מיז. וועלכע זענען דאָ אויף אייביקער קהלישער קעסט. אויף ביידע זייטן פון דעם לאַנגן, טונקעלן פּירהויז שוואַרצלען זיך קליינע איזערנע הענגל־שלעסער אויף די טירן פון פינצטערע קאַמערן, פון וועלכע עס שיילט זיך אָפּגעריבענער קאַלך. דאָס זענען די קעמערלעך פון די שכנים, וועלכע באַהאַלטן אין זיי סײַ אַ ביסל האָלץ אויפן ווינטער און סײַ די ירושהדיקע שמאַטעס, וואָס גייען איבער אין באַלעבאַטישע הימען פון דור צו דור, ווײַל ס'איז אַ שאָד מיט זיי זיך צו צעשיידן. אויך די שכנים אין דעם הויז זענען ווי בכיוון צוגע־קליבענע, געפּאָרטע מיט דער מויער: אַלטע לײַט מיט געהאָרבעטע פּליי־צעס, גראָע פאַרפלאָנטערטע בערד, געבוקטע ווײַבער אין געשטריקטע קופּ־קעס אויף אויסגעגאָלטע און אויסגעקראָכענע אַלטע קעפּ — קוים זשי־פּענדיקע זקנים, וואָס קרעכצן אויס אין יסורים זייערע לעצטע לעבנס־טעג, האָפּנדיק אונטערן שוואַרצן, קרומען דאַך אויף אַן אומגעריכטער הילף פון זײַן ליבן נאָמען.

„עס שמעקט פּרוכנע".

די און ענלעכע אַנדערע שילדערונגען זענען די ראַמען, אין וועלכע דער מחבר פּאַסט־אײַן זײַנע ברייטע לײַוונטן, די מאַסן־סצענעס און מיליע־בילדער. אגב האָבן כמעט אַקרוטניס אַלע ביכער אַזעלכע קאָלעקטיווע בע־מען: „באַלוטער וועבערס"; „אָרעם גליק"; „אַ הויז אויף אַלטשטאָט" אאַ"וו.

אין „באַלוטער וועבערס" ראָלט אויף פאַר אונדז אַקרוטני אַ פאַרביקע פּאַנאָראַמע פון יידישע אביונים און בעלי־גופישע באַלעבאַטים פון פאַר הונדערט יאָר צוריק; פון ברוטאַל־אויסגענוצטע לערן־יינגלעך און „זמן־יונגען" פון איין זײַט, און בלוטצאַפּערס־מײַסטערס פון דער צווייטער; טיפּן ווי יונה פּילצער, דער באַלעבאָס פון אַ גרויסן אויבסט־ און גרינ־וואַרג מאַרק; משה אינעוויליצער און זײַן זון, דער וועבער־יונג שמחה בונם. מיר לייענען דאָרט די אמתדיק־גרויזאַמע מעשה פון דעם אומגליקלעכן לערניינגל סענדער, וואָס ווערט אויף אַ סאַדיסטישן אופן פאַרפּײַניקט און

פאַרקריפּלט דורך אַברהם באַראַן, דעם בעסטיאַלישן אייגנטימער פון אַ וועבעריַי־ווערקשטעל; עס קומען אויף אויך די שפּראַצונגען פון קלאַסנקאַמף און סאָציאַלן פּראָטעסט אויפן פּאָן פון ברוטאַלער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. ביַי אַזאַ אָנשווילונג פון אַ סאָציאַלער פאַרפּלייצונג איז פאַרשטענדלעך אין אַ סביבה ווו די וועבער־געזעלן זינגען: „נעם די טאָרבע, גיי אין די הײַזער, נעם די טאָרבע, גיי אין די הײַזער"...

משה אינעווליצער, דער אָרעמער פּראָווינצער ייִד, וואָס ווערט אײַנגעשלונגען פונעם כרך לאָדזש, שטייט און שטוינט פאַרן שטאָטישן מאַרק... „אין דעם ייִד האָט עס אַ שפּיל געטאָן מיט שטעטלדיקן מאַרק־ניגון, מיט געגונער, מיט חזירשן קוויטש, פערדישן הירזשען און גויִשן שיכורן, היימלעכן געזאַנג"...

יונה פּילצער דער גרויס־גופיקער ייִד מיטן ברייטן געשטעל און פּעטע, אַראָפּהענגענדיקע באַקן, האָט געוווינט אויפן גאַנעק פון אייגענעם גרויסן פּוסטן מאַרק־פּלאַץ, וואָס „האָט ווי אַ גענעצדיקער פּיסק געקוקט אויפן אַרום און נישט־ווו, נישט וועו האָט ווי אַן אייניציקן צאָן אין מויל זיך באַוויזן אַ וויַיבלטשינע מיט איר גראָשנדיקן מיסחר".

דער זעלבער פרומער, תהילים־זאָגנדיקער ייִד איז געפאַלן אויף אַן המצאה ווי אַזוי צו העלפן די בידנע לײַט וואָס זענען געשטאַנען אומזיסט אויף זײַן פּלאַץ מיט זייערע „סחורות" — ער האָט געטענהט צו זײַן פרוי: „אַז זיי וועלן דאָ שטיין מיט אַ לאָבזע וועט זיי גאָרנישט אַרויסקומען דערפון... כ'האָב אַן עצה ווי אַזוי צו טרײַבן זיי צו עפּעס רעכטס: כ'וועל אַראָפּגיין אויפן פּלאַץ און אָנזאָגן: מענטשן־קרוין, צ'קענט דאָך נישט פאַרלאַנגען אומזיסט. גיטס אַ זעקסטער אַ טאָג און שטייטס ענק געזונטערהייט. וועט'ס זיך זיי לוינען צו צאָלן אַ זעקסער, וועלן זיי האָבן פּרנסה, אלאָ נישט — צו וואָס זאָל איך שולדיק זײַן אין דער עבירה?"...

אין די „באַלוטער וועבערס" ווערן געשילדערט מיט פּלאַסטישבולטע שטריכן סײַ די פאַרביקע מאַסן־סצענעס ווי דעם אויפברויז פון די הונגעריקע וועבער־מאַסן קעגן די מאַשינען, די לוויה פון פאַרברענטע ספר־תורהס, און סײַ די אינדיווידועלע געשטאַלטן, ווי דער לאָדזשער רב, ר' אלי חיים, אַ טיפּ פון אַ תקיפותדיקן רעליגיעזן פירער; דער אויפגעקומענער גביר־אינדוסטריאַליסט „פּאָזנאַנסקעלע" און אַנדערע.

*

ביי אָקרוטניין, דעם פּראָזאַיקער, מיטן בולטן לירישן אונטערטאָן, איז נישט שטענדיק פאַראַן דער שטאַרקער דערציילערישער קלימאַקס און זיינע ראָמאַנען בלייבן אַ מאָל אומפאַרענדיקט ווי די „נישט־אויסגעפּאַר־טיקטע" ווירקלעכקייט אַליין. הפנים, דער סיפּור־המעשה איז ביי אים נישט דער עיקר; ער וויל קענטיק באַווייזן דעם לייענער נאָכצוטראַכטן דעם גורל פונעם העלד. און דער עיקר: דער ווי אַזוי איז משמעות די הויפּט־כוונה פון זיין דערציילן. טייל מאָל „זינדיקט" ער אויך מיט פּסיכאָלאָגיש־ניט־געווענוג באַגרינדעטע סיטואַציעס, ווי, למשל, די שילדערונג פון שיינדלען, די מיטער פון שלמה האָפמאַן אין „אָרעם גליק", וואָס האָט „באַהאַלטן אַ מע־סער אונטערן פאַרטעך"; זי וויל זיך הייסט עס, שעכטן, ווייל איר זון גרייט זיך חתונה צו האָבן מיט אַן אָרעם מיידל.

סע מערקט זיך אויך אַ מאָל אין זיינע ווערק אַן איבערפלוס פון דע־טאַל־שילדערונגען, וואָס איז אַ מין גראָשנדיקער „פּדיון" אין קינסטלערישן זין.[redacted] איז עס אַ חסרון. ווייל צוליב די פיל ביימער קאָן מען אַ מאָל נישט זען דעם וואַלד. אָבער אין סך הכל וועגן אַריבער ביי אָקרוטניין די קינסטלערישע מעלות איבער די לכאורהדיקע חסרונות. ער איז אַ שטאַרקער פּראָזאַיקער, וואָס שאַפט פאַר אונדז אַ סביבה אויף אַ הינטערגרונט פון אַ ברוטאַלער וועלט, וואָס איז פול מיט דעם דעגראַדירנדיקן קאַמף פאַר אַ מיני־עקסיסטענץ. אויף אָט דעם אומהיימלעכן „פאָן" בליִען־אויף פון דעסטוועגן צאַרט־פּאָעטישע בלימעלעך — דעליקאַטע איבערלעבונגען, גע־מיט־פיינקייט און פּאָעזיע, ווי וווּנדערלעכע אוזאָרן אויף פראָסט־פאַרקאָ־וועטע שויבן פון אַן אָרעמער כאַטע.

עס געהערט צו יוסף אָקרוטניס קינסטלערישן „קרעדיט", וואָס ער האָט אין אונדזער פּראָזע געגעבן דאָס גאַנצע בילד פון דער אָרעמער יידי־שער ווירקלעכקייט — דעם טרויעריקן הינטערגרונט פון דלות, דעם עלנט און פיין פון איין זייט, און פון דעם שבת־יום טובדיקער נשמהדיקייט, וואָס באַשטראַלט און דערהייבט די וואָך.

*

שעפערישע וואַרעמקייט וואָס דערגרונטעוועט זיך צום מהות פון ליטעראַטור און קונסט דורך אַן אינטויִציע „קפיצת־הדרך" (אַ בעסער

מיטל ווי סתם־אויסטײַטשונגען פון קאַלטע אַנאַליטישע „לונג־ און לעבערס”) מערקט זיך אויך אין אָקרוטניס עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שרײַבערס און ווערק. אין זײַנע שרײַבערישע אַנאַליטישע עקסקורסיעס איז ער פול מיט פּיעטעט פאַר יעדן ניצוץ פון טאַלאַנט און עכטקייט. אָקרוטני דער עסייִסט טראָגט נישט די פּרעטענציעזע טאָגע פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער. ער איז נישט קיין „אָפיציעלער קריטיקער”, אָבער זײַנע קריטישע אָפּהאַנדלונגען צייכענען זיך אויס, ווי זײַנע פּראָזעשאַפונגען, מיט עכטן טאַלאַנט, מיט כוח צו דערפילן דעם לעבעדיקן פּולס פון אייגנאַרטיקייט און קינסטלערישער דערגרייכונג. אָט אַזוי זיך, ווי כלאחר יד, אומפּרעטענציעז, האָט יוסף אָקרוטני, דער מילדער און פּיעטעטפולער שרײַבער פאַרעפנטלעכט פיל צענטליקער עסייען וועגן יידישע שרײַבערס, וועגן פּראָזע און פּאָעזיע ווי אויך אָפּהאַנדלונגען איבער אַלגעמיינע קולטור־פּראָבלעמען. אַ פולע זאַמלונג פון זײַן קריטיש־עסייִסטישן געריטעניש איז אָן ספק ראוי אַרײַנגענומען צו ווערן פון די דירת־עראי'דיקע וואָרט־שפּײַכלערס — צײַטונגען און זשורנאַלן — אין דער דירת קבע פון בוכפאָרעם. דאָס וואָלט דערגאַנצט דעם שעפערישן פּאָרטרעט פון דעם פּרוכטיקן ראָמאַניסט און דערציילער וואָס טיילט זיך אויס מיט זײַנע גאָר אינטערעסאַנטע שטריכן.

ברוך האַגער: די לאַנדשאַפט פון חסידות

אין „דרך חסידות", דער אַרײַנפיר צו זײַן ספר אין גאולה אומרו, גיט ברוך האַגער אַן אינטערעסאַנטן פירוש אויף דעם ווונדערלעכן מהות פון חסידות, וואָס ער באַצייכנט ווי אַ קינסטלערישע דערשײַנונג:

„אָט דאָס נסים־מעשהדיקע, וואָס איז דער קערן פון יעדער קינסט־לערישער יצירה, אַנטפּלעקט פאַר אונדז דער חסידישער רעיון, די חסי־דישע וואָר.

„חסידות, אַזוי ווי ס'האָט זיך געלעבט יעדן טאָג, אין דער סאַמע וואָך, אָבער מיט די חנען פון שבת־מלכתא, איז געווען אַן אָפּבלענד פון קינסטלערישער יצירה, וואָס האָט אין זיך פאַרמאָגט די תוכיקייטן פון וועלכע ס'ווערט באַשאַפן אַ קינסטלערישע יצירה:

„דמיון — מעשה — ניגון — —"

אויב חסידות איז אַ קינסטלערישע יצירה, האָט זי געקריגן אַ גאָר פּאַסיקע אינטערפּרעטאַציע אין די ווערק פון ברוך האַגער — און נישט בלויז צוליב דעם, וואָס ער איז אייגן, אינטים אין דעם עלעמענט (שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ער איז אַליין אַ צווײַג פון דעם רביישן בוים), נאָר אויך ווײַל ער איז אַליין אַ קינסטלער, אַן אינטויטיווער בעל־כּוח, וואָס גיט איבער דעם אָריגינעלן גײַסטיקן טעם און אַראָמאַט, דעם קלסתר־פּנים און דאָס פּנימיות פון חסידיזם אין אַלע זײַנע שאַטירונגען און מאָדו־לאַציעס. אַ דאַנק די ביידע וויכטיקע אייגנשאַפטן זײַנע — די אָרגאַניש־

עלעמענטישע פאַרבונדנקייט מיט דער וועלט פון גוטע ייִדן און חסידות, פון איין זײַט, און דעם קינסטלעריש־אינטויִטיוון געשטאַלטיקונג־כוח, פון דער צווייטער זײַט — באַוויזט האַגער צו געבן אונדז די אויסערלעכע קאָנטורן און שטריכן, ווי אויך דאָס אינעווייניקסטע ליכט, דעם אור הגנוז, דעם ניגון פון חסידיזם, דעם עקסטאַטישן און עקזאַלטירטן צמאה נפשי...

האַגערס דערציילונגען — זײַן „מלכות חסידות״, „אין גאולה אומרו״ און אַנדערע — זענען חסידישע סיפּורי מעשיות, וואָס ווערן אַ דאַנק דעם מחברס קינסטלערישע „כלים״ פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנטאַסטישער וואָר און אין אַ בלוט־ און פליישׂ־אַנגעקליידטער פאַנטאַסטיק.

האַגערס כלים:

דער כוח פון זעען און געשטאַלטיקן דעם „חומר״, זײַן פּלאַסטישקייט פון מאָלן און אויסקנעטן געשטאַלטן, און גאָר באַזונדערס: זײַן אייגנאַר־טיקער טאַלאַנט פון אויסכישופן מיט פלאַמיקע פאַרבן און טענער פון אַ דעלאַקרואַ עמאָציאָנעלע און נשמהדיק ־ לײַדנשאַפטלעכע דינאַמיק אויף דער סיפּור המעשהדיקער קאַנווע.

דאָס אינערלעכע ליכט שײַנט אויף אין די געשילדערטע ווונדערלעכע געשטאַלטן פון „מלכות חסידות״, ווי די אומגעריכטע צעשטראַלטקייט אין רעמבראַנדטס בילדער, און די גיבורי־רוח זענען רעאַל־אמתדיק ווי די איבער־דימענסיאָנעלע טיפן פון על גרעקאָס לײַוונטן.

ברוך האַגערס אייגנאַרטיקער אופן פון צייכענען שאַרפע שטריכן זעט זיך אין פיל פון זײַנע שילדערונגען, באַזונדער אַזעלכע ווי: „אַ באַגעג־ניש אין סטרעליסק״, „דאָ וויזשניצע״, „די אייניקלעך״, „די מרידה״ און „דער גירוש״.

אין „אַ באַגעגעניש אין סטרעליסק״ דערזעען מיר די געשטאַלט פון רבין ר׳ אורי, וואָס ווערט אין חסידישע ספרים באַצייכנט ווי „דער שרף״. אָט ווי אַזוי דער מחבר —שילדערנדיק די חסידישע נסים־מעשהדיקייט— באַווײַזט אַליין דעם לעגענדאַרישן נס פון קפיצת הדרך, אַזאַ פאַרכאַפּנדיק בילד אויף אַ דערציילערישן שטח פון נישט קיין גאַנצע 5 זײַטן:

„ר׳ אורי, איידער ער איז צו מאָרגנס געגאַנגען דאַווענען, האָט ער נישט פאַרפעלט אַרויסצולייגן די צוואה אויפן טיש און אָנווײַזן אויף דער פּאָליצע אין אַלמער, ווו עס זענען געלעגן בלעטלעך פון זײַן רבינס כתב־

יד. און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן בכיות אויף קולות. ער געזעגנט זיך מיט זײַן הויזגעזינד ווי אויף תמיד: איך לאָז זיך אויף מלחמה!

„און אַז ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל אין בית-מדרש און ס'האָט ווי אַ לייבן-געברום פון אים אַ ציטער געטון —אדון עולם— איז דער עולם אונטערגעשפרונגען און ער האָט זיך אַ וואָרף געגעבן מיט קולות און געשרייען אַזעלכע, ווי בשעת מען פאַלט אָן אין מלחמה אויף אַ שונא. און ער יאָגט און ער היצט און ס'פאַלן פון זײַן מויל שטיקער פלאַמען זיי אויף די לײַבער. און זיי רײַסן די ציגל פון די ווענט, טאַנצן מיט די שטענדערס איבער די קעפּ און ברעכן אַלץ וואָס ס'קומט זיי אונ- טער די הענט.

„נאָכן דאַוונען איז דאָס בית-מדרש געווען צעבושעוועט, חרוב, און זיי, די סטרעליסקער, זענען געלעגן פאַרמאַטערטע, צעבראָכן אין רוק- און לענד: חיל נאָכן נצחון. אָבער נאָר ביז אויפן צווייטן טאָג. און ווידער שטייט מען אָנגעגורט, און מיט פּריש אָנגעקוואָלענעם אימפּעט און מיט באַנײַטער גבורה".

אין אַ „באַגעגעניש אין סטרעליסק", ווי בכלל אין ברוך האַגערס ש ט אַ ר ק ע ר ע דערציילונגען, קומט צום אויסדרוק אַ קאָנצענטרירט- קייט, אין פלוג — אַ וואָרט-קמצנות און לאַקאָנישקייט פון סטיל. פּאַקטיש, אָבער, איז דאָס אַ רײַכקייט: ווערטער ווי גאָלדענע רענדלעך. מיר דער- זעען „מיט די ביינער" די ג ו ט ע ייִ ד ן , וואָס זייער „כל עצמותי תאמרנו יה" איז נישט געווען קיין פּראַזע, נאָר אַ רעאַלער יש.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם וווּנדערלעך-נסימדיקן עלעמענט פון חסידות און פון האַגערס סטיל אין די בעסטע פון זײַנע דערציילונגען איז „דאָ וויזשניצע" (די זעלבע דערציילונג, מיט אַ קליינעם פינאַל-רעטוש, הייסט „דער מופת" אין בוך „ א י ן ג א ו ל ה א ו מ ר ו":

„ער נעמט גיין; און אין דער צונויפגעקנאָטענער געדיכטעניש שפּאַלט זיך אַ וועג פאַר אים. ער שפּרײַזט און מיט יעדן טריט וואָס ער שטעלט פאַרקילט די לופט אין די העלדזער, גליווערן אײַן הענט און פיס און מען שטייט ווי ביימער פאַרשטאַרצטע און אָנגעטאָענע מיט פראָסט, צו- געוואָרצלט צום אָרט.

„ער גייט איבער דער לענג... הין און קריק... און דאָס פּנים צינדט

זיך און צעברעננט זיך — העליש פײַער. און דורך די אויגן שפּאַלטן זיך אים בליצן...

„ביז פּלוצים, ער האָט אַ שפּאַר געטאָן צו דער שטול, מיט די הענט אַ פּאָכע געטאָן — צעשפּרייט ווי צום פלי, און זיך צעקלונגען אויפן קול:

— „אתה זוכר מעשה עולם —

„און שוין פּאַטשט ער ווי דער ווינט און ער איז אין פלאַם אײַנגע־הילט, ס׳ווערבלט אַ היץ. די ווערטער כאַפּן זיך אָן איינס אינעם אַנדערן, צעפּאַלן זיך ווי פײַערדיקע קוילן און ברענען זיך אײַן אין הויט און ביין.

— „ואתה דורש מעשה כלם —

„קאָלערט עס זיך אין דער לופטן. און ס׳האָט אַ דראָזש אַ יאָג גע־געבן אין די אָדערן, אַ פּחד פאַרצויגן זיך אין די הערצער און אַלעמען אונטערגעבראָכן און אומגעשלײַדערט. און מען ראַנגל׳ט זיך ווי אונטער צעזאָטענע כוואַליעס, ווי פון אַ קעסל־שטראָם אַרויס. ס׳רוישט ווי אין אמתן יום־הדין...

„און ס׳פאַרמישן זיך די גוואַלדן און ס׳פאַרפּלאָנטערן זיך די אײַנ־רײַסענישן מיט די ווידער־קולות, וואָס שלאָגן זיך אָפּ פון די צעשטורעמטע וועלדער... און מיטן געשריי פונעם ברויזנדיקן טשערמוש־טײַך".

די דערציילונג הויכט אויס דעם אַראָמאַט פון דער נסימדיק־מע־שׂהדיקער וועלט, וואָס איז נישט סתם געווען אַ גלויבן אין נסים, נאָר אַ וועלט, אַ רעאַליטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז נס, פון „מלא הארץ כבודו", און גלויבן איז געווען די לופט מיט וועלכער די מענטשן האָבן געאָטעמט.

ווען מען לייענט די שילדערונגען, וואָס זענען פּראַקטיקע מיניאַטור־מאָלערײַען פון דער חסידיש־נשמהדיקער דינאַמיק, קינסטלערישע „דורכפירערס" פון גײַסטיקער עלעקטריע און מאַגנעטיזם, קאָן מע באַ־גרײַפן, ווי אַזוי אַזאַ גײַסטיקער שטראָם האָט געקאָנט אויפלעבן און באַ־נײַען דעם ייִדישן פאָלק־אָרגאַניזם אין קריטישע צײַטן און האָט אָנגע־האַלטן זײַן באַוועגנדיקן כוח אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. „מבשרי אחזה אלהי" — דאָס איז דער בעסטער פּתרון אויף דער גרויסער רעטעניש פון חסידות: פון דעם גוטן ייִד, דעם צדיק, און פון דעם לויטערן חסיד. ווײַל אין ביידע אין געווען די אומגעשטילטע לעכצונג צו געטלעכקייט און

עקזאַלטאַציע; און אַפילו אַן אַגנאָסטיקער און „כופר בעיקר" קאָן זען דאָס געטלעכע אין דעם מיסטישן און דערהויבן־מענטשלעכן.

דער מחבר פון „מ ל כ ו ת ח ס י ד ו ת" און „א י ן ג א ו ־ ל ה א ו מ ר ו" שילדערט אויך דעם טיפּ פון דעם רביישן נסתר, „יורש עצרס" וואָס גייען אַוועק פון דעם „הויף" און ווילן נישט „פּראַ־ווען רביסטווע". אַזעלכער איז ר׳ ברוכל אין דער דערציילונג „דער בן־יחיד":

„ר׳ ברוכל איז מלא פּנימיות. דער קאָך איז בײַ אים אַן אינעווייניקסטער. די פּאַרע שלאָגט נישט אַרויס. און די אהבה צו גאָט און צו מענטשן איז אַ טיף פאַרבאָרגענע...

„און ס׳האָבן העננט זיך געפלאָכטן אין אַ גרויסער שטאַרקער קייט. און ס׳איז ר׳ ברוכל געזעסן אויף דער כסא פון זײַנע אבות אבותיו, אַ פאַרלוירענער, אַ צעבראָכענער, ווי אַ פאַרמשפּטער צו גרויס שטראָף".

די ר׳ ברוכלס, וואָס האָבן באַטראַכט די פירערשאַפט ווי אַן אָפּקומעניש, און ענלעכע ווי ער, וואָס ווילן בלײַבן א י נ ק אָ ג נ י ט אָ, דערמאָנען אין „יושב בסתר עליון, בצל שדי יתלונן", און זיי זענען נישט ווייניקער דערהויבן, ווי די וואָס פ י ר ן ט י ש.

בכלל געפינען זיך אין „מלכות חסידות" אַ סך וואַריאַציעס פון דעם חסידישן נ י ג ו ן , שאַטירונגען און שיטות און דרכים פון די ג ו ט ע י י ד ן : יעדער מיט זײַן ספּעציפישער התנהגות און אָנווענדונג פון דער חסידישער תורה. און דאָס אַלץ איז פאַרקערפּערט אין געשטאַלטן, לעבעדיק־צאַפּלענדיקע מיט גוף און נשמה, אָנהייבנדיק מיט די אידעאַלע און נאָבעלע ביז דעם נאָכלויפנדיקן ערב־רב.

*

ברײַך האַגערס געשטאַלטיקונג פון דער חסידות־וועלט וואָלט נישט געווען גאַנץ, פון דערציילעריש־רעאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אָן די פּגם־טיפּן און טונקעלע כאַראַקטערן.

אין דער דערציילונג „אויף דער קאָטש" זעט מען צוויי חסידים־טיפּן —גבריאל און משה— וואָס האָבן זיך קעגנזײַטיק פײַנט מיט אַ כמעט עשיודיקער רציחה. ס׳דערגייט דערצו אַז משה, אין אַ מאָמענט פון כעס, וואַרפט פאַר גבריאלן בהפרסיה „אַ מעשה מיט אַן אשת־איש"... אַזוי ווײַט

גרייכט די שנאה און די לײדנשאַפט, וואָס זענען נישט־זעלטענע באַזוכערס אויך אין די חסידים־שטיבלעך.

אַ גאָר געלונגענע קינסטלערישע שאַפונג איז „די אייניקלעך״, ווו האַגער שילדערט דעם „הויף״ און באַזונדערס די צוויי „העלדן״ — יאַנקל און שמעון. די כאַראַקטערן פון די צוויי „אייניקלעך״ זענען געשילדערט מיט אַן אויסגעצייכנטער פּלאַסטישער רעליעפקייט — ווי אויסגעגאָסן פון בראָנדז. מען דערזעט די קליינטשיקע רבי׳שע עפּיגאָנען אין גאָר זייער „פּראָזאַ׳ישער״ נאַקעטקייט און אַפילו געפאַלנקייט. בכלל איז האַגערן גע־לונגען איבערצוגעבן די אַטמאָספער פון דעם הויף מיט די צוויי „איב־סטאַנצן״: דער רעכטער פליגל, ווו ס׳הערשט דער אַ ל ט ע ר, און דער לינקער פליגל, ווו ס׳וועלטיקט די אַ ל ט ע. „די אייניקלעך״ איז איינס פון האַגערס בעסטע שאַפונגען.

אַ שטאַרק דראַמאַטישע דערציילונג איז „דער „פּרנס״, ווו ס׳ווערט געשילדערט אַ „יאַגאַ״־טיפּ אין חסידישער פּאַראַפערנאַליע, וואָס קומט אום אין אַ שיל אין רעזולטאַט פון זײַן נידערטרעכטיקער פאַרשווערונג און בלבול אויף דעם מרא דאתרא פון שטעטל און אַ פרום ייִדיש ווײַבל.

*

אין ברוך האַגערס ווערק האָבן מיר די קאָנצענטרירטסטע געשטאַל־טיקונג פון דעם עולם החסידות זינט פּרצעס „חסידיש״.

פּרצעס וווּנדערלעכע געשיכטעס — „אַ גילגול פון אַ ניגון״, „אויב נישט נאָך העכער״ און אַנדערע — גיבן איבער די דערהויבנקייט און דאָס ליכט, וואָס האָט אויסגעשטראַלט פון די צדיקים און חסידים געזען אין דער פּריזמע פון אינטעלעקטואַליזם, הומאָר און סטיליזאַציע.

האַגער, וואָס שטייט נישט אין פּרצעס קינסטלעריש - אינטעלעק־טועלן פאַרנעם, פּראַליפישקייט און דיכטערישער „קוועקזילבערדיקייט״, האָט אָבער אין דעם פאַל „ידו על העליונה״; גראָד אַ דאַנק זײַן באַגרענעצט־קייט צו דער צדיקים־סביבה און חסידישן שטייגער, איז ער מסוגל צו געבן — און ער גיט אונדז — דעם אָריגינעלן קלימאַט, די גײַסטיק־פיזישע לאַנדשאַפט פון דעם מלכות חסידות, וואָס ווערט קינסטלעריש־דיכטעריש רעסטאַווירט פאַר אונדז אין אַ צאָל פון זײַנע דערציילונגען, וואָס פאַר־נעמען אַ חשובן פּלאַץ אין דער ייִדישער פּראָזע.

בנימין שלעווין

בנימין שלעווינס לעצטנס־דערשינענע ראָמאַנען „ליפּע קאַמאַשנמאַכער" (פּאַריז, 1969) און „שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס" (תל־אביב, 1971) — זענען אַ בעלעטריסטישער „קדיש" נאָך אַ רומרײַכער און טראַגישער עפּאָכע פון ייִדישן לעבן אין אייראָפּע.

אין „ליפּע קאַמאַשנמאַכער" מאָלט דער מחבר אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון ייִדישן פאָלקסלעבן און סאָציאַלע באַוועגונגען אין רוסלאַנד און פּוילן. ער שילדערט דעם „בראשית" און די אַנטוויקלונג פון די שטאַרקע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פערמענטירונגען צווישן די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין דער פינצטערער ראַם פון דער ברוטאַלער און דעגענערירטער צאַרישער אימפּעריע. אַזעלכע צײַטן און סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען שאַפן אַ גינסטיקן קלימאַט פאַר משיחיזם — אין דעם פאַל, פאַר אַ וועלטלעכן משיחיזם אין דער פאָרעם פון שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערלייזונג.

שלעווין שאַפט באַלד פון אָנהויב דעם פּסיכאָלאָגישן פּירוש פאַר די געזעלשאַפטלעכע פערמענטן אויף דער ייִדישער גאַס: „נײַע ווינטן האָבן אין די 90קער יאָרן געבלאָזן איבערן ברייטן לאַנד. ס'איז טאַקע נישט געווען צו פאַרשטיין — פון וואַנען האָבן זיי זיך אַראָפּגעיאַוועט אַהער, די אינטעליגענטן, מיט אַזאַ אימפּעט אַרײַנגעוואָרפן זיך אין דער אָרעמער מאַסע, אויפוועקן בײַ זיי הייסע שטרעבונגען, אידעאַלן, אַ גלויבן אין אַ

וועלט פון האָפענונג און דערלייזונג? ווי די וועלט וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, געוואַרט אויף אַ נײַעם משיח...״

ליפּע קאָמאַשנמאַכער איז אַן אַנאָנים־קאָלעקטיווער פּראָטאַגאָניסט, אַ ט י פּ פון דעם יידישן קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס איז אָנגעדייט אַפילו אין זײַן נאָמען. פיל פון די אינדיווידועלע געשטאַלטן אין דעם בוך זענען געצייכנט ווי פיגורן אין בילדער פון מ אַ ס ן ־ ס צ ע ־ נ ע ס און פּייזאַזשן; מע זעט הויפּטזאַכלעך אַ ל ג ע מ יי נ ע ק אָ נ ־ ט ו ר ן, סילועטן, וואָס זענען אַ טייל פון דער מאַסן־פּאַנאָראַמע און גיבן איבער די גרונט־שטימונגען, דעם טאָן און קאָליר, וואָס דער קינסט־לער האָט געוואָלט אַרויסברענגען.

אין דעם ראָמאַן האָבן מיר אַ מאָזאַיִק פון פאַרשיידענע עלעמענטן: רעאַליסטישע שילדערונגען; כראָניק־פּאַסירונגען, הייס און פריש פון דעם זשורנאַליסטישן „אויוון״; לירישע באַטראַכטונגען; אידעאָלאָגישע און פּאָלי־טישע מעדיטאַציעס; פּאָרטרעטן פון געשיכטלעכע און קעגנוואַרט־פיגורן, און אַנדערע.

דער מחבר איז אַ מאָלער, וואָס ווייסט ווי אַזוי, און ער באַווײַזט צו געבן דעם אויטענטישן קאָלאָריט און אַראָמאַט, ווי, למשל, אין אַזאַ בילדל פון דעם היימישן יידישן דלות אין דער שטאָט בײַם טײַך בוג — אַ דלות־בילד, וואָס מע קאָן באַנעמען מיט אַלע חושים:

„די בויט אין די געסלעך בײַם פישמאַרק איז געווען אין לשער. די שויבערדיקע ווײַבער האָבן באַלד פון דער פרי אָן, אויפן ניכטערנעם, מיט ציינלאָזע מײַלער געשאָלטן מיט טויטע קללות איבער די פּאָסנע טעפּ. די מאַנסלײַט, פאַרוואַקסענע, קלענער געוואָרענע, שוואַרץ ווי די ערד, פאַרשטעקט די קעפּ אין די אַקסלען, אין די אויסגעקראָכענע קעלנערלעך, האָבן זיך געקליבן בײַ די פאַרהאַקטע פורטקעס...״

ווי שוין דערמאָנט, זענען אין דעם ראָמאַן פאַראַן עלעמענטן פון דער „רעאַלער ווירקלעכקייט״, אײַנשליסנדיק כמו־פּראָטאָקאָלן פון פאַרשיידענע געשעענישן — היסטאָרישע קאָנגרעסן, מיטינגען... די „רעפּאָרטאַזשן״ זענען טייל מאָל באַהויכט מיט אַ בעלעטריסטישן אָטעם, פונקט ווי פיל דערציילערישע פראַגמענטן און שילדערונגען האָבן אָפּט עפּעס פון דעם זשורנאַליסטישן סתם־באַריכט, אָן דעם בעלעטריסטיש־סקולפּטורישן

ר ע ל י ע ף , וואָס גיט דער פּראָזע־קונסט איר עכטע „מאַרקע״ און טיפע דימענסיע.

דער מחבר קען אָבער און שילדערט גוט דעם קלימאַט און די אַט־מאָספערע פון דעם אינדערוואָכן — דעם „טריאָ״ פון אַרבעט, נויט און פאַרפאָלגונג — און געפינט אויך די אויסדרוק־מיטלען פאַר דעם יום־טובדיקן אין דער וועלט פון זײַנע העלדן. אין די שילדערונגען פון דער פּאָליטישער עמיגראַציע אין דער שווייץ לייענען מיר:

„ס׳איז געווען מוזיק אין זאָגפּטן אַרויסרעדן דאָס וואָרט — „חבר״; דאָס גרויסע געפיל, די אחריות, די ברידערלעכקייט, אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן זיך געקושט... מ׳האָט פאַרברענגט בײַ אַ היימיש גלעזל טיי. יעדער גראָשן איז הייליק... חבר אַלעקסאַנדער האָט, למשל, געפּלעגט צושטעלן אַזאַ מין חשבון: „העמדער וואַשן — 1 פראַנק; טיי מיט צוקער — 50 סאַנטים; ברויט — 30 סאַנטים, מער האָט מען זיך נישט דערלויבט...״

דאָס בוך „ליפע קאַמאַשנמאַכער״ איז אַ היסטאָריש־פּאָליטישער און פּאָעטיש־פּראָזאַישער פילם־מאָנטאַזש, אין וועלכן ס׳שוועבן פאַרבײַ אומ־ציילִיקע בילדער, געשטאַלטן און מאַסן־סצענעס, וואָס זענען אָנגעפּיקעוועט מיט ליריש־עלעגישע מעדיטאַציעס. צום שטאַרקסטן זענען די שילדערונגען פון דעם אַרבעטער־לעבן און פון די טיפע פּלאַסטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן; דער ביטערער אַראָמאַט פון אָרעמקייט; קעמפערס, וואָס זענען גרייט זיך מקריב צו זײַן —און זענען זיך מקריב— על קידוש הרעוואָ־לוציע; און פאַנאַטיקערס און קאַריעריסטן, וואָס זענען גרייט מקריב צו זײַן... יענעם. צווישן די פאַרביקע סצענעס זענען אַזעלכע באַשרײַבונגען ווי „די פּראַגער דינאַסטיעס״ און ענלעכע שילדערונגען פון אַ רויער, ברוטאַלער סביבה פון „שטאַרקע״ אין און אַרום דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין ב. שלעווינס „פילם־מאָנטאַזש״ לויפן פאַרבײַ: די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד; די פּאָליטישע עמיגראַציע אין דער שווייץ; אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלע גאַלעריע פון פּאָליטישע פיגורן; בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־סביבה, אײַנשליסנדיק דעם ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע און אַזוי ווײַטער. באַזונדערס וואַרעם און לעבעדיק איז געשילדערט די וואַר־שעווער יידישע סביבה, ווו די דערהויבענע נשמה־יתירהדיקייט איז קאָנטראַסטירט מיט דעם טונקל פון דער וואָכעדיקער נויט.

„...ס׳איז געווען די שעה פון רחמים, ערב זון־אונטערגאַנג. דער טאָג

שטאַרבט מיט אַ מיתה־בנשיקה. אין דער צײַט, ווען אַרום גאָרטן, אויף דער שוויענטע יערסקע, אויף די באַלעווקעס, אַרום אַ״ע טירן און טויערן שמייען פאַרדאַגהטע יידן וואָס זוכן, נעבעך, אַ גראָשן פרנסה״.

דער מחבר פירט אַריבער זײַן הויפּטהעלד, ליפּע קאַמאַשנמאַכער, דורך דעם שטורעמדיקן „רויטן ים״ פון דער רעוואָלוציע: דורך דעם קאָכעדיקן ווירוואַר פון מאָסקווע אין דעם נאָך־רעוואָלוציאָנערן „האָניק־חודש״ — קאָנגרעסן, דרשות, שפּאַלטונגען, לאָזונגען, קאַמפן און אינטריגעס. ער שיל־דערט „די רעוואָלוציע וואָס עסט־אויף די אייגענע קינדער״, אויך ליפּעס פרוי, די פלאַם־פײַערדיקע רעוואָלוציאָנערין, טײַבעטשקע, וואָס קומט אום, „ווי דער שטייגער״, אויף סטאַליניסטישער פאַרשיקונג. איר טרויעריקער סוף איז ענלעך צום גורל פון אומצייליקע אַנדערע, וואָס זענען באַגאַנגען די טויטזינד פון דענקען „פּריוואַט״, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פיל גרעסער פאַרברעכן ווי פּריוואַט־אייגנטום. דער נעאָ־ביזאַנטינישער מאַכט־האָבער, דער פאַראַנאָישער קאַווקאַזער באַרגרויבער דזשוגאַשווילי־סטאַלין, האָט ליקווידירט די פּריוואַט־ווירטשאַפטן, אָבער ער האָט באַזונדערס ברו־טאַל עוקר־מן־השורש געווען די וואָס האָבן געוואַגט צו בלײַבן בײַ דער פּריוואַטער גײַסטיקער ווירטשאַפט און האָבן נישט געוואָלט זיך אָנשליסן אין דער מאָנאָטאָנער פּאָליטישער קאָלעקטיוויזאַציע, אין דעם גערדאַנקען־קאָלכאָז.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די הויפּט־געשטאַלטן און אַנדערע העלדן פון דעם בוך פאַרמאָגן ווייניק בולטקייט, האָט עס דאָך עפּעס פון אַ בעלעטריסטישן עפּאָכע־באַריכט, אַ סך־הכל פון אַ פאַרגעסענער תקופה, וואָס איז גלײַכצײַטיק אַ לירישער „קדיש״ נאָך איר.

„שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס״ איז שלעווינס צווייטע „קדיש״־וואַריאַציע אויף אַ פאַרשווונדענער וועלט — אַ קאָלירפולע גאַלעריע פון קינסטלערס, בעלי־חלומות, בונטאַרן, באָהעמיאַנערס און אַלערליי פּאָליטישע עמיגראַנטן. מיר זעען דאָ פּאַריז — דעם אייביקן עיר־מקלט פון „אַספּיראַנטן״ אויף די געביטן פון קונסט, ליטעראַטור, פּאָליטיק און סתם אַוואַנטוריסטן; די „שטאָט פון ליכט״, אַרום וועלכער ס׳ברענען זיך אָפּ די פליגלען די „פײַער־פליגן״, וואָס ווערן צוגעצויגן צו איר פאַרבלענדנדיקן גלאַנץ. מאָנפּאַרנאַס, די אַמאָליקע „מעקאַ״ פון די קונסט־דינערס, די קאַפייען: „דאָם״, „קופּאָל״, „ראָטאָנד״; לעגיאָנען קינסטלערס, וואָס האָבן מאַרשירט צום „בינשטאָק״

(„לאַ ריש". די שטאָט אַליין איז אייגנטלעך געווען דער גרויסער „בינ־שטאָק", ווו עס האָבן גערוישט די אינטערנאַציאָנאַלע באָהעמיע־קאָלאָניעס...).

וועגן זשיל ראַסקין, דעם מאָלער, דערציילט דער מחבר, אַז יאָרן לאַנג האָט ער שטאָלץ געהונגערט, געוואַלגערט זיך אין „בינשטאָק", אַרומגעגאַנגען אין אויסגעריבענעם רעקל, פאַרקויפט אַ צייכענונג פאַר אַ טעפּל קאַווע.

מער רעליעף און שאַרף־געצייכנטע שטריכן פאַרמאָגט די פיגור בן־שושנים — דער אַנאַרכיזירנדיקער פּאָעט, קונסט־קריטיקער און קונסט־פאַרמיטלער. ס'איז אַ מענטש מיט אַ נשמה פון אַ קינסטלער, וואָס ווייסט אַ סך, קען פון אַלעם אַ ביסל, צום ווינציקסטן פון אַלץ — פאַרדינען צום לעבן.

„דער מאָנפּאַרנאַס־שאָטן בן־שושנים האָט נאָך דעמאָלט געטראָגן הויך דעם שוואַרצן לייבן־קאָפּ; אַ בלייך אויסגעהונגערט פּנים פון אַן אַסקעט, אַ ישיבה־בחור... געחלומט אין די מאַנסאַרדעס, אונטערגעזינדיקט מיט פוטוריסטישע לידער... געשריבן וועגן די אימפּרעסיאָניסטן"...

אַזוי ווי „ליפּע קאַמאַשנמאַכער", איז אויך „שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס" אַ פילם־מאָנטאַזש פון אַ באַשטימטער קולטור־עפּאָכע, פון פאַרביקע סביבות און שיכטן, פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געדראַפּעט אַרויף צום קינסטלערישן, פּאָליטישן אָדער געזעלשאַפטלעכן „אָלימפּ", אָבער זענען מער־סטנטייל נישט דערגאַנגען. די וואָס זענען יאָ אַרויף, האָבן דאָס אָפט געטון דורך אַראָפּוואַרפן אויפן געדרייטן וועג זייער ביסל באַגאַזש פון אידייען און פּרינציפּן, וואָס האָט זיי באַשווערט דעם גאַנג.

דער מחבר איז אַ גוטער שילדערער פון גרופּן און געשעענישן; ער איז אָבער גלייכצייטיק סאַטיריש אָדער ליריש „אַנגאַזשירט", אַזוי, אַז די מאַסן־מאָלערייען און יחידישע בילדער האָבן אָפט קאַריקאַטוריסטיש־„שאַרזשירטע", אָדער ליריש־מעדיטאַטיווע שטריכן.

פונקט ווי אין דעם ערשטן ווערק, דאָמינירט אויך אין „שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס" אַן אולטראַ־רעאַליזם פון אַריינפירן פאַקטישע פּאַסירונגען (און אַפילו פרישע פון דער כראָניק), אײַנשליסנדיק מער אָדער ווייניקער וויכטיקע ליטעראַריש־קינסטלערישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פיגורן פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. אין די ביידע ווערק איז די פאַנטאַזיע, וואָס איז די קינסטלערישע רעאַליטעט, געמישט מיט דערווירק־

לעכקייט, וואָס גיט צו דעם ווערק אַן עלעמענט פון רעפּאָרטאַזש, כראָניק און אַפילו פּראָטאָקאָל־מעסיקע באַריכטן.

אויף וויפל ס׳גייט וועגן דעם סאַטיריש־קריטיזירנדיקן אַספּעקט, קומט ער בסדר צום אויסדרוק אין די „שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס״ אין די שיל־דערונגען פון באַזונדערע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קאַריעריסטן און גרופּן: „די ,לאַגערן׳ ווערן באַוויגן דורך גאַנץ זײַטיקע אינטערעסן... די אידייען, אידעאָלאָגיעס זענען אין דער אמתן געווען נישט מער ווי אַן אויסרייד... ווי אָפּגעריבן דאָס געשריי: אמת האָט געקלונגען אין זייער אַלעמענס מײַלער מיטן קול פון אַלטע ציניקער״...

וועגן איינעם פון די פּאַרטיי־פירערס שרײַבט דער מחבר:

„אָבער קאָונער, וואָס האָט אָפּגעטומלט אַ לעבן מיט פּראָזן... האָט עס אָבער קלוג פאַרשטאַנען, אַז אַן אַ ביסל ביטערקייט, וועט ער אומקומען... ער האָט יאָ געוווּסט, אַז קיין סענטימענטן עקסיסטירן נישט...״

אין קעגנזאַץ צו די קאָוּנערס און אַנדערע „פּאָליטישענס״ שילדערט שלעווין פאַרשיידענע סימפּאַטישע טיפּן און געשטאַלטן, ווי דאָס קעמפע־רישע יידישע מיידל פון פּוילן, די האַרציקע סאָפי און אַנדערע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער „דעפּענסיווע״ און טורמע קיין פּאַריז און זענען שפּעטער אומגעקומען בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע.

שלעווינס סוויסטשנדיקע סאַטירע דערגייט אַ מאָל צו פאַרביסענער קאַריקאַטור און אַפילו צו פּאַסקוויל, וואָס איז אַ יוצא־דופן אין אַ בעלעט־ריסטיש ווערק. אָבער נישט געקקוט אויף דעם, זענען ביידע ווערק אַ נאָס־טאַלגישער „נאָך אַלעמען״ פון דורות און עפּאָכעס, אַ הספּד אויף וווּנדער־לעכע געשטאַלטן — קעמפערס, טרוימערס און אידעאַליסטן; און אַפילו אַ „קדיש״ אויף די אידעאַלן אַליין, וואָס זענען געוואָרן שפּרינגברעטער פאַר מאַכט־פּאָזיציעס און דעמאַגאָגן, וואָס האָבן אומגעוואָרפן אונטערגעפוילטע טראָנען, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר פּאָטעלן פון דאָגמאַטישע און ענגהאַרציקע ביוראָקראַטן און קאַריעריסטן.

ב. שלעווין איז אַ טאַלאַנטירטער פּראָזאַיקער, אָבער ער ווערט נישט זעלטן געשטרויכלט דורך די צויטן פון „פּראָלעטקונסט״, וואָס שלעפּן זיך אים נאָך פון די אַמאָליקע „סאָציאַלע־באַשטעלונג״ טעאָריעס און שרײַב־„דירעקטיוון״, וואָס האָבן געפירט צו אַ פּראָדוקציע פון טאַנדעטנער, „גע־גריוועטער״ קונסט. אַזאַ שפּעפערישער שרײַבער ווי שלעווין דאַרף זיך

„אָנגורטן״ כדי אויסצוהאַמערן אינדיווידועלע געשטאַלטן־כאַראַקטערן און דערווײַטערן זיך פון סתם־טיפּן, און אַוודאי פון סטערעאָטיפּן.

אַז ער איז פּעיִק צו געלייטערטער קינסטלערישקייט, קאָן מען זען אַפילו בלויז פון דער שטימונג־אָנהויכנדיקער, סימבאָלישער שילדערונג פון דער לוויה פון דעם „מאָנפּאַרנאַס־שאָטן״, בן־שושנים, מיט וועלכער דאָס בוך ענדיקט זיך:

„דער וועג דורך די פאַרשטעט האָט צוריקגעפירט צו די רוישיקע אַרטעריעס, און אין אַ פאַרפּלייצונג פון דער ראָד־באַוועגונג... די רויטע פײַערן אויף יעדן ראָג האָבן פאַרהאַלטן דעם שטראָם. די ליכט־סנאָפּעס האָבן דורכגעשניטן דעם דינעם רעגן. דער וועג האָט געפירט דורך נײַע קוואַרטאַלן, בלאָקן, קאָסטנס, רושטאָוואַניעס. אַלץ איז געפלאָסן ווי נעכטן, ווי אײַערנעכטן, ווי קיין מאָל גאָרנישט״.

דאָס בילד פון טויט, דעם אָפּשטאַרבן פון די לעצטע „שאָטנס״, אויפן הינטערגרונט פון דעם רעגן און דעם פרעמד־קאַלטן און גלײַכגילטיקן אַרום, וואָס פליסט ווײַטער „ווי קיין מאָל גאָרנישט״, איז אַ שטאַרקער און רירנדיקער פינאַל, וואָס רופט זיך איבער אין אונדזער באַוווסטזײַן און עמאָציע ווי אַן אָנווונק, אַז מיר שווימען אויף אונדזער „חלל־שיף״ אין אַ פרעמדן, קאַלטן און מוראדיק־גלײַכגילטיקן אַרום.

משה אײַזענבוד

משה אײַזענבוד, דער ייִדישער פּראָזאַיִקער פֿון אויסטראַליע האָט דעביוטירט אין 1956 מיט זײַן בוך „געלעבט הינטער קראַטן" (נאָוועלע). אין 1965 איז דערשינען זײַן בוך דערציילונגען, „ניעסוויזש" און אין 1970 זײַן דריט פּראָזע־בוך „אַליין אין געזעמל". (אין 1967 איז אַרויס זײַן „נוסח ראַפּאָפּאָרט" — אַ שטודיע וועגן די שאַפֿונגען פֿון דעם אויסגעצייכנטן קריטיקער־עסייִסט).

אין „געלעבט הינטער קראַטן" ווײַזט זיך דער מחבר ווי אַ רײַפֿער פּראָזע־שרײַבער, וואָס שילדערט אין דער פּערזאָן פֿון מיכל, דעם הויפּט־העלד, און אַנדערע געשטאַלטן, די שבעה מדורי רוסלאַנד, די איבערלעבונגען פֿון געיאָגטע און געפּלאָגטע פּליטים, „ביעזשענצעס", וועמעס געראַנגל איז געווען פּאַר איבערלעבן, פּשוט: צו האַלטן זיך אויף די דינע און צעברעכלעכע געלעגנהײַט בריקן איבערן תהום פֿון הונגער, קעלט, קאַטאָרגע־אַרבעט, פֿאַרשיקונג און קראַנקייטן — שוין נאָך דעם ווי זיי זענען מיט נסים אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פֿון די נאַצישע נעגל.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיטן סוף פֿון דער פּוילישער מלוכה אין די סעפּטעמבער־טעג פֿון יאָר 1939 און איז פֿול מיט שאַרף־געצייכנטע קינסטלערישע בילדער פֿון דער איבערגאַנג־צײַט און פֿון דער נײַער ווירקלעכקייט אין די געוועזענע פּוילישע „מזרח־קרעסן" (מערב־אוקראַיִנע און מערב־ווײַסרוסלאַנד). מיר זעען דאָרט די קאָמעדיע פֿון רופֿן די אײַנוווי־

נערס פון דעם ווײַסרוסישן שטעטל, אַז זיי זאָלן באַשליסן צי די געגנט זאָל אײַנגעשלאָסן ווערן אין ראַטן־פאַרבאַנד... מיר זעען אויך די טרויע־ריקע דערשײַנונגען: „אַטשערעדס"; מסירות, אַרעסטן, און זייער ווירקונג אויפן הויפּטהעלד מיכל, אַן אַכצן־יאָריקער בחור, וועמעס שיינער אידעאַל פון דערלייזונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָשמאַר:

„מיר זענען אַלע פּליטים — האָט צולעצט געזאָגט מיכל... איר האָט פאַרלוירן אַ היים... די בענקשאַפט אָבער, די ליבע צו דער דאָזיקער היים, דאָס קען אײַך קיינער נישט צונעמען. מיר האָבן אַ היים, אָבער בײַ אונדז האָט מען צוגענומען דעם גלויבן, די ליבע, די בענקשאַפט נאָכן פּשוטן מענטשן"...

אָט ווי פּשוט, איבערצײַגנדיק, אין עטלעכע קורצע זאַצן, דער מחבר שאַפט פאַר אונדז אַ בילד פון מיכלס אינערלעכער „רעוואָלוציע" און זײַן פאַרלירן דעם גלויבן אין די אויסלייזערס און אַפילו אין דער אויסלייזונג גופא.

אײַזענבוד איז אַ שרײַבער מיט אַ קאָנדענסירטן, מוסקולערן סטיל: קורצער, אויסדרוקפולער זאָג, מיט די דרײַ חן־פּינטעלעך... צום סוף, וואָס זענען גראַפישע ווונקען: „ס'רעדט אָן ווערטער". אָט, למשל, ווי וועגן דעם דאָרפישן „שייגעץ" סאַשע: „קיין קאָמפּלעקסן פרעסן אים נישט... ווי אַ פויגל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטײַג, ווייס ער נישט, ווי גוט ס'איז אַ פלי צו טון אין די הויכן, אַ פאַרמעסט טון זיך מיטן ווינט... ער פאַרשטייט נישט, אַז ס'איז זיסער דאָס קערנדל געפינען אין מיסט, איידער פאַרטיקערהייט אַרײַנגעלייגט אין שטײַג"...

די און אַנדערע שילדערונגען: אַ קאָליריפולע פילם-לענטע מיט קאָ־מישע און טראַגישע בצמצומדיקע סצענעס און עפּיזאָדן פון דער ביזאַ־ר'ער נײַער ווירקלעכקייט אין די געוועזענע פוילישע ראַנדגעביטן אונטערן „האַמער און סערפּ", נאָך דעם ווי די „ביעזשענצעס" זענען געראַטעוועט געוואָרן פון דעם מוראדיקן געשפּענסט — דעם האַקנקרייץ... מיר זעען דעם העלד (אַ העלד אויך אין זין פון אויסהאַלטן...) מיכל אויפן פאָן פון דעם בהלהדיקן געלויף צום מזרח, נאָך דעם ווי נאַצי־דײַטשלאַנד איז איבער־געפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען „קלאַנגען, אייגער גוזמאדיקער פון צוויטן, ווי מיטאָלאָגישע חיות, וואָס יעדער קאָפּ זאָגט עפּעס אַנדערש, האָט ווער פאַרשפּרייט אין שטאָט".

נישט ווייניקער שאַרף און פּיל־זאָגנדיק מיט „קאַרגע" ווערטער זע־נען די שילדערונגען פון אַנדערע פּליטים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון נאַציִשן פייער אין מיטל־אַזיאַטישן זומפּ, ווו זיי האָבן נישט בלויז „געגעסן קדחת", נאָר אויך דאָס קדחת האָט זיי געגעסן. שווערע האַרעוואַניע ביי אַ לײַכטן (און לויזן) מאָגן; פּאַראַזיטן, היץ און קעלט, קרוע־בלוע־קאָסטיו־מען און פאַרצווייפלונג. מיכל קאָן מער נישט אויסהאַלטן אין זײַן צערי־סענעם און אָפּגעפליקטן „הולך" ביי דער שווערער אַרבעט אין די פּראָסט־אײַנגעהילטע אוזבעקיסטאַנער בערג, אין די גרובנס, און ער וויל מער נישט אַרבעטן, אויב ער וועט נישט קריגן קיין מלבושים. קומט ער אויף „קעסט" אין אַן אוראַלער „אַרבעט־לאַגער".

אָט ווי אַזוי משה אײַזענבוד דערציילט פונעם סיסטעם און דער ווירק־לעכקייט פון צוואַנגאַרבעט:

„ביי שטיינער האַקן האָבן אין צאַרישן רוסלאַנד געאַרבעט קאַ־טאָרזשניקעס מיט קייטן צוגעשמידט צו די טאַטשקעס און אויפזעערס מיט נאַהייקעס, דורכגעפלאָכטן מיט בליי, האָבן אָנגעטריבן. די צייט פון פּרי־מיטיווע צאַרישע מעטאָדן איז פאַרביי. מיר אַרבעטן הײַנט מיט מאַשי־נעס — נאָר דאָס געזעץ, וואָס שמידט צו דעם מענטש צום אײַזערנעם וואַגאָנדל, איז פּיל שטאַרקער ווי די אַמאָליקע קייט"...

וועגן דער גלײַכגילטיקייט, וואָס מיכל האָט געפילט ביי זײַן פּראָצעס, זאָגט דער מחבר, אַז דאָס איז געווען די „אַנעסטעזיע, וואָס דאָס לעבן האָט אים אײַנגעגעבן, ער זאָל נישט אָפּפילן דעם צושטאַנד... אַ פאַרגליי־ווערטקייט, וואָס באַגרענעצט די גײַסטיקע פונקציעס... און רעזערווירט זיי פאַר דער צײַט, ווען זיי וועלן נייטיק זײַן"...

גאָר געלונגען שילדערט אײַזענבוד דאָס לאַגער־לעבן „ווי אַ מעכאַ־ניזם, ווו אַנשטאָט צאָנרעדער און קאָלבעס באַוועגן זיך לעבעדיקע מענ־טשן, און די באַוועגונג פון איין בריגאַדע איז אַרײַנגעפּאַסט אין דער צווייטער"...

אין „געלעבט הינטער גראַטן" האָבן מיר נישט קיין „שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט", נאָר פאַקטיש די ווירקלעכקייט — אַ פּאַנאָראַמע פון גע־יאָגטע און פאַרצווייפלטע העלדן אויפן הינטערגרונט פון קריג, עוואַקואַ־ציעס, דעמאַגאָגיע, ביוראָקראַטיע, פּאָפּיקע און ברויט־חלומות און נע־

ונד. און דאָס אַלץ איז געצייכנט מיט אַ זיכערער האַנט און אַ שאַרף אויג פון אַ מאָלער-דערציילער. דאָס בוך איז אָן ספק איינס פון די בעסטע פון דעם מין.

*

אין „ניעסוויזש" שילדערט דער מחבר זיין געבוירן-שטעטל אין ווייסרוסלאַנד, וואָס איז ביז צום צווייטן וועלטקריג געווען אונטער דער מאַכט פון „ווייסן אָדלער". אַ שלל מיט טיפּן און געשטאַלטן, אָנהויבנדיק פון די „יאַטלעך", די קליינע „וואָיאַווניקעס", וואָס פלעגן פראַווען פאַר-שיידענע „קונדסישע" שטיק, אָבער האָבן אַ מאָל אויך אויסגענוצט זייערע איינפאַלן און הפקרות פאַר קולטור-צוועקן, ווי די מעשה מיט אָפּראַטע-ווען די העברעיִשע ביכער פון דער געשלאָסענער „תרבות"-ביבליאָטעק זי זאָל נישט צעשטערט ווערן פון דער נייער מאַכט.

די אָריגינעלע אַטמאָספער און דער לאָקאַלער קאָלאָריט ווערן אויס-געדריקט אין שילדערונגען פון דעם יידישן לעבן-שטייגער אין ניעס-וויזש און די אַרומיקע שטעטלעך, ווי אין דעם אַמאָל-באַרימטן מיר, ווו די איינציקע אינדוסטריע איז געווען — פרומקייט און תורה-לערנען. „אַפילו נחום עליע קאָגאַן — דער בונדישער אָראַטאָר... — איז אויך גע-ווען אַ געזעלן ביי אַ סופר"...

מען זעט דאָרט אַזעלכע טייערע, אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן, ווי יאַנקל דער שמיד, דעם עסקן און שטיצער פון דער יידישער שול און לי-טעראַטור, וואָס איז בכלל געווען אַ זעלטענער אידעאַליסט און פלעגט „באָרגן" געלט די אָרעמע פויערן.

אין דעם בוך ווערן אויך אינטערעסאַנט געשילדערט עפּיזאָדן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פעריאָד פון 1905: ווי אַזוי דער ניעסוויזשער קאָ-מיטעט פון „בונד" האָט מיט אַ פאַרטל אַרויסגעקריגן געווער פון דעם אַרסענאַל אין דעם שטעטל, און ווי אַזוי אַ טייל פון די באַטייליקטע זענען שפּעטער געגאַנגען אויף צאַרישער פאַרשיקונג צוליב דער „לאַנגער צונג" פון אַ שטעטלדיקן פריזיער.

„ניעסוויזש" איז געשריבן אין אייזענבודס כאַראַקטעריסטישן קאָנ-צענטרירטן, הומאָרפולן סטיל, מיט טרעפלעכע מעטאַפאָרן, אין אַ לעבע-דיקן און פליסיקן לשון. סענטימענטאַלקייט און „ווייבערישער מענה-לשון"

זענען „טאַבו" פאַרן מחבר. אָבער דאָך אַנט מען דעם פינקל פון אַ פאַרבאָר־גענער טרער, פון אַ טראַגישן ליריזם, באַזונדערס אין דער שילדערונג פון די טײַערע „יאַטלעך" און די רעאַליסטיש־געשילדערטע געשטאַלטן.

מיט דעם בוך האָט משה אײַזענבוד נישט „געשטעלט אַ מצבה" אויף זײַן אומפאַרגעסלעכן שטעטל ניעסוויזש; ער האָט עס מחיה־מתים געווען.

*

„אַליין אין געזעמל" איז אַ זאַמלונג דערציילונגען פון אויסטראַליע, פון די מלחמה־יאָרן אין רוסלאַנד און שפּעטער אין די דײַטשישע „די. פּי."־לאַגערן.

פון די אויסטראַלישע דערציילונגען זענען געלונגען: „פּ. מ. דזשאַנס לייטער" (אַ פאַבריקאַנט, אַ קליידל־יעגער פאַלט דורך בײַם אָנטרעפן זיך אויף אַ ראַפינירטער אַרבעטערין) און „אין אַ באָרדינג־הויז", וואָס גיט איבער דעם אויסטראַלישן פיזיש־גײַסטיקן קלימאַט. אויך אין אַנדערע דערציילונגען זענען פאַראַן גוטע שילדערונגען, אָבער אָן דער טאָן־געבנדי־קער פּוענטע און איבערצײַגנדיקער כאַראַקטער־מאָדעלירונג.

באַזונדערס געראָטן זענען די קאָמישע מאָמענטן אין „אַ מעשה מיט אַ מיידל", ווו אַ יונגער מאַן פאַרליבט זיך אין אַ שיינהײַט, וואָס ווײַזט זיך אַרויס צו זײַן אַ בילד. גראָד אין אַ דערציילונג מיט אַזאַ גראָטעסק־קאָמישן פינאַל, טרעפן מיר זיך אָן אויף אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע אָבסער־וואַציעס און רעפלעקסיעס וועגן דער פאַרהעלטעניש און ווירקונג פון דער מאַסע צום יחיד.

אַ צווייטע קאָמישע געשיכטע מיט אַ שלום־עליכמדיקן פינאַל איז „אין דאָרף דאַלמיאַטשין". ס'איז אַ ישוב אין אַ פאַרוואָרפענעם אוראַלער העק, ווו אַ ייִדישער פּליט פון פּוילן ווערט פאַרוואָגלט, און ווי אַזוי ער ווערט אָפּגעראַטעוועט פון דער שקלאַפן־אַרבעט אין ווינטערדיקן וואַלד דורך ווערן אַ שנײַדער פאַר דעם אויפזעערס ווײַב, פאַר וועלכער ער נייט נישט בלויז אַ קאַסטיום, נאָר אויך אַ... ביוסטן־האַלטער לויטן „מאָדעל" פון אַ יאַרמלקע.

„איינער אַ מיליאָנער" איז אַ כאַראַקטעריסטישע שילדערונג פון אַ יונגן ייִדישן פּליט, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַן אוזבעקישן מקום, ווו ער ווערט אַ וועכטער מיט אַ „ביקס" אַרום אַ גרויסן תבואה־זאַפּאַס.

מיט זײַן פאַרראָסטע שברי־כלי איז ער אַ סטראַשידלע פאַר צוויי־פּי־סיקע הונגעריקע... אַנשטאָט אַ היטער ווערט ער געצוווּנגען צו ווערן אַ פאַרקויפער פון דער תבואה וואָס ער היט. ער ווערט צום סוף נעלם צו־זאַמען מיט דודל „באַיטאַר", דעם מנובל, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט אים. אייזענבוד ברענגט אויך רעפּאָרטאַזשן מיט דערציילערישע אַספּעקטן וועגן לאַגער־לעבן נאָכן קריג, ווי ס׳איז, זײַט־בײַ־זײַט מיט אָנשטענ־דיקע עלעמענטן, אויך געווען אַ „וועלטל" פון כוח־גייערס און אַפּעריסטן, וועלכע ער צייכנט ראַעליסטיש־לעבעדיק.

*

משה אײַזענבוד איז אַ גוטער פּראָזע־שרײַבער, וואָס באַזיצט עכטע דערציילערישע „אינסטרומענטן": לעבעדיקייט פון צייכענונג, אייגנאַרטיקע מעטאַפאָרעס, אַ קרעפּטיקן סטיל און קאָנצענטרירטע שפּראַך. באַזונדערס שטאַרק און עכט זענען זײַנע שילדערונגען פון לאַנדשאַפט, דער עמאָ־ציאָנעלער „עקס־רעי" פון געשלעכטלעכער תאווה, פון מין־באַהעפטונג. ער איז נישט קיין סעקספּלאָאַטאַטאָר ווי אַ סך מאָדערנע נודנע שרײַבערי־שע „נודיסטן".

משה אײַזענבוד באַזיצט אין זײַן שרײַבן פאָלקסטימלעכע חכמה צו־זאַמען מיט אַ יחידישן געשטאַלטיקונג־כוח. וואָס אים פעלט איז: אַ פאַר־טיפטע דימענסיע, אַ פּאָעטישע ווייכקייט, וואָס מוז נישט זײַן סענטימענ־טאַל, און ס׳פעלט אים געשטאַלטיקונג פון אינטעלעקטועלע, נשמהדיקע לאַנדשאַפטן.

ער דאַרף אויך „אויסזיפּן" זײַן ליטעראַריש מעל פון די וווּלגאַרע פלעווּעס און לײַטערן עס פון דער בולטער טענדענץ צום סתם רעפּאָרטאַזש־מעסיקן, ווי בכלל פון דער דורכשניטלעכער „מעסיקייט".

ג

לעאָ קעניג

יהושע ראַפּאָפּאָרט

לעאָ קעניג:
דער עסטעט און אַפּיקורסישער עסייִסט

דער טויט איז אָפט אַ געלעגנהײַט ווען עס ווערט לעבעדיק אַרום דעם נאָמען פֿון אַ שרײַבער, וועגן וועלכן ס׳איז אַלע מאָל געווען טויט־שטיל בײַם לעבן.

דער טויט פֿון דעם עסייִסט און קריטיקער לעאָ קעניג (געשטאָרבן אין 1970, אין ישראל) האָט אויך נישט געשטערט די רו, מיטן אויסנעם פֿון אַ פּאָלעמיק וועגן זײַן „דאָס בוך פֿון לעסטערונגען״. זיכער איז דאָרט פֿאַראַן פֿיל נעגאַטיווס, אָבער ס׳איז אויך אמת, אַז נישט אַלץ איז דאָרט „טריפה״.

הכל תלוי במזל... אַלץ איז אָפּהענגיק אין מזל —אָדער גוטן צופֿאַל— אַפֿילו דער שרײַבער און דאָס בוך.

אין לעאָ קעניגס פֿאַל איז דאָס „מזל״ —אָדער שלימזל— געווען וואָס ער האָט געלעבט אַ ביסל אין אַ זײַט פֿון אַ ליטעראַרישן און פֿאָלקסטימלעכן צענטער.

אָבער דאָס איז נישט די הויפּט־סיבה פֿון זײַן פֿאַרשוויגן ווערן.

לעאָ קעניג, וועמעס אייגנטלעכער נאָמען איז געווען א ר י ה י פ ה, איז געווען אַן עסטעט, אַ דינער פֿון שיינקייט־אידעאַל. ער האָט זיך געהאַלטן ווײַט פֿון „קולטור־טרעגעריי״ און פֿון אַנדערע „פּאָפּולערע״ טעטיקייטן, וואָס זענען „היוון״ פֿאַר באַרימטקייט.

ס׳איז אָבער מעגלעך, אַז נישט בלויז האָט ער זיך באַוווּסטזיניק געשטעלט אין שאָטן, און געווען —אָביעקטיוו גענומען— אַ ביסל אין אַ

זײַט פון ייִדישן מאָסן־לעבן, נאָר ער האָט אויך געליטן צוליב זײַן קריטישער „עזות״, די דרייסטקייט צו האָבן אַן אומפּאָפּולערע מיינונג.

אַזאַ דרייסטקייט איז, וואָס אַן אמת, נישט שטראָפלעך אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, אָבער קיין סגולה פאַרן שרײַבער — סײַ פאַר זײַן עולם הזה און סײַ פאַר עולם הבא — איז עס אויך נישט.

דאָס איז טאַקע באַשטעטיקט געוואָרן לעצטנס מיט דער שטילקייט אַרום לעאָ קעניגס טויט, וואָס האָט נישט אויפגעלעבט זײַן נאָמען, ווי עס פּאַסירט אָפט. זײַן פאַרזינקען אין די וואַסערן פון דער אייביקייט האָט נישט אַרויסגערופן קיין ווירבל־קרײַזן אויף דער אויבערפלאַך, מיטן אויסנעם פון אַ פּאָר ווערטער דאָ און דאָרט.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז לעאָ קעניג איז קוואַנטיטאַטיוו געווען אַ פּרוכטיקער שרײַבער, באַזונדערס ווען מ׳נעמט אין באַטראַכט זײַן לאַנג לעבן (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 81 יאָר).

ער האָט אָנגעהויבן מיט דערציילונגען און, שפּעטער, מיט אַרטיקלען אויף פּובליציסטישע, ליטעראַרישע און קונסט־טעמעס. קעניג האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן אַרטיקלען פאַר דער זונטיק־בײַלאַגע פאַר ליטעראַטור און קונסט פון „פאָרווערטס״, ווען זי איז אײַנגעפירט געוואָרן אין יאָר 1928.

ער האָט פאַרעפנטלעכט מאָנאָגראַפיעס וועגן די אימפּרעסיאָניסטישע מאָלערס מאַקס ליבערמאַן און קאַמיל פּיסאַראָ (פאַרלאַג „על טריאַנגל״, פּאַריז, 1927). ער האָט אויך רעדאַקטירט אַ חודש־זשורנאַל, „רענעסאַנס״, פאַר ליטעראַטור און קונסט, פון וועלכן עס זענען דערשינען אַכט נומערן אין לאָנדאָן, אין יאָר 1920.

אַ וויכטיק ליטעראַטור־קריטיש ווערק איז קעניגס „שרײַבערס און ווערק״ (עטיודן און שטריכן), וואָס איז דערשינען אין ווילנער קלעצקין־פאַרלאַג אין 1929. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן, אין 1933, אַ בוך מיטן נאָמען „ווו האַלטן מיר אין דער וועלט?״ (שטודיעס וועגן נאַציאָנאַלער היגיענע), אין וועלכן עס קומען צום אויסדרוק די אידייען פון אַ נאַציאָנאַלן דענקער און פּובליציסט אין אָנבליק פון אויפשוווּנג פון דער גיפטיקער היטלער־כוואַליע.

אַרום דעם יאָר 1938 איז אויך דערשינען לעאָ קעניגס אַ בוך אין

פאַרלאַג „אות", אין לאָדזש, ווי איך גלויב, איז עס אויך אויף אַ נאַציאָ־נאַל־געזעלשאַפטלעכער טעמע.

„פאָלק און ליטעראַטור" — פינף לעקציעס וועגן די הויפּט־שטרעמונ־גען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וואָס קעניג האָט געהאַלטן אין לאָנדאָן — איז אַרויס אין דרוק אין 1947, אין 1948 איז דערשינען זיין „בוך פון לעסטערונגען", וואָס איז אַליין „געלעסטערט" און אַרונטערגע־ריסן געוואָרן דורך יידישע קריטיקערס און רעצענזענטן.

אין העברעיש איז אויך אַרויס זיין בוך „יהודים באמנות החדשה" (תל־אביב, תשכ"ב) — אַ וויכטיק ווערק מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן גרויסע יידישע קינסטלער, איינשליסנדיק אַזעלכע וועלט־נעמען, ווי: קאַמיל פּי־סאַראָ, יוסף איזראַעלס, אַמאַדעאָ מאָדיליאַני, מאַרק שאַגאַל, יאַנקל אַד־לער, חיים סוטין און אַנדערע.

אַוודאי, פון ריין־קוואַנטיטאַטיוון שטאַנדפּונקט איז דאָס נישט קיין גוואַלדיק ליטעראַריש גערעטעניש. פון דעסטוועגן דאַרף מען נישט איג־נאָרירן זיין וויכטיקן ליטעראַטור־קריטישן צושטייער צום יידיש־אוצר און אויך נישט דעם קונסט־קריטישן צושטייער.

אין „שרייבער און ווערק" געפינען זיך עסייען וועגן אַ צאָל באַרימטע שרייבערס פון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור: לאָרד בייר־ראָן, טאָמאַס האַרדי, אָסקאַר וואַילד און דזשעק לאָנדאָן; אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שרייבערס: מענדעלע, אַברהם רייזען, משה נאַדיר און אַנ־דערע, ווי אויך עסייען וועגן אַלגעמיינע ליטעראַרישע פּראָבלעמען.

אין דעם בוך באַניצט לעאָ קעניג דעם ליטעראַרישן פּאַראַלעל־מעטאָד צווישן פאַרשיידענע שרייבערס און קינסטלערס אין אַזעלכע עסייען ווי: „אַנאַטאָל פראַנס און י. ל. פּרץ"; „שלום עליכם און מאַרק שאַגאַל"; „באָמ־בערג און יהואש", און אַנד'.

אין „שרייבערס און ווערק" דערשיינט פאַר אונדז אַ ליטעראַטור־קענער, וואָס איז אויך אַ קאָנער — אַן אָפּשאַצער, וואָס קאָן אַליין שרייבן. די הויפּט־מעלה זיינע איז די אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז אַן אומבאַדינגט נייטיקע אייגנשאַפט ביי אַ קריטיקער.

זיין קורצע עסיי „אונדזער ליטעראַטור־קריטיקער", הויבט לעאָ קע־ניג אָן מיט דעם זאַץ: „די נייע יידישע ליטעראַטור וואַרט נאָך אַלץ אויף

איר קריטיקער״. ער האַלט, אַז אַן עכטן טעמפּעראַמענט פון אַ קריטיקער האָט געהאַט דוד פרישמאַן:

„ער איז געווען געבוירן קינסטלער, געבוירן פּאָעט דערצו. זײַן „תוהו ובוהו״ איז געווען אַן עכט-קריטיש ווערק און אַן אמתער „לענדמאַרק״, אַ וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור און ווײַניקער דירעקט אויך אין דער ייִדישער.

„דוד פרישמאַן האָט געקאָנט מאַכן גרויסע געוואַגטע פעלערן, וועלכע באַצייכענען אויך דעם קריטיקער. ער האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַרן שרײַבער, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן: ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר אָנגענומענע מיינונגען וועגן דיכטער און שרײַבער, ווי גרויס זיי זענען געווען״.

וועגן בעל מחשבותן שרײַבט לעאָ קעניג, אַז ער איז געווען אַ פֿײַנער ליטעראַרישער פּעליעטאָניסט, אַ טאַלאַנטירטער שרײַבער, אָבער נישט קיין קריטיקער.

ער האַלט אויך, אַז:

„נישט קיין ליטעראַטור-קריטיקער איז געווען שמואל ניגער, כאָטש ער טראָגט זייער ווירדיק דעם שווערן פאַראַנטוואָרטלעכן מאַנטל. ש. ניגער... איז פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אומגעפער דאָס וואָס רש״י איז געווען פאַרן חומש: אַ געטרײַער קאָמענטאַטאָר, אָבער נישט קיין קריטיקער. ניגער האָט דעם טעמפּעראַמענט און סטיל פון אַ געלערנטן בעל-מפרש און נישט דעם בליציקן סאַרקאַזם פון אַ קריטיקער. ניגער לייענט זיך שווער און... אמתע קריטיק דאַרף זיך נאָך בעסער לייענען ווי נאָוועלן״.

לעאָ קעניג מיינט, אַז ניגער איז געווען צו געטרײַ, צו ערנהאַפט, און דערצו האָט ער אַזאַ טעאָרעטיש-וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיוויטעט, וועלכע פּאַסט זיך מער פאַר אַ ליטעראַטור-פאָרשער און היסטאָריקער ווי פאַר אַ קריטיקער.

שוין אין 1929 האָט לעאָ קעניג דערפילט, אַז ייִדיש און דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור דראָעט אַ געפאַר פאַרהייליקט צו ווערן, קאַנאָניזירט צו ווערן — „דערפאַר האָבן מיר אַנשטאָט ליטעראַטור-קריטיק אַממייסטן ליטעראַטור-פּאַטריאָטיזם און ליטעראַרישע קאָמענטאַרן״.

דאָס זענען זייער אַפּיקורסישע געדאַנקען, פאַר וועלכע מען קאָן זיך אײַנקויפן נישט קיין חברים, נאָר שונאים.

הגם לעאָ קעניג איז פּאַקטיש נישט געווען קיין געשווירענער לעס־טערער פון ליטעראַרישע הייליקטימער, ווי דאָס איז צו זען פון זײַן באַציִונג צו מענדעלען, שלום עליכמען, שלום אַשן און אַנדערע, איז ער אָבער נישט געווען קיין „ברוך הוא וברוך שמו"־זאָגער. ער איז נישט באַגײַס־טערט געוואָרן פון גלאַנציקע ליטעראַרישע פּאַסאַדעס און האָט אָנגעוויזן ווו די געבײַדעס וואַקלען זיך.

אין זײַן עסיי „ווו איז אָפּאַטאָשו?" (וועגן זײַן ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער"), באַמערקט ער, אַז ווען מיר קוקן אויף דעם בוך נאָר ווי מען דאַרף קוקן אויף אַ ליטעראַריש ווערק, און אויסשליסלעך פון אַ קינסטלע־רישן שטאַנדפּונקט, וואָלט זײַן בײַער ראָמאַן נישט אַזוי באַזונגען און געפּײַערט געוואָרן.

לעאָ קעניג האַלט, אַז אָפּאַטאָשו איז „מער משכיל ווי קינסטלער; ער איז מער חסיד, ווי שאַפער".

„נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעלייענט דעם ראָמאַן, האָב איך גע־האַט דאָס געפיל, (ווי) איינער וואָלט געשטאַנען לעבן גרויסע טעאַטראַלע דעקאָראַציעס, פּרווט זיי צונויפשטעלן, אָבער זיי וואַקלען זיך גרויס און אומגעלומפּערט: אַט, אַט פאַלן זיי אײַן... און אַט זענען זיי, ענדלעך, צונויפגעשטעלט מיט כמה צרות. אָבער דאָך נישט קיין מאָנומענטאַלע פיגורן, וואָס גיבן נישט קיין גאַנץ, איינהײַטלעך בילד, נאָר גרויסע לײַוונטן מיט טעאַטראַלע קאָנטורן און עפעקטן".

קעניגס ליטעראַרישע משפּטים זענען אָפט אילוסטראַציעס פון זײַן אומפּרעטענציעזן צוגאַנג צו דעם געביט פון קינסטלערישן וועגן און מעסטן — אַז דער קריטיקער איז נישט אומפעלבאַר.

דאָס קומט צום אויסדרוק אין זײַן איבערשאַצונג פון אברהם רייזענען און אין זײַן אונטערשאַצונג פון דוד בערגעלסאָנען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער „דעשיפרירט" ריכטיק אַ טייל פון זייערע שטריכן — ווי פּערזענלעכקייטן און שרײַבער.

אין אַלגעמיין ווײַזט זיך לעאָ קעניג אין דעם בוך עסייען ווי אַ פּאַרשטייער פון ליטעראַטור און קונסט, וואָס קאָן אויסשיילן און אַנטפּלעקן אַ שעפערישן פּאָרטרעט פון אונטער אַ שרײַבערס סטיל־קאָמופלאַזשן. ער איז געווען אַ פּאַרשייטער און נישט קיין פּרעטענציעזער פּאַרשטייער.

לעאָ קעניג האָט געהאַט די פעיִקייט „אָנצוקליידן" זײַנע געדאַנקען אין פאַרביק־צוציענדיקע פאַרבן:

„קריטיק איז דער כוח, וואָס שאַפט ברעכנדיק".

„קונסט לשם קונסט קלינגט שוין אַזוי ברכה־לבטלהדיק ווי שמינקע לשם שמינקע".

„דער פסעוודאָנים משה נאַדיר איז אַ ברכה און אַ קללה צוזאַמען... ווי אַ מעשענע לצים־קרוין מיט גלעקלעך שווערט ער אויף דעם קאָפּ, וואָס אין אים וואַרפן זיך אָפּט דורך גלענצנדיקע געדאַנקען און בילדלעך"...

אַזעלכע און אַנדערע געלונגענע כאַראַקטעריזאַציעס ווײַזן, אַז לעאָ קעניג איז געווען אַ קריטיקער־עסייִסט, וואָס האָט געהאַט דעם עסטע־טישן חוש פאַר אויפנעמען שיינקייט און אָריגינאַליטעט, און אויך געהאַט דעם כוח צו געשטאַלטיקן זײַנע אײַנדרוקן.

*

ווען לעאָ קעניגס „דאָס בוך פון לעסטערונגען" איז דערשינען, דרײַ יאָר נאָך דעם צווייטן וועלטקריג, האָט דער מחבר באַקומען שאַרפע „אָפּשניטן" אין דער יִדישער פּרעסע. אָנגעזעעענע רעצענזענטן האָבן גע־מאַכט אַש אין שטויב פון דעם בוך. זיי האָבן געענטפערט מיט לעסטערונ־גען אויף דעם שרײַבער און אויף זײַן „ספר הגידופים".

דאָס האָט אויך געטאָן, נאָך קעניגס טויט, יעקב גלאַטשטיין אין אַ „הספד"־אַרטיקל, אין אַ פּאָלעמיק מיט מלך ראַוויטשן, וואָס האָט מיט רעכט אָנגעוויזן אויף דער עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן לעאָ קעניגן, באַזונדערס נאָך זײַן טויט.

דער „ספר הגידופים" — נישט קוקנדיק אויף אַ טייל גרילצנדיקע און אומטאַקטישע אויסבראָכן — קומט אָבער דאָך פון אַן ערנסטן שרײַבער מיט אַן אייגענעם קולטור־קריטישן אײַנשטעל און מיט אַן אויפריכטיקן און דרייסטן טאָן. אַ סך איז טאַקע איבערגעטריבן און פּײַנלעך־אומטאַקטיש. דאָס בוך איז דערשינען בערך אין דער צײַט פון דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל, קורץ נאָך דעם שרעקלעכן יִדישן חורבן. און אויב „מען טאָר נישט טרייסטן קיין אבל, ווען דער מת ליגט נאָך פאַר אים", האָט מען דאָך אַוודאי נישט געטאָרט צערייצן די אבלים קורץ נאָך דער טראַגע־דיע. פון דעסטוועגן זענען לעאָ קעניגס לעסטערונגען זיכער נישט „כולו

חיבֿ". דאָס זענען ווי־געשרייען פֿון אַ ייִדישן דענקער און עסטעט, וואָס האָט נישט פֿאַרלוירן זײַן ראַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו געשיכטע, קולטור און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אַפֿילו אין אַן עמאָציאָנעלן צושטאַנד און אין אַ פּאַטעטישן סטיל.

יעדנפֿאַלס פֿאַרדינט לעאָ קעניגס בוך מער ווי „קאָנטער־לעסטערונ־גען". מען קאָן און מען דאַרף זיך אויסטענהן וועגן דעם אינהאַלט און סטיל פֿון דעם „בוך פֿון לעסטערונגען". זיכער זענען דאָס נישט קיין סתם־לעסטערונגען, נאָר שטאַרק דורכגעפֿילטע געדאַנקען און אינטעלעקטועל באַהויכטע עמאָציעס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ טייל אויסדרוקן זענען אומאָנגענעם און אומגעשמאַק.

לעאָ קעניג שרײַבט אין ערשטן קאַפּיטל פֿון דעם בוך („מײַן ייִדיש־קייט"), אַז ער האָט ליב די מאָדערנע ייִדישע (און העברעיִשע) ליטעראַ־טור צוליב איר „גויִישקייט". ער באַוואָרנט זיך אָבער, אַז מיט דעם מיינט ער נישט אַסימילאַטאָרישקייט, וואָס איז, לויט אים, כאַראַקטעריסטיש־ייִדיש און איז געוואָרן אַ מין „ייִדישקייט". ער האַלט, אַז „מענדעלע, שלום עליכם, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, ווײַסענבערג, מ. ל. האַלפּערן און נאָך אַ פּאָר זענען אפֿשר בעסערע גויִים און געזינטערע מענטשן ווי די גאַנצע און די האַלב־אַסימילירטע ייִדן, שרײַבערס אין פֿרעמדע שפּראַכן, וואָס שטינקען מיט זייער ייִדישקייט אין זייער אַפּאָלאָגעטישן מיסיאָניזם, אַפֿילו ווען זיי פֿאַרלייקענען, אָדער פֿאַרדעקן זייער אָפּשטאַם".

„איך האָב ליב די ייִדישע מאָדערנע ליטעראַטור, שרײַבט ער, ביז די לעצטע נעאָ־ראָמאַנטיקער און בעלי־תשובה, מיט זייערע קדושים, צדי־קים און מאַרטירער, פֿון וועלכע עס שטינקט און שלאָגט צום האַרצן מיט אַלטן, טוכלען בוימל און פֿאַלשע אויסגעקוועטשטע תּפֿילות און פּראָסטיטויִרטער קדושה".

לעאָ קעניג איז נאָסטאַלגיש, ווען ער דערמאָנט זיך, אַז „ביז לעצטנס האָט אונדזער ליטעראַטור געאָטעמט אַזוי פֿרײַ, געלאַכט, געווען זעלבסט־קריטיש — וואָס איז אפֿשר דאָס שענסטע אין מענטשלעכן מין און איז די לעבעדיקע נשמה פֿון אַלע ליטעראַטורן".

קעניגס אַפּיקורסות דריקט זיך אויס נישט בלויז אין אַ ווידערווילן קעגן דער „נעאָ־ראָמאַנטישער" און „קדושהדיקער" ייִדישער ליטעראַטור נאָכן חורבן: ער איז אויך אַ כופֿר אין נאַציאָנאַלן עיקר: „ס'וואָלט נישט

געוועזן שלעכט, זאָגט ער, ווען העלעניזירטע ייִדן זאָלן בלײַבן אין אייגע־נעם לאַנד, איידער זיך אַרויסצולאָזן איבער דער וועלט מיט אונדזער תורה און מיט אונדזער קריסטנטום"...

זײַן רעליגיעזן סקעפּטיציזם און גלײַכגילטיקייט דריקט ער אויס אין אַן אַפּיקורסישן וואָרטשפּיל: „איך ווייס נישט צי מאָנאָטעיזם איז טאַקע דער אַבסאָלוטער און לעצטער אמת... נאָר מאָנאָטאָנער ווי פּאָליטעיִזם איז, דאַכט זיך, מאָנאָטעיִזם יאָ"...

דער מחבר פון די „לעסטערונגען" איז אָבער אַ „ייִדישער גזלן" און ער האָט נישט בלויז שטראָפרייד פאַר אונדז. ער האַלט, אַז נישט קוקנ־דיק אויף די שלעכטע מידות, איז אַ ספק, צי אַן אַנדער פאָלק וואָלט אַרויס שעפערישער, שענער און געזינטער פון אַ צוויי־טויזנט יאָריקן גלות. „וואָלט איר דאָס געקענט באַווײַזן פרעגט ער, איר, דזשענטעלמעניש־ע פעלקער, וואָס איר זענט צעפרעסן פון אַ ווערעמדיקן אַנטיסעמיטיזם, פון מינדערווערטיקייט, אומזיסטער קנאה ושנאה און נעבעכדיקן סנאָביזם?"

אין „בוך פון לעסטערונגען" זענען פאַראַן אַ שפּאַר ביסל אמתן, אָבער זיי זענען נישט ווי געהעריק „אײַנגעפּאַקט". דער אמת דאַרף טאַקע נישט אײַנגעהילט ווערן אין דיפּלאָמאַטישער וואַטע פון צווייִדײַטיקער פאַרנע־פּלטקייט און דאַרף אויך נישט פאַרזיסט ווערן מיט סאַכאַרין. פון דער צווייטער זײַט אָבער, מוז ער, דער אמת, נישט זײַן קיין פאַרזשאַווערט־שטעכיקע דראָט־פאַרצוימונג, וועלכע מען מײַדט אויס.

געזען פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ ייִדישן ראַציאָנאַליסט און אַפּי־קורסישן דענקער, איז פאַראַן וואָס צו „ועטאָירן" אין ייִדישן לעבן נאָכן חורבן. צו די דערשײַנונגען געהערן די קדושהזאַציע פון דער ייִדישער מאַמריסטיק, די פרומקייט־פּאַראַדיעס פון דער מגידישער רעטאָריק און תשובה־עקסהיביציעס. מען דאַרף געדענקען אַז פּאָפּולערע שטראָמען הויבן זיך אָן נישט שטענדיק — ווי פיזישע — פון ריינע, הויכע און פריש־שפּרודלדיקע קוואַלן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך נישט פון אמתדיקע בעלי־תשובה, וואָס האָבן צוריקגעפונען אָדער אַנטדעקט גלויבן און האָ־פענונג.

אין אַ סך פאַלן איז אָבער די ייִדישע קאָנטער־רעפאָרמאַציע און אַנטי־השכלה אַ פּראָדוקט פון גײַסטיקער צעטומלעניש און מיטלויפן מיט דער קדושה־קאָניונקטור און תשובה־קאַרנאַוואַל אויף דער ייִדישער גאַס.

לעאָ קעניג, דער קאַלטער ראַציאָנאַליסט, האָט זיך היפּש פאַרגאַלאָ־פּירט מיט זײַן קאַמף קעגן די פּסיידאָ־פּרומאַקעס און מיט זײַן גיסן פּעך און שוועבל, און נאָך ערגערס — אויף די באַווײנער און באַקלאָגער פון די אומגעקומענע ייִדן.

ס׳איז אמת, אַז יעדער שאַבלאָן אין דער שפּראַך — ספּעציעל אין דער ליטעראַטור און פּובליציסטיק— איז, ווי מען זאָגט אין ענגליש, „סעלף־דיפיטינג״. לעאָ קעניג האָט אָבער געמאַכט אַ גרויסן טעות, ווען ער האָט אַלע אַרײַנגעוואָרפן אין איין טאָפּ.

אויב גוטע און שטאַרקע פּאָעטן באַקלאָגן די קרבנות אין גוטע און שטאַרקע לידער און אַנדערע שאַפונגען און אידעאַליזירן זיי, איז דאָס — אַפילו ווען מ׳איז קעגן דער קדושהזאַציע— פולשטענדיק באַרעכטיקט, לכל הפּחות פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, ווי אַ „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ״, און מען דאַרף נישט בײַ די שרײַבערס בודק זײַן די אידעאָלאָגישע ציצית. מען קאָן אויך נישט פאַרוואַרפן די ערנסטע דיכטער און קינסטלער — ווי דאָס טוט קעניג— אַז זיי האָבן הנאה פון די חורבן־שאַפונגען.

ס׳בלײַבן אומפאַרענטפערט אַנדערע פּרינציפּיעלע פראַגן. אין דער פּאָלעמישער פאַרע און אין רויך פון אויפרײַסנדיקע עפּיטעטן —סײַ פון קעניגן און סײַ פון זײַנע קעגנערס— פאַרלירט זיך פון בליק דער אייגנט־לעכער ענין. דאָס איז דער גאַנצער קאָמפּלעקס פראַגן פון דער נאָך־חורבנדיקער טענדענץ צו אַנטי־השכלה און פון אונדזער „קאָנטער־רעפאָר־מאַציע״. נישט זעלטן האָבן מיר עפּעס ערגערס: אַנשטאָט השכלה — „הסכלה״. די מאָדערנע „מסכילים״ פאַרפלאָנטערן זיך און אַנדערע אין אַ געדיכטער נעץ פון פראַזן. עס בלײַבן אָבער נישט פאַרענטפערט די סתירות פון ייִדישקייט קאָנטראַ וועלטלעכקייט; צווייערליי מאָסן פון „נאַציאָנאַלער מאָראַל״: די שטעלן פון אָפענעם ראַסיזם און שאָוויניזם אין ייִדישע רע־ליגיעזע שריפטן; פאַרטיקע באַשולדיקונג־אַקטן קעגן ייִדן און ייִדנטום פאַר אַנטיסעמיטן פון אַלע צײַטן, וואָס באַנוצן זיי אַלס מאַטעריאַל פאַר פיזישע און גײַסטיקע „אויטאָדאַפעס״. „טוב שבגויים הרוג״, „טעות גוי מותר״ און אַנדערע אויסדרוקן פון עקסטרעמען ראַסיזם זענען נישט אַק־צעפּטירלעכע נאָרמעס פאַר אַ וועלטלעכן ייִד, אין אַנבליק פון דער האָ־טענטאָטישער מאָראַל פון טאַדלען דעם גוייִשן שאָוויניזם און ראַסיזם.

לעאָ קעניגס „בוך פון לעסטערונגען״ איז בכן אַ פּרווו פון אַ חשבון־

הנפש, אַ ווידוי־מאָנאָלאָג פון אַ ייִדישן ראַציאָנאַליסט און קאָסמאָפּאָליט אין אַ וועלט פון קולטור־באַנקראָט, פון צעטומלטע קאָסמאָ־פּליטים.

דער מחבר פון „ספר הגידופים" איז געווען אַ וועלטלעכער ייִדישער אינטעלעקטואַל און עסטעט, וועמען ס'האָט שאָקירט די „פּאָפּולערע כוואַ־ליע", דער ייִדישער „השיבינו נאַזאַד" אויף גאַנצע הונדערט אַכציק גראַד. די „כוואַליע" איז אָפט נישט ווייניקער אומשכלדיק, ווי די אַמאָליקע „קאָל־באָס־קולטור". דער ייִדישער גאָט האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן צו זײַן אַזאַ אַלמעכטיק־באַשיצנדיקער „פאַרבינדעטער", אַז דער ייִדישער רעלי־גיעזער גלויבן זאָל קאָנען פאַרטרעטן די „באַנקראָטירטע" וועלטלעכקייט.

פּאַסקאַל, דער טיפער רעליגיעזער דענקער, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אויבערפלעכלעך־רעליגיעזע מענטשן: „זיי גלויבן, אַז זיי גלייבן". פאַקטיש איז דאָס אויך אַ מדרגה, ווײַל דער מענטש, וואָס גלייבט אַז ער גלויבט, איז דאָך ערלעך צו זיך און איז, אין אַ געוויסן זין, אַ גלייביקער.

לעאָ קעניגס לעסטערונגען זענען, דאַכט זיך, הויפּטזאַכלעך געצילט קעגן די, וואָס גלויבן נישט, אָבער גלויבן, אַז מען גלייבט זיי אַז זיי גלויבן.

אין סך־הכל קאָן מען זאָגן, אַז הגם לעאָ קעניג האָט אין זײַן בוך שטעלן, וואָס זענען ווערט געלעסטערט צו ווערן, איז דאָס דאָך אַ ווײַ־געשריי פון אַ גײַסטיק־געפּײַניקטן ייִד, אַ „דע פּראָפונדיס" פון אַ רעליגיעזן אַפּיקורס און פון אַן אַגנאָסטישן פרומען מענטש.

אַפילו פרײַזיניקע מענטשן, אַגנאָסטיקער, צווייפלער און אַפילו אַטעיִסטן קאָנען באַזיצן רעליגיאָזיטעט. אין דעם זין איז „דאָס בוך פון לעסטערונגען" אַ וועלטלעך־סקעפּטיש ווערק מיט טענער פון רעליגיעזי־טעט.

י. ראַפּאָפּאָרט: טיש־עסטעטישער קנאי

נאָך אַ לאַנגער, שווערער קראַנקייט איז אין 1969סטן יאָר געשטאָרבן אין מעלבורן, אויסטראַליע, דער עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער יהושע ראַפּאָפּאָרט. ער האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געפירט ליטעראַריש־אידעאָלאָגישע מלחמות אין דעם פאָרעם פון העכער אַ צענטליק ביכער, בראָשורן און אומצייליקע אַרטיקלען, וועלכע זענען אַ גלענצנדיקער צושטייער צו דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, עסייאיסטיק און פובליציסטיק.

ווי יעדער קעמפערישער שרייבער, איז ראַפּאָפּאָרט געווען אַ קאָנטראַווערסאַלע פיגור. ער האָט געהאַט באַגײַסטערטע אָנהענגערס און ביטערע קעגנערס. ער האָט אָבער קיינעם, און קיין מאָל, נישט געלאָזט גלײַכגילטיק — אַ סימן פון אַן אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט און טאַלאַנטירטן שרײַבער.

דער טויט פון דעם אומדערמידלעכן פען־קעמפער איז אָן ספק אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער ליטעראַטור און קולטור.

י. ראַפּאָפּאָרט איז זיכער געווען איינער פון די גײַסטרײַכסטע און שאַרפזיניקסטע ייִדישע קריטיקער - עסייאיסטן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מען קען נישט שטענדיק עסן פון זײַן שחיטה, און כ׳בין נישט מסכים מיט זײַנע נעגאַטיווע אורטיילן איבער אַ צאָל ייִדישע שרײַבערס. יעדער קריטיקער האָט זיך זײַנע פסיכאָלאָגישע אידיאָסינקראַזיעס און כאַראַקטער־אַלערגיע צו דעם אָדער יענעם קינסטלער, ווען ער קען

נישט אָפּשאַצן ווי געהעריק. עס וואָלט אפשר געווען צופיל צו פאַר־לאַנגען הונדערט־פּראָצענטיקע אָביעקטיוויטעט און פאַרשטענדעניש פאַר אַ ל ע פאָרמען און אויסדרוקן פון שעפערישקייט און גײַסטיקער ענער־גיע, וואָס איז פון אַ „כוואַליע־לענג״, וועלכע ער איז נישט מסוגל אויפ־צונעמען. אַ מאָל איז דאָס אַ קעגנזײַטיקע אָפּשטויסונג פון פּסיכישע עלע־מענטן און כאַראַקטער־סובסטאַנצן, וואָס טאָלערירן זיך נישט.

מען וואָלט געקענט ברענגען בײַשפּילן פון פיל אויסגעצייכנטע קרי־טיקערס, וואָס האָבן, אין אַלגעמיין, ווי געהעריק אָפּגעשאַצט שעפערישקייט און טאַלאַנט, אָבער זענען נישט געווען „אויפנעם־פעיִק״ פאַר דעם אָדער יענעם קינסטלער.

ס׳איז אויך מעגלעך, אַז אַ קריטיקער זאָל זיך אַנטוישן אין אַ שרײַבער צוליב פּערזענלעך־סוביעקטיווע סיבות, מחמת ער האָט אָפּגעפּילט אויף דער אייגענער הויט יענעמס עוולות, פאַלשקייטן, אָדער אַנדערע מיִאוסע האַנדלונגען. אין אַלגעמיין ווערט אַזאַ פּערזענלעכער אָפּנויג באַטראַכט פאַר אומווירדיק און ווי אַ פלעק אויף דער טאָגע פון אַ קריטי־קער, וואָס דאַרף זײַן אַ „ריכטער״: אָביעקטיוו, אומפּאַרטייִש. אַ קריטיקער איז אָבער נישט מער ווי אַ מענטש. מען קען באַגרײַפן, אַז זײַן פּער־זענלעכע אַנטוישונג, זײַן אויסגעפינען די כאַראַקטעראָלאָגישע „אַכילעס־פּיאַטע״ פון אַ קינסטלער זאָל ווירקן אַז ער זאָל באַדײַטנדיק מאָדיפיצירן און רעווידירן זײַן פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג וועגן אים, באופן אַז ער זאָל אַפילו פולשטענדיק „אַנטבראַנזירן״ די מאָנומענטאַלע פיגורן, וועלכע ער האָט פריִער פאַרהערלעכט. דאָס איז באַזונדערס פאַרשטענדלעך בײַ אַ קרי־טיקער, וואָס באַטראַכט די פּערזענלעכקייט פון דעם שרײַבער ווי אַן אינ־טעגראַלן טייל פון דעם קינסטלער און די קינסטלערישקייט ווי אַ דער־הויבענעם אַטריבוט פון דער פּערזענלעכקייט.

ס׳איז אַוודאי צו באַדויערן, וואָס י. ראַפּאָפּאָרט, דער ערלעכער און מוטיקער שאַצער און באַגײַסטערטער שעצער, האָט נישט דערשאַצט אַ צאָל גוטע, און אַפילו אויסגעצייכנטע ייִדישע שרײַבערס. און דאָס איז נאָך איין באַווײַז, אַז די גאָלדוואָג פון קאָמפּעטענטער קריטיק איז נישט שטענדיק אָביעקטיוו־פּרעציז בײַם וועגן טאַלאַנט־קאַראַטן; אַז דער שאַרפסטער קרי־טישער אינטעלעקט קען נישט שטענדיק אויפנעמען אַלע רעגנבויגן־ניואַנסן פון אַזאַ אינדיווידועל־סוביעקטיווער דערשײַנונג ווי קינסטלערישע שעפע־רישקייט, באַזונדערס בײַ דער „אינטערווענץ״ פון פּערזענלעכע „אַפעקטן״.

ווען ס׳קומט אָבער צום בילאַנס, מוז מען אָבער זאָגן, אַז י. ראַפּאָפּאָרט איז אַ קריטיקער מיט אַ פײַנעם קינסטלערישן חוש, וואָס איז נאָך פאַרשטאַרקט געווען מיט אַ ברייטער און טיפער ערודיציע, מיט אַ שאַרפזיניקן אַנאַליז און הומאָר. די אַלע עלעמענטן, באַזונדערס דער שעפערישאינטויטיווער אַרײַנבליק פון אַ קינסטלער און דער שאַרפזיניקער באַנעם פון אַ קלאָרן אינטעלעקט — פּאָפּולער באַצייכנט ווי „האַרץ״ און „מוח״, — זענען די הויפּט־באַשטייטיילן פון קאָמפּעטענטער קריטיק. דאָס זענען אויך די אייגנשאַפטן פון ראַפּאָפּאָרטס ליטעראַטור־קריטישע עסייען, מיט וועלכע ער האָט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור.

י. ראַפּאָפּאָרט איז נישט קיין „אַפּאָלאָגעטישער״ מליץ־יושר קריטיקער; ער איז אַ שמאַי, וואָס פּסקנט די ליטעראַרישע שאלות מיט מידת הדין. ער האָט דעם מוט אָנצוווײַזן נישט בלויז אויף אַ „סירחא״, נאָר אויך אויף אַ בפירושער „טריפה״. און ער פאַרטרײַבט, ווי זײַן שטרענגער פאָרגייער, די אומבאַרופענע, מיטן קריטישן מאָסשטאַב. ער פאַרמאָגט אָבער די שעפערישע באַגײַסטערונג פאַר שעפערישקייט (ווי געזאָגט: מיט געוויסע אויסנאַמען) אין פאַרשיידענע פאָרמען און אויסדרוקן.

קען זײַן, אַז שרײַבן שיך, עלעגאַנטער סטיל, איז אַ רעזולטאַט פון באַגײַסטערונג, פון דעם געבענטשטן כוח צו אַנטציקן זיך מיט שיינקייט און קונסט. אין דעם זין איז י. ראַפּאָפּאָרט אַ קינסטלער־קריטיקער, דאָס הייסט — אַן עכטער קריטיקער.

הענרי דייוויד טאָראָ האָט וווּנדערלעך אויסגעדריקט דעם געדאַנק וועגן דער גײַסטיקער און עמאָציאָנעלער קרובישאַפט פון דיכטונג מיט קריטיק אין זײַן קורצן זאַץ:

„קיין שום דעפיניציע פון פּאָעזיע איז נישט גילטיק, סײַדן זי איז אַליין פּאָעזיע״. ציִענדיק דעם געדאַנקען־פאָדעם ווײַטער, וואָלט מע דאָ געקענט זאָגן, אַז קיין שום דעפיניציע וועגן ליטעראַטור און קונסט איז נישט גילטיק, אויב זיי זענען אַליין נישט קיין ליטעראַטור און קונסט.

מיר האָבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור רעפּרעזענטאַנטן פון אַנאַליזירנדיקער און אויסטײַטשנדיקער קריטיק (דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען ש. ניגער) — קאַלטע „מתנגדים״ — און אויך פון באַזינגענדיקער קריטיק — באַגײַסטערטע „חסידים״. ביידע מינים קריטיקערס לײַדן פון אַ מאַנגל אין דעם קעגנזײַטלעכן און אומבאַדינגט נויטווענדיקן עלעמענט: די „מתנגדים״ אין חסידישן עקסטאַז, און די „חסידים״ אין שאַרפן אַנאַליז.

אין י. ראַפּאָפּאָרטן האָבן מיר אַ קריטיקער, אין וועלכן ס׳זענען פאַר־אייניקט די עלעמענטן פון שאַרפן און קלאָרן אַנאַליז מיט דעם עקסטאַז פאַר שעפערישקייט און מיטן כסדרדיקן שיכּרות־דאָרשט פאַר אויסדרוקן פון שיינקייט און שעפערישקייט. פאַראַן אין זײַנע קריטישע אַרבעטן און עסייען דער עמאָציאָנעלער כוח צו באַגײַסטערן זיך מיט פאַרשיידענע פאַר־מען פון שעפערישן דראַנג און צו שרײַבן מיט טאַלאַנט וועגן טאַלאַנט.

טאָראָ האָט אין זײַן אַפאָריזם ריכטיק אָנגעוויזן, אַז יעדע אָפּשאַצונג וועגן פּאָעזיע מוז אַליין קומען פון אַ פּאָעטישן מקור. אָבער הגם דאָס איז נישט דער גאַנצער אמת און קריטיק פאָדערט אויך די פעיִקייט פון אַנאַליז און פון לאָגישער באַטראַכטונג, פון אינטעלעקטועלער מעדיטאַציע, איז דאָך דער אינטויִטיווער עלעמענט דער וויכטיקסטער באַשטייטייל אין ליטעראַטור־קריטיק פּונקט ווי אין דער ליטעראַטור.

געטע האָט (לויט עקערמאַנען, זײַן שמועסן־פאַרצייכענער) געהוזקט פון די עסטעטישע לײַט, וואָס ברעכן זיך די קעפּ און שטרעבן דורך גע־וויסע אַבסטראַקטע ווערטער צו רעדוצירן צו אַ קאָנצעפּציע די אומאויס־דריקלעכע זאַך, וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען ש יי נ ק יי ט. „שיינ־קייט״ — האָט דער ווײַמאַרער פּאָעט געהאַלטן — איז אַן אורשפּרינגלעכער פענאָמען, וואָס דערשײַנט קיין מאָל נישט אַליין, נאָר איז אַן אָפּשפּיגלונג, וואָס איז צו זען אין טויזנט פאַרשיידענע אויסדרוקן פון שעפערישן גײַסט און איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק ווי די נאַטור גופא״.

אַזעלכע פאַרשיידענע שעפערישע נאַטורן ווי געטע און טאָראָ, זענען געקומען צו ענלעכע אויספירן און טיפּזיניקע אַנטפּלעקונגען וועגן דעם וועזן פון פּאָעזיע, שיינקייט און קונסט; צו דעפיניציעס, וועלכע ווײַזן וואָס קונסט און קונסט־קריטיק זענען נישט. אַז ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק זענען נישט קיין סטאַטיש־פיקסירטע שאַפונגען, וווּ ס׳גענוגט צו טײַטלען מיטן דרדקי־טייטהעלצל.

געטע און טאָראָ זענען געווען גערעכט מיט זייער באַטאָנען דעם אימאַנענטן און אינטויִטיוון אַספּעקט פון ליטעראַטור און קונסט. קריטי־קערס וואָס צייכענען זיך אויס בלויז מיט אַנאַליטישן כוח קענען באַנעמען און קאָמפּעטענט אָפּשאַצן די ראַציאָנעלע ליטעראַטור־געביטן, ווי געשיכ־טע, וויסנשאַפט און ענלעכע שאַפונגען, אָבער נישט קיין קינסטלערישע לי־טעראַטור. מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז דער אינטויִטיווער עלעמענט,

וואָס איז נישט דער איינציקער באַשטייטייל פון ליטעראַטור און קונסט, איז אַוודאי נישט גענוג פאַר קריטיק פון ליטעראַטור און קונסט, וואָס ניי־טיקן זיך אויך אין דעם אינטעלעקטועל־אַנאַליטישן עלעמענט.

דאַכט זיך, אַז זייער ווייניק יידישע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט די צוויי הויפּט־מעלות, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר י. ראַפּאָפּאָרטן — די אַנאַליטישע „עסענץ", וואָס לייזט אויף גײַסטיקע שטאָפן צו זייערע ריינע עלעמענטן, און דעם אינטויציוון „גייגער־ציילער", וואָס קאָן אויסגעפינען פאַרבאָרגענע שיכטן פון קינסטלערישן אידעל־מע־מאַל און גלײַכצײַטיק דעם כוח אַרויסצופילן די „עבודה זרה" אין אַ ווערק — אין די מערסטע פאַלן.

*

י. ראַפּאָפּאָרט איז אַ שרײַבער פון רב הכמות און רב האיכות. פאַר דער מלחמה זענען דערשינען זײַנע ביכער: „אויף די וועגן פון דער נײַער איראָפּעישער ליטעראַטור" (3 בענד) און „צווישן יאָ און ניין" (ערשטער באַנד), ווי אויך 8 בראָשורן וועגן שרײַבערס און ליטעראַטור־פּראָבלעמען. אין שאַנכײַ זענען דערשינען: „דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע" און 2 ווערק אין רוסיש. נאָך דער מלחמה זענען דערשינען אין מעלבורן זײַנע ביכער: „ערשטער שניט נאָכן שטורעם"; „טראָפּנס גלויבן"; „העלדן און קרבנות פון דער איבערגאַנג־צײַט"; „פײַערלעך אין נעפּל"; „פראַגמענטן פון אַ לעבן"; און „ריזן און קאַרליקעס אונטער איין דאַך". אין בוענאָס־אײַרעס: „תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס" און „זוימען אין ווינט"; און אין תל־אביב: „מהות פון דיכטונג". י. ראַפּאָפּאָרט האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין מעלבורן עטלעכע בראָשורן וועגן שרײַבערס און דענקערס, ווי אויך אויף פאַרשיידענע קולטור־טעמעס.

ווען מע נעמט נאָך אין באַטראַכט די צאָלרײַכע כתבים זײַנע, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם קריג־מבול, ווי אויך זײַנע אומצייליקע רעצענזיעס און אַרטיקלען אויף ליטעראַטור־ און קולטור־טעמעס, קען מען האָבן אַ באַגריף וועגן זײַן פּרוכטיקן טאַלאַנט.

י. ראַפּאָפּאָרט האָט אַ מעלה, וואָס איז אַ מאָל אַ חסרון אין דער אָפּ־שאַצונג פון עסטעטישע ווערטן. ער איז אַ טיף־יידישער בעל־מוסר, אַ „ליטווישער פּוריטאַנער". אין וועמענס שריפטן סע הערן זיך עכאָס פון ישיבהדיקן גמרא־ניגון; קולות פון מאַראַלישע מטיפים, מגידים און „מוסר־

ניקעס״. אָט די פּוריטאַניש־מוסרדיקע טענדענץ וואַרפט זיך אין די אויגן אין זײַנע פאַר־חורבנדיקע ווערק, אויסגעדריקט אין אַ נײַגונג צום סאָציאַלן אַספּעקט און אינטערפּרעטאַציע פון קינסטלערישן שאַפן, פּונקט ווי אין נאָך־מלחמהדיקן פּעריאָד זעט זיך די נאַציאָנאַלע באַטאָנונג. בײַ אַ קריטיקער פון קלענערן פאַרנעם וואָלטן אַזעלכע עטישע און פּוריטאַנישע אָפּקלאַנגען און נייגונגען פאַרמינערט דעם קריטיש־עסטעטישן ווערט און וואָלטן געפירט צו איינזײַטיקן קולטור־דאָגמאַטיזם. ראַפּאָפּאָרט, דער קריטיקער פון פּאָעטישן מהות, פאַרמאָגט אָבער אַ רײַכן קולטור־באַגאַזש, שאַרפן אינטעלעקט און קינסטלערישע שפּירעוודיקייט, וואָס באַלאַנסירן זײַנע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּרעדיספּאָזיציעס און האַלטן זײַן שעפעריש־אַנאַליטישן מעטאָד אויפן דרך המלך פון קלאַסישער ליטעראַטור־קריטיק.

צווישן זײַנע עסייען פון פאַר־מלחמהדיקן פּעריאָד זענען אויך פאַראַן אַ טייל פון אַ דאָמינירנדיקן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. זיי זענען אָבער שטענדיק אינטערעסאַנט.

דער אמתער ראַפּאָפּאָרט האָט ווידער אויפגעשײַנט פאַר אונדז מיט זײַנע גאָר־וויכטיקע ווערק פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז, ווי דערמאָנט, פאַרלוירן געגאַנגען אין די יאָרן פון קריג און חורבן. זײַנע ביכער זענען אַ גלענצנדיקער בײַשטײַער און באַרײַכערונג פון דער יידישער ליטעראַטור און אַ זייל אין שטח פון אונדזער עסייִסטיק און ליטעראַטור־קריטיק.

*

אין זײַן בוך „אויסגעריסענע בלעטער״ דערציילט י. ראַפּאָפּאָרט ווי ער פלעגט אָפט שטיין שעהן־לאַנג בײַ די שויפענצטער פון ביכער־געשעפטן אין שאַנכײַ — ווו ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהײט צו קויפן ביכער — און גײַסטיק געניסן פון זיי, בלויז קוקנדיק אויף די שער־בלעטלעך. דאָס אַנטפּלעקט גאָר אַ סך וועגן דעם שרײַבער אין אַ טאָפּלטן זין: עס ווײַזט אויף זײַן אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט ליטעראַטור, וואָס איז פאַר אים זײַן לעבנס־עלעמענט.

און אין זעלבן בוך, אין עסיי „דער עפּאָס וועגן דער צוקונפט״ (וועגן מאַריאַ קירי־סקלאָדאָווסקאַ) שרײַבט ער:

„אַמאָל, אין די צײַטן פאַרן מבול... ווען מענטשן פלעגן זיך נאָך פאַרנעמען מיט גײַסטיקער אַרבעט, פלעגט מען אָפּרוען, אַנטשפּאַנען די נערוון בײַם לייענען אַ קרימינאַל־ראָמאַן. הײַנט, ווען דאָס לעבן איז געוואָרן אַן

אומאויפהערלעכער קרימינאַל־ראָמאַן אין טאָג־טעגלעכע המשכים, איז גוט צו זוכן אָפּרו... אין אַ בוך וועגן גײַסטיקער אַרבעט".

אין דעם עסיי, געשריבן אין ווילנע, אין 1940, קומט צום אויסדרוק נישט בלויז זײַן שאַרפזיניקע כאַראַקטעריזירונג פון אַן עפּאָכע, נאָר אויך זײַן גרויסע באַגײַסטערונג פאַר שעפערישקייט, מענטשלעכער גרויסקייט און נאָבלקייט.

איך קאָן נישט פאַרגעסן דעם שטאַרקן אײַנדרוק פון זײַן עסיי וועגן אורי ניסן גנעסין און גאָר באַזונדערס — די רירנדיקע שילדערונג פון זײַן באַזוך אויף דעם פאַרלאָזענעם קבר פון דעם וווּנדערלעכן דיכטער:

„איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער יונגער בעריאָזקעלע און זיך פאַרטראַכט אין טיפן טרויער. איך האָב זיך דערמאָנט די פאַרכישופנדיקע ווירקונג פון גנעסינס מוזיקאַלישע דערציילונגען... און אָט בין איך אויפן קבר פון דעם צאַרטן איינזאַמען דיכטער, וואָס האָט זיך געפילט ווי פאַרלוירן אויפן יאַריד פון דער וועלט, און זײַן קבר איז פאַרלאָזן פּונקט אַזוי ווי דער דיכטער איז געווען אין זײַן לעבן...

„עס איז (מיר) קלאָר געוואָרן, אַז דער אייביקער גורל פון שענסטן אין לעבן איז איינזאַמקייט, פאַרלוירנקייט, פריצײַטיקער אומקום נאָך אַ קורצער פרײדלאָזער עקסיסטענץ.

„...איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָנעם דינעם בוימעלע, אין דער ליכטיקער... בעריאָזקעלע, און זיך געשאָקלט צוזאַמען מיט איר אין טאַטאַלן שלוכצן..."

די שורות זענען וווּנדערלעך מיט זייער קינסטלערישקייט, וואָס ווײַזן, אַז דער שרײַבער איז נישט בלויז אַ שאַרפער ליטעראַרישער אַנאַליטיקער, נאָר אויך אַ פײַן־פילנדיקער שעפער, וואָס גאָרנישט קינסטלערישס איז אים פרעמד.

באַזונדערס וואָגיק זענען די עסייען און נאָטיצן אין זײַן לעצטן בוך, „מהות פון דיכטונג". אַ סך פון זיי זענען מײַסטערהאַפט אין פאָרעם און טיף אין אינהאַלט. מען פילט דאָרט אַ שפּעט־זומערדיקע רײַפקייט, אַ געלײַטערטקייט.

י. ראַפּאָפּאָרט באַהאַנדלט דאָרט די אייביקע פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן, זייערע פאַרשײדענע אַספּעקטן אין אַ סך וואַריאַציעס: „היט זיך דיכטער, שאַבלאָן"; „אַ דיסקוסיע וועגן אַ ליד"; „וועגן וואָלט וויטמאַן"; „וועגן פּאָעטישע פאַרגלײַכן"; „דיכטונג און קריטיק", כדי צו דערמאָנען

בלויז עטלעכע פון די פיל געלייטערטע עסייען אויף דער אייביקער טעמע: קונסט.

די נאָטיצן אין דעם בוך „מהות פון דיכטונג" זענען שעדעווערען אין מיניאַטור; גײַסטרײַכע „טראַפּנס" פון געדאַנקען- און עמאָציע-עסענץ. דער מחבר פליט ווי אַ בין פון איין שיינקייט-בלום צו דער אַנדערער און גיט צוריק דעם פּאָעטישן נעקטאַר, געלייטערט דורך זײַן אינטעלעקט, באַרײַכערט דורך זײַן פאַנטאַזיע אין דעם האָניק פון זײַנע פּרעכטיקע קריטישע עסייען.

אין דעם עסיי „דיכטונג און קריטיק" דערמאָנט ראַפּאָפּאָרט דריידענס וואָרט, אַז „די פּאָעטן אַליין זענען די פּאַסיקסטע, ווען אַפילו נישט די איינ-ציקסטע קריטיקער", און אונדזער עסייאיסט באַמערקט דערצו: „אויף צו זײַן אַ גוטער קריטיקער, מוז מען טאַקע זײַן אַ דיכטער; אויב נישט פּאַק-טיש, איז פּאָטענציעל, ד"ה דער קריטיקער מוז האָבן די שפּירעוודיקייט, די עמאָציעס, די אייגנשאַפטן פון אַ דיכטער..."

און דאָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר ראַפּאָפּאָרטן אַליין.

*

י. ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַ געטרײַער אויפזעער אין אונדזער ליטע-ראַרישן גאָרטן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום „זײַנע פלאַנצן" אין אַ כסדר-דיקער אינספּעקציע. אויף איין אָרט פלעגט ער אַרויסרײַסן ווילד-גע-וויקסן, אויף אַ צווייטן — פאַרדאַרטע „בלעטער" פון אַ גוטער פלאַנץ; אָט באַשירעמט און באַשאָטנט ער אַ בלום פון די מידבר-דיקע רעקלאַמע-שטראַלן, און אָט דערפרישט ער מיט טוי פון אָנערקענונג די קוים-אָנזע-עוודיקע שפּראָצונגען. ס'איז זיכער צום באַדויערן, וואָס דער גערטנער האָט אין זײַן אייפער אָפט אָנגענומען גוטע פלאַנצן פאַר ווילדגראָז. אין אַלגעמיין, אָבער, איז זײַן קנאות אַן אויסדרוק פון זײַן פײַערדיקער ליב-שאַפט פאַר ליטעראַטור. פאַר עטישע און עסטעטישע ווערטן. ס'איז אמת, אַז דורך זײַן קריטישער זיפּ איז אַרויסגעפאַלן, צוזאַמען מיטן פּ ס ו ל ת, אויך ס ו ל ת... אַ צאָל גאָר וויכטיקע שרײַבערס, פון וועלכע אַ טייל פאַר-נעמען פּאָדערשטע רייען אין דער יידישער ליטעראַטור. דער שטרענגער קריטיקער האָט געשטרעבט, געקעמפט פאַר עכטקייט און האָט פאַרהער-לעכט פּוריטאַניזם אין לעבן און אין דער ליטעראַטור. דאָס איז אָבער אַ זעלטן-דערגרייכלעכער ציל, סײַ אין לעבן און סײַ אין דער ליטעראַטור.

פעלערן קאָן מען אומעטום געפינען. און י. ראַפאָפאָרט, מיט זײַן שעפעריש־קריטישער אינטויִציע, האָט מיט רעכט אָנגעוויזן אויף פעלערן און אויף שוואַכקייטן. ער האָט אָבער טייל מאָל מגזם געווען מיט זײַן קריטישן נעגאַטיוויזם און אָפגעזאָגט דאָס קינסטלערישע חיות פון אַזעלכע, וואָס וועלן לעבן לאַנגע יאָרן. טייל ליטעראַרישע קאַריערעס, וואָס ער האָט געשטורעמט, זענען דאָך נישט צעשטערט געוואָרן. דאָס שטעלט אָבער נישט אונטער קיין פרעג־צייכן זײַן ווערט ווי אַ שעפעריש־אַנאַליטישן קריטיקער אין אַלגעמיין. אַ פאַקט איז, אַז ער איז איינער פון די בעסטע ייִדישע קריטיקערס און עסייאיסטן.

י. ראַפאָפאָרטס אַן עסיי, אַ קריטישע אָפהאַנדלונג, אַ מאמר — זענען כמעט שטענדיק גוטע ליטעראַטור, אַפילו ווען דער דין איז נישט אויף זײַן זײַט און מען מעג הנאה האָבן פון די שאלות, אין וועלכע ער האָט געפסקנט טריפה. אין דעם זין דערמאָנט ער דעם גײַסטרײַכן און עלעגאַנטן דוד פרישמאַן, וואָס האָט אַראָפגעריסן די סאַמאָראָדנע אבות — פרצן און שלום עליכמען — אָבער אַפילו אין זײַנע פאַלשע אורטיילן איז געווען דער אמת פון קונסט, פון עלעגאַנטן, קוואַליקן און קוועקזילבערדיקן סטיל.

צווישן די וואָס י. ראַפאָפאָרט האָט נישט דערשאַצט, איז י. מ. ווײַסענבערג, דער גרויסמײַסטער פון דער קורצער דערציילונג, פון ענערגעטישער כאַראַקטער־שפאַנונג און אַ ט אָ מ י ש ־ פסיכאָלאָגישע אילומינאַציעס, וואָס קענען געמאָסטן ווערן אין ליטעראַרישע מעגאַטאָנען. ראַפאָפאָרט האָט בלויז טיילווײַז אָפגעשאַצט די אייגנאַרטיקייט פון ווײַסענבערגן דעם קינסטלער, אָבער ער האָט כמעט איגנאָרירט דעם גוואַלדיקן בונטאַר, דעם פאָנען־טרעגער פון דעם מאָראַליש־עסטעטישן קאַמף פאַר ריינקייט און געזונטקייט אין דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור; דעם איינזאַמען ריטער, וואָס האָט געקעמפט מיט די פוסטע ווינטמילן פון רעקלאַמע און אויפגעבלאָזענע „ריזן" — פאַרשיידענע פעלשערס און אָנשטעלערס — אויף די גײַסטיקע געמאַרקן פון מלכות־ייִדיש (ווײַסענבערג האָט אַ מאָל איבערגעכאַפט די מאָס, אָבער אין תוך איז ער געווען גערעכט אין זײַן לעבן־לאַנגן קאַמף).

ס'איז די איראָניע פון גורל, וואָס י. ראַפאָפאָרט, דער אַנטי־ווײַסנבערגיאַנער, געפינט זיך אין אַן ענלעכער פאָזיציע ווי זײַן קעגנער, צו וועלכן ער האָט געהאַט אַן אַמביוואַלענטע באַציִונג פון פאַרערונג און, ווי־דערווילן.

אַרום דרײַ יאָר איז דער פאַרדינסטפולער ייִדישער קריטיקער און

קעמפער־פובליציסט געווען צוגעשמידט צום בעט אין מעלבורן. זײַן געאָגראַפישע איזאָלאַציע און גײַסטיקע אײנזאַמקייט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך זײַן פײַנפולן טאָגטעגלעכן צאַנקען. בײַ די באַדינגונגען פון דער פּירפּאַכיקער איזאָלאַציע —סאָציאַלער, געאָגראַפישער, גײַסטיקער און פיזישער— איז זײַן 75סטער געבורטסטאָג נישט בלויז נישט געפײַערט געוואָרן, נאָר אַפילו נישט געווען אָפּגעמערקט אין אונדזער קולטור־כראָניק.

דער פאַקט פון „פאַרגעסן" אַזאַ וויכטיקן שרײַבער באַווײַזט נאָך איין מאָל אַז די קאַמפן פון די ווײַסענבערגס און די ראַפּאָפּאָרטס מיט רעקלאַמע־ווינטמילן זענען געווען באַרעכטיקט, הגם נישט אין אַלע פאַלן באַרעכטיקט און נישט שטענדיק.

די „פאַרגעסערס" פאַרגעסן אָבער, אַז די צוקונפט איז די לעצטע אינסטאַנץ, וואָס גלײַכט אויס די צײַטקרומקייטן, רעווידירט און אַנולירט געפעלשטע „אַקטן" און רעהאַביליטירט די נעמען פון די באמת־ווערטפולע.

יהושע ראַפּאָפּאָרט, דער מאַן פון מאָראַליש־עסטעטישע שלאַכטן, פון ליטעראַרישע „קרייצצוגן", האָט אַ מאָל אויך געבלאָנדזשעט און אין באַגאַנגען עוולות אין זײַן קנאות פאַר דער ריינקייט פון וואָרט און טאַט, פון מחשבה און אויסדרוק; ער איז אָבער געווען אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אַ קעמפער פאַר הויכע קינסטלערישע סטאַנדאַרטן, פאַר עטישע און עסטעטישע פּרינציפּן, אַ שרײַבער וואָס האָט געגעבן אַ פּ אָ ע ט י ש ן אַ נ אַ ל י ז פ ו ן פּ אָ ע ז י ע ; אַ שעפערישער קריטיקער־שיינגײַסט, וועמענס גלענצנדיקער סטיל איז אָנגעלאָדן מיט טיפן אינהאַלט, מיט אינטעלעקטועלע און מאָראַליש־עסטעטישע ווערטן. ווי אַזעלכער איז ער פאַרזיכערט מיט ליטעראַרישן עולם הבא ווי דער אויטענטישסטער און קעמפערישסטער ייִדישער קריטיקער.

ק

עלזע לאַסקער-שילער
סטעפֿאַן צווײַג
פֿראַנץ קאַפֿקאַ
אַרטור שניצלער
אַרטור קעסטלער

עלזע לאַסקער־שילער, די מאָדערנע סאַפּאָ

די וואונדערלעכע יידיש־דײַטשע דיכטערין עלזע לאַסקער־שילער, וועמענס הונדערטסטער געבוירנטאָג איז לעצטנס געפּײַערט געוואָרן, איז געקומען אויף דער וועלט אין עלבערפעלד, רהיין פּראָווינץ, דעם 11טן פעברואַר, 1869, בײַ אַ פאַרמעגלעכער אַסימילירטער יידישער פאַמיליע. אירע עלטערן, אַראָן און זשאַנעט שילער, האָבן געפירט אַן אַריסטאָקראַטיש הויז. די מוטער פון דער דיכטערין, זשאַנעט, האָט באַזונדערס געהאַט קולטור־אינטערעסן און אַפילו אַליין אַ ביסל „געזינדיקט" מיט שרײַבן.

עלזע האָט געצויגן איר יחוס פון ספרדישע יידן, פון דער מוטערס זײַט. אירס אַן עלטער־עלטער־זיידע, פּאַבלאָ פון עלקאַן, איז אַנטלאָפן פון שפּאַניע אין דער צײַט פון אַ פּאָגראָם אויף יידן אין מאַדריד. פון איר פאָטערס זײַט האָט זי געשטאַמט פון הרב הירש כהן, וואָס איז, לויט דער פאַמיליע־טראַדיציע, געווען דער אויבער־ראַבינער פון רהיינלאַנד־וועסטפאַלן.

עלזע, וואָס איז געווען די יינגסטע פון זעקס קינדער, האָט גאָר פרי אַרויסגעוויזן קינסטלערישע באַגאַבונג ווי אַ צייכנערין און מאַלערין און ערשט שפּעטער איז זי אַריבער צו ליטעראַרישער שעפערישקייט. זי האָט אָבער אויך שפּעטער אויסגענוצט איר מאַלערישן טאַלאַנט, באַזונדערס בײַם אילוסטרירן אירע ווערק.

די דיכטערין האָט צוויי מאָל חתונה־געהאַט. דאָס ערשטע מאָל מיטן

בערלינער דאָקטער יאָנאַטאַן לאַסקער (אַ ברודער פון וועלט־מײַסטער פון שאַך־שפּיל, עמאַנועל לאַסקער) און דאָס צווייטע מאָל מיט געאָרג לעווין, אַ קונסט־קריטיקער און קאָמפּאָזיטאָר. איר צווייטער מאַן איז געווען מיט נײַן יאָר ייִנגער פון איר און דעריבער האָט זי דעמאָלט אָנגעגעבן איר געבוירנ־יאָר פאַר 1876 (די פיקטיווע דאַטע איז אָנגעגעבן אין אַ צאָל ענ־ציקלאָפּעדיעס און ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען).

עלזע האָט געהאַט נאָר איין זון פון דער ערשטער חתונה, פּאָול, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין 1899. ער האָט שוין קינדווײַז זיך אויסגע־צייכנט מיט זײַן אויסערגעוויינטלעכן מאָלערישן טאַלאַנט. פּאָול איז גע־וואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער סאַטירישער צײַטשריפט „סימפּליציסימוס”. זײַנע בילדער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשײַדענע גאַלעריעס. דער הייס־געליבטער און הויך־טאַלאַנטירטער זון פון דער דיכטערין איז אָבער קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז און איז אָנגעקומען אין סאַנאַ־טאָריעס אין דער שווייץ און שפּעטער אין בערלין. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1927.

פון דעם טיפן דיכטער העלדערלין שטאַמט דער זאָג, אַז וואָס גרע־סער עס זענען די שטערונגען אויפן וועג פון אַ וואַסער, אַלץ שטאַרקער איז זײַן שטראָם. מיט דעם וואָלט מע געקאָנט דערקלערן דעם סוד פון אומ־געשטילטן דראַנג, פון הויך־געלאָדענער דינאַמישקייט אין די פּערזענ־לעכקייטן און ווערק פון פאַרשיידענע קינסטלער, בפרט פון אַזאַ ווי עלזע לאַסקער־שילער.

אַ טייל פון עלזע לאַסקער־שילערס ביאָגראַפן ווײַזן אָן אויף דעם עלע־מענטן־שטורעם אין דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער דיכטערין: גרויסע פרומקייט און בענקשאַפט נאָך ליבע; טויט־ווונטש און לעבנס־לוסט; שרעק, פאַרצווייפלונג און אימפּולסיווקייט און אַפילו הומאָר: אַ דראַנג צו פרײַ־הייט און אַוואַנטוריסטישע איבערלעבונגען, קינדישקייט און באַזוּוער צוטרוי. מיט דעם זאָל זיך דערקלערן איר קאָמפּליצירטער כאַראַקטער און שעפערישע אייגנאַרטיקייט, וואָס האָט געפונען די רעאַליטעט פאַר „נישט גענוגנדיק”. זי האָט דעריבער געמוזט לעבן אין דער וועלט פון פאַנ־טאַזיע און פאַנטאַסטיק.

מען וואָלט דאָ נאָך געקענט צוגעבן דעם מאָמענט פון ירושה — דעם געמיש פון דרומדיקע און צפונדיקע גײַסטיקע קלימאַטן, ווי אויך דעם

גערא̇נגל פון דער טיף־רעליגיעזער יידישקייט מיט דער פא̇רמעלער איי־רא̇פעישקייט און דײַטשישקייט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין איר כאַראַקטער.

עלזע לאַסקער־שילער האָט אויך פאַרעפנטלעכט דראַמעס, דערציילונ־גען, רייזע־באַשרײַבונגען און אַזוי ווײַטער: אָבער איר ווונדערלעכער דיכטערישער טאַלאַנט האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעהויבן אין אירע לי־דער, וואָס מיניען ווי די קאָלירן פון רעגנבויגן מיט פאַרשיידענע אַס־פּעקטן און געמיט־ניואַנסן. אירע לידער, אין אַלגעמיין, עלעקטריזירן מיט זייער דינאַמישן שטראָם און נשמהדיקן ציטער און פלאַטער. אירע ליבע־לידער זענען אַ צויבערלעכער גאָרטן פון עקזאָטישע פלאַנצן, וואָס פאַר־כאַפּן די חושים מיט זייערע פאַרבן און אַראָמאַטן. אירע גאָט־דורשטיקע און רעליגיעז־פאַרשיכורטע געזאַנגען פירן צוריק קיין שפּאַניע און דער־מאָנען אין די גרויסע פּאָעטישע שאַפונגען פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין מיטלעלטער, פון אַזעלכע לירישע גאונים ווי ר׳ יהודה הלוי און שלמה אבן גבירול.

די מערסטע פון עלזע לאַסקער־שילערס שאַפונגען האָבן אַן איי־דעלן קלאַנג און רופן אַרויס אַ דורכדרינגנדן אָפּקלאַנג בײַם שפּירעוודיקן לייענער, וואָס איז דער אמתער געניסער פון פּאָעזיע. דער דאָזיקער מאַ־גישער עפעקט איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר אירע ליבע און גאָט־לידער, נאָר אויך פאַר אירע לײַכטערע פּאָעזיע־זשאַנערס — כאַראַקטער־פּאָרטרעטן אין פערזן, פּאַראָדיעס, גראָטעסקן וכדומה.

ס׳איז כדאַי צו ברענגען עטלעכע מוסטערן פון דער דיכטערנס לי־רישן כישוף:

עס איסט איין ווינען אין דער וועלט —
אַלס אָב דער ליבע גאָט געשטאָרבען וועֶר
און דער בלייערנע שאַטען, דער נידערפעלט —
לאַסטעט גראַבעסשווער.

קאָם, וויר וואָלען אונז נעהער פערבאָרגען —
דאַס לעבען ליגט אין אַלען הערצען — ווי אין זאַרגען,

דו! וויר וואָלטן אונז טיף קיסען —
עס פּאַסט איין זעהנזוכט אין די וועלט
אין דער וויר שטערבען מיסען.

די דיכטערין זינגט אין איינעם פון אירע לידער, אַז „ווי אַ פאַרבאָר־גענער ברונעם מורמלט מײַן בלוט" און זי רופט אויס: „אָ, דײַנע ליפּן זענען זוניק... אָט די רויש־דופטן פון דײַנע ליפּן"...

אין די און אַנדערע אירע לידער באַווײַזט זיך די עקספּרעסיווע קראַפט פון דער דיכטערין, וואָס איבערראַשט מיט דער דינאַמיק און געפיל־סובלימאַציע; מיטן וואַסערפאַל־געדויש און געשפּאַנטקייט פון אירע אי־בערלעבונגען: און אירע מאַגישע שפּרוכן, וועלכע עפענען געהיימע טירן צום פאַרכישופטן פּאַלאַץ פון פּאָעזיע.

עלזע לאַסקער־שילער איז נישט בלויז אַ זינגערין פון ליבע־פרייד און גאָט־באַרוישטקייט, נאָר אויך אַ דיכטערישע קלאָגערין, וואָס האָט אויף אַן אויסערגעוויינטלעך רירנדיקן אופן באַוויינט דעם טויט פון אירע פרײַנד, און באַזונדערס פון איר יונג־פאַרשטאָרבענעם, הויך־טאַלאַנטירטן זון, פּאַול.

עלזע לאַסקער־שילערס ייִדישקייט, איר נאַציאָנאַלער אינטערעס האָט דיכטעריש אין פולן זיך אַנטפּלעקט אין דער זאַמלונג „העברעיִשע באַלאַדן", וואָס איז דערשינען אין 1913. זי האָט אויך אַרויסגעבראַכט אירע גײַסטיקע ראַנגלענישן ווי אַ ייִדישע טאָכטער און דײַטשע דיכטערין אין אַזעלכע לי־דער ווי „מײַן פאָלק", וווּ זי דריקט־אויס אויף אַ רעליעף קינסטלערישן אופן איר אויסערלעכע פרעמדקייט און אינערלעכע באַהאָפטנקייט מיטן ייִדישן פאָלק און דעם ייִדישן גורל.

עלזע לאַסקער־שילער האָט געלעבט איר דיכטונג און געדיכטעט איר לעבן. זי איז געווען עקסצענטריש־פאַנטאַסטיש. אַפילו אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין איר קליידונג, באַנעמונג און רעדן איז זי געווען די מאַגיקערין, וואָס האָט אָפּערירט מיט צייכנס און סימבאָלן. סע וועט אגב זײַן אינטערע־סאַנט צו וויסן, אַז זי, די באַהעמישע דיכטערין און „שטאַמגאַסט" פון לי־טעראַרישע קאַפעס האָט געלערנט קבלה. אירע פרײַנד, די דיכטערס און קינסטלערס, האָט זי „געאַדלט" מיט פאַרשײַדענע טיטולן, פראַנץ ווערפעל איז בײַ איר געווען „דער פרינץ פון פּראַג", קאַרל קראַוז — „דער קאַרדי־נאַל" אאַ"וו. זי האָט באַזונגען און געשילדערט אין פײַנע פּאָרטרעטן אין

פערזן די און אַנדערע באַרימטע שריפטשטעלערס און קינסטלערס, צווישן אַנדערע דעם גרויסן ייִדישן מאָלער יאַנקל אַדלער, וועמען די דיכטערין האָט באַצייכנט ווי דער „העברעיִשער רעמבראַנדט״.

איר דיכטערישע אייגנאַרטיקייט קומט אָפּט צום אויסדרוק אין עקספּרעסיאָניסטישע וואָרט־שאַפונגען און אַסאָציאַציעס, וואָס סוגעסטירן מיט זייער טיפן באַנעם: „שטערנאָגליפען״, „גאָטהין״, „זיסערליי אַבענד־פאַרבען״, „ליבענטלאַנג״ אאַ״וו.

איר עקספּרעסיווער כוח, אַ געמיש פון בילדערישקייט און פאַנ־טאַסטיק, האָט זיך מאַניפעסטירט אויך אין אירע שמועסן. זי האָט געזאָגט, אַז אין פּאָעזיע „מוז איין וואָרט קושן דאָס אַנדערע״. זי האָט געהאַלטן, אַז „נישט דאָס ליד איז וויכטיק, נאָר דער דיכטערישער צושטאַנד, אין וועלכן מען שאַפט עס״. אָט איז אַ מוסטער פון איר מאַגישן באַנעם:

„גאָט איז נישט קיין לערער,
גאָט איז אַ גרויסער אינדיאַנער״.

וואָס שייך איר בײַסנדיקן הומאָר, פלעגט זי זיך אַ מאָל אײַנקויפן מיט דעם שונאים. דאָס איז געווען דער פאַל, צווישן אַנדערע, מיט גער־האַרט האַופּטמאַן, וועמען זי האָט געזאָגט, אַז ער „זעט אויס ווי... געטעס באָבע״.

עלזע לאַסקער־שילער האָט צוליב איר נישט־קאָנווענציאָנעלקייט אין לעבן און אין שאַפן געהאַט צאָלרײַכע קעגנערס. אָבער אירע גרויסע אַנ־הענגערס האָבן געפילט צו איר אַן אמתע פאַרערונג. איינער פון אירע בעסטע פרײַנד, דער באַרימטער שאַרף־צונגיקער און שאַרף־וואָרטיקער ייִדיש־דײַטשער שריפטשטעלער קאַרל קראַוס האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט פאַר איר קליינעם ליד „איין טיבעטטעפּיך״ אַוועקגעגעבן גאַנץ היינע; אָבער אייגנטלעך, האָט קראַוס דערקלערט, וואָלט ער היינען אַוועקגע־געבן אַ סך ביליקער.

די דיכטערין האָט מערסטנטייל געליטן פון אַ געלט־מאַנגל. איין מאָל איז אַפילו אַרויס אין דער דײַטשער פּרעסע אַן אויפרוף וועגן אַ פאָנד־זאַמלונג פאַר איר. זי האָט געלעבט מערסטן פון דער הילף פון איר פאַ־מיליע און טיילווײַז פון האָנאָראַרן, וואָס זי האָט באַקומען פון אירע פאַר־

לעגערס. נישט קוקנדיק אָבער אויף אירע באַגרענעצטע מיטלען האָט זי דאָך געהאָלפֿן פֿינאַנציעל אַנדערע קינסטלער־פֿרײַנד.

אין 1933, נאָך דעם ווי נאַציס האָבן זי אָנגעגריפֿן, איז זי אַנטלאָפֿן קיין ציריך, שווייץ, וווּ זי איז אַ מאָל אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר שלאָפֿן בײַ נאַכט אויף אַ באַנק אין אַ פּאַרק. אַ דאַנק דעם האָט מען זיך דערוווּסט ווער זי איז. זי האָט דאָרט פֿאַרעפֿנטלעכט לידער אין דײַטשע צײַטונגען און אין קלאַוס מאַנס „די זאַמלונג״.

אין 1934 איז עלזע לאַסקער־שילער אײַנגעלאַדן געוואָרן פֿון אַ גריכיש פּאָרל אויף אַ רײַזע קיין אַלעקסאַנדריע און פֿון דאָרט קיין ארץ־ישראל. אין 1937 האָט זי פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער שווייץ אַ באַגײַסטערט בוך וועגן איר א״י־באַזוך אונטערן נאָמען: „דאָס העברעערלאַנד״. אין זעלבן יאָר איז זי צום צווייטן מאָל געפֿאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרט פֿאַרברענגט צוויי חדשים. זי איז געקומען צום דריטן מאָל מיט אַ פּלאַן פֿון אַ קורצן וויזיט, אין אַפּריל 1939. אָבער די זיבעציק־יאָריקע דיכטערין איז שוין דעמאָלט געווען שוואַך און אויסגעמאַטערט פֿון דער רײַזע און איז פֿאַרבליבן אין לאַנד. זי איז אָבער פֿאַרבליבן אַקטיוו און געלייענט לידער און פּראָזע אויף ליטעראַרישע אָוונטן אין ירושלים, תל־אביב און חיפה. זי האָט אין ארץ ישראל אויך געגרינדט אַ פֿאַראיין, וווּ קינסטלערס און וויסנשאַפֿטסלײַט האָבן געהאַלטן פֿאָרלעזונגען.

אין אָנהייב יאַנואַר 1945 איז זי קראַנק געוואָרן אויף אַנגינאַ פּעקטאָריס און געשטאָרבן דעם 22טן פֿון זעלביקן חודש אין אַ שפּיטאָל אין ירושלים. זי איז געקומען צו קבורה אויפֿן הר הזיתים.

*

מיט 2.600 יאָר צוריק האָט אויף אַ גריכישן אינדזל געלעבט און געשאַפֿן די געניאַלע דיכטערין סאַפֿאָ, וועמענס געציילטע געבליבענע שורות גיבן איבער פֿונקען פֿון איר ווולקאַנישן טעמפּעראַמענט און דעם געטלעכן אָטעם פֿון איר אומשטערבלעכער פּאָעזיע. צווישן אירע געציילטע שורות איז דער דאָרשטיקער זאָג: „און איך בענק און איך זוך״.

פֿאַר דער פֿלאַם־פֿײַערדיקער און באַרוישט־באַרוישנדיקער דיכטערין עלזע לאַסקער־שילער וואָלט מען די שורה פֿון דער „געטלעכער סאַפֿאָ״ געקאָנט אָנווענדן ווי אַ סומאַ סומאַרום פֿון איר אינהאַלטרײַכן לעבן און שאַפֿן.

סטעפֿאַן צווייַג:
אַן איכה אויף חורבן־אייראָפּע

אין יאָר 1942, ווען די נאַצישע האָרדעס האָבן זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם איבער אייראָפּע און אַפֿריקע און געדראָעט אַרייַנצוּוואָרפֿן די וועלט אין אַ תהום פֿון באַרבאַריזם און פֿינצטערניש, איז אין ווייַטן בראַזיל באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער אײדעלער שרייַבער סטעפֿאַן צווייַג.

סטעפֿאַן צווייַג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1881 אין ווין, אין אַ פֿאַרמעגלעכער ייִדישער פֿאַמיליע, האָט געהערט צו אַן אויסדערוויילטן קרייַז, צו אַ גייַסטיקער און קינסטלערישער עליטע פֿון שרייַבערס — הויפּטזאַכלעך ייִדישע לויט זייער אָפּשטאַם — וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אין דעם געמיטלעכן יאָהאַן שטראַוסישן און קייזערלעכן ווין.

צו דעם קרייַז האָבן געהערט אַזעלכע אויסגעצייכנטע דיכטערס און פּראָזע־שרייַבערס ווי ריכאַרד־בער האָפֿמאַן, פֿראַנץ ווערפֿעל, הוגאָ פֿאָן האָפֿמאַנסטאַל, פּעטער אַלטענבערג און אַנדערע.

סטעפֿאַן צווייַג איז געווען פֿאַרפֿלאַנצט אין אַ סביבה וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם אַראָמאַט פֿון פֿייַנסטער קולטור. דאָס איז געווען די צייַט פֿון די לעצטע צוויי צענדליגער פֿון 19טן יאָרהונדערט און די ערשטע 14 יאָר פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַ צייַט, וואָס איז געווען פֿאַרהעלטענישמעסיק פֿרייַ פֿון קריג, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זענען דעמאָלט יאָ פֿאָרגעקומען „לאָקאַלע" מלחמות צווישן באַזונדערע לענדער. אָבער „קליינע" מלחמות זענען כמעט אַ נאַטירלעכע דערשייַנונג אין דער געשיכטע פֿון פֿעלקער; דאָס זענען קליינע אויסברוכן פֿון דעם סאָציאַלן ווולקאַן וואָס רופֿט זיך „מענטשהייט".

סטעפֿאַן צווייַג האָט געהאַט דאָס גליק צו לעבן אין אַזאַ פֿאַרהעל-

טענישמעסיק רויִקער און אידילישער צײַט און סביבה. אייראָפּע, די היסטאָרישע אַרענע פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויפטרייסלונגען, האָט דערגרייכט אַן אָנגעזעענע דערהויבונג אויף אַלע שטחים. ס'האָבן גע־בליט אין אַלע זייערע װוּנדערלעכע פאַרבן די פאַרשיידענע קונסטן און צום שענסטן האָט געבליט די אומבאַשטימטע, געהיימנישפולע קונסט אַן נאָמען, וועלכע איז דער סטימול און אויסדרוק פון אַלע קונסטן — די בענקשאַפט צו עפּעס העכערס (דער גרויסער יצחק מאיר װײַסענבערג האָט דאָס אויסגעדריקט מיט זײַן װוּנדערלעכער דעפיניציע פון קונסט: „בענקשאַפט צו בענקשאַפט").

סטעפאַן צווײַג האָט זײַן שאַפונג־וועג אָנגעהויבן מיט לידער, אין וועלכע עס איז אָבער נישט געקומען צום אויסדרוק זײַן שעפערישע פער־זענלעכקייט. ער האָט באַוויזן דיכטערישע אייגנשאַפטן אין זײַנע דערציי־לונגען, וואָס האָבן געהאַט אין זיך דעם חן פון צאַרטער ראָמאַנטישקייט, די פרישקייט פון דער ערד נאָך אַ פרילינג־רעגן און די צעשטורעמטע לײַדנשאַפט פון כאַראַקטער הוראַגאַנען. שעפערישע כוחות זענען ווי אַ פרישער שטראָם, אַ קוואַל וואָס שאַפט זיך אַן אויסגאַנג, אויב ער ווערט ערגעץ געשטערט.

סטעפאַן צווײַג, דער צאַרטער דיכטער און פײַנער פּסיכאָלאָג, וואָס האָט זיך נישט אַנטפּלעקט אין מעדיום פון ליד, האָט געפונען זײַן תיקון אין דער דערציילונג, עסיי, דראַמע און גאָר באַזונדערס אין זײַן מאָנו־מענטאַלער קריטיש־ביאָגראַפישער סעריע פון גרויסע געשטאַלטן פון דער וועלט־ליטעראַטור און אייגנאַרטיקע געשיכטלעכע פיגורן, גרויסע שרײַבערס, ווי דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, עראַזמוס, באַלזאַק, ראָלאַן; אינ־טערעסאַנטע געשיכטלעכע געשטאַלטן ווי דער פּאָרטוגעזישער ים־פאָר־שער מאַגעלאַן, די אומגליקלעכע קעניגין פון פראַנקרײַך, מאַרי־אַנטואַנעט; דער געוויסנלאָזער פראַנצויזישער פּאָליטיקער־אַוואַנטוריסט, זשאָזעף פושע. ס'איז ריזיק זײַן ביאָגראַפיש־קריטיש ווערק, וואָס נעמט אַרום פאַרשיידענע עפּאָכעס און לענדער.

צווײַג האָט געהאַט די צוויי הויפּט־אייגנשאַפטן פון אַ קולטור־ און קונסט־קריטיקער פון פאַרנעם. ער איז געווען פון גרויסן אינטעלעקטואַלן שוווּנג. קלאָר, אַ לאַנדשאַפט־פאָרשער מוז אַרויפגיין אויף אַ באַרג־שפּיץ; אַ פאָרשער פון קולטור מוז אויך אַרויפגיין אויף דעם פונקט פון אינטעלעק־

טועלער דערהויבונג, פון וואַנען ער קאָן זען די פּערספּעקטיוו פון פעל־קער און יחידים. צווייג האָט געהאַט די פעיִקייט פאַר קריטישן אַנאַליז, די קענטשאַפט פון די „רעדלעך" און „ספּרוזשינעס", וואָס ברענגען אין באַוועגונג מענטשן און קינסטלערישע ווערק. די גרעסטע מעלה זײַנע ווי אַ קריטיקער איז געווען זײַן זיכערער דיכטערישער אינסטינקט. אין יע־דער קונסט איז, נאַטירלעך, פאַראַן אַן עלעמענט פון ראַציאָנאַליזם און לאָגיק. אָבער בלויז מיט אַנאַליז און לאָגיק קאָן מען ווײַט נישט דערגיין אין קעניגרײַך פון קונסט. דער בעלגישער פּאָעט מעטערלינק האָט ערגעץ אַ ליד, אַ שילדערונג ווי ער קומט מיט אַ ליכטל אין האַנט און גייט דורך פאַרשיידענע צימערן. צום סוף קומט ער מיטן ליכטל פאַר דער לעצטער טיר, אָבער דער פלאַם ווערט פּלוצלינג אויסגעלאָשן. דאָס געשעט ווען מען קומט „באַוואָפנט" בלויז מיטן ליכט פון אַנאַליז און מעטאָדע צו דער טיר פון שעפערישן אויסדרוק. אַ קריטיקער וואָס קאָן בלויז אַנאַליזירן, איז ווי אַ זייגערמאַכער, וואָס קען נאָר צענעמען אַ פײַנעם זייגער, אָבער נישט אים צוזאַמענצושטעלן. דער עלעמענט פון באַגײַסטערונג און איג־טויִטיוון באַנעם פון דעם, וואָס דער קינסטלער האָט געוואָלט אויסדריקן — דאָס איז אַ ווײַטערדיקער שעפערישער פּראָצעס. דער קריטיקער, ווי דער גוטער לייענער בכלל, ווערט דעמאָלט אַ מיט־שותף צו דעם אייגנט־לעכן שעפער, ווען ער באַנעמט ריכטיק דאָס ווערק. ס ט ע פ אַ ן צ וו יי ג האָט געקאָנט נישט בלויז „צענעמען", נאָר אויך באַנעמען דעם שעפערישן פענאָמען, אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז געווען אַ דיכטער־קריטיקער. און דאָס מאַכט פאַר אונדז אַזוי ווערטפול זײַן ליטעראַטור־געשיכטלעכע און פּסיכאָלאָגיש־קריטישע סעריע „בוי־מײַסטערס פון דער וועלט" און ענלעכע ווערק.

וועז ער כאַראַקטעריזירט אַזאַ אָריגינעלן שרײַבער ווי דזשיימס דזשאָיס, דעם באַרימטן אירישן ראָמאַניסט, און באַזונדערס זײַן ווערק „יוליסעס", שרײַבט ער: „דער זשאַנער: אַ ראָמאַן? איבער הויפּט נישט; אַ „סאַבאַט" פון גײַסט, אַ גיגאַנטישע „קאַפּריטשיאָ", אַ פענאָמענאַלע מוח־דיקע וואַלפּורגיס־נאַכט. אַ פילם פון פאַרבלענדנדיקן און ציטערנדיקע פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס, פון דעם אונטערבאַוווסטזיניקן, וואָס פאַרשלעפּט אין זײַן שטורעם אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף זײַן וועג, דאָס סובטילסטע אין באַנאַלסטע, דאָס פאַנטאַסטישסטע און פּרווידישסטע, טעאָלאָגיע און פּאָרנאָגראַפיע, ליריזם און טריוויאַליטעט"...

אַזאַ קריטישער סטיל איז אַן אויסדרוק סײַ פון צווײַגס שעפעריש־קייט און סײַ פון זײַן אַנאַליטישן כּוח.

סטעפאַן צווײַג איז געווען דער פאָרשער־פּסיכאָלאָג, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די לאַבירינטן פון מענטשלעכע כאַראַקטערן. און נישט שטענדיק זענען דאָס געווען שיינע כאַראַקטערן. אין זײַן גרויסן ווערק וועגן זשאָזעף פושע, דעם פראַנצויזישן פּאָליציי־מיניסטער אונטער פאַר־שיידענע רעזשימען, באַווײַזט צווײַג די גאַנצע אַמאָראַלישקייט פון דעם מי־ניסטער־קאַריעריסט מיט דעם לעצטנס אַן אויסדרוק וועגן נאַפּאָלעאָנס אומברענגען צוויי געפערלעכע קעגנערס: „דאָס איז געווען מער ווי אַ פאַרברעכן: דאָס איז געווען אַ נאַרישקייט".

*

איינע פון צווײַגס הויפּט־אייגנשאַפטן ווי אַ מענטש און קינסטלער איז געווען זײַן אידעאַליסטישער הומאַניזם, אָט דער שטריך קומט צום אויסדרוק אין זײַן לעבן און אין זײַן ווערק.

ער איז געבליבן דער אייביקער הומאַניסט, און פון דעם קוקפּונקט האָט ער אַלץ געשאַצט. בײַ אים, דעם קאָסמאָפּאָליט, איז נאַציאָנאַליזם — באַ־זונדערס אין זײַן דעגענערירטער, זאָאָלאָגישער פאָרעם פון מיליטערישן שאָוויניזם און פאַשיזם — געווען און געבליבן דער קוואַל פון אַל דאָס בייז. ער האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ מאָדערנע עבודה־זרה, אַ נײַעם מולך, צו וועלכן די וועלט איז מקריב איר יוגנט.

זײַן הומאַניסטישער וועלט־בליק האָט זיך דאָס גלײַכן מאַניפעסטירט אין זײַן קריטיק פון דער געשיכטע, ווי אויך אין דעם אופן ווי אַזוי מע שרײַבט און מע לערנט געשיכטע.

אין איינעם פון סטעפאַן צווײַגס עסייען, „די געשיכטע פון מאָרגן", באַווײַזט ער, אַז די געשיכטע־שרײַבערס זענען אומגערעכט מיט זייער אָפּגעבן אַזוי פיל פלאַץ פאַר שילדערן די „דערגרייכונגען" פון מיליטאַריס־טישע אַוואַנטוריסטן. ער דערמאָנט די מיליטערישע פעלד־צוגן פון נאַ־פּאָלעאָנען און אַנדערע קריגס־פירערס אויפן שאַכברעט פון דער גע־שיכטע. ער ווײַזט אָן אַז אין 1797, דעם זעלבן יאָר ווען נאַפּאָלעאָן האָט אָפּגעהאַלטן זײַן זיג איבער די עסטרײַכער אין דער איטאַליענישער שטאָט ריוואָלי, האָט אין דער זעלבער געגנט אַ קליינער געלערנטער, אַלע־

כאַנדראַ וואָלטאַ זיך געמאַטערט ביי אַ קליינעם אַפּאַראַט. „אַ פּונק האָט אַרויסגעשפּריצט פון זיין ערשטער באַטעריע, פּראָדוצירנדיק קראַפט, די קראַפט וואָס באַשטימט און ענדערט היינט אונדזער גאַנץ לעבן, וואָס באַלייכט דאָס צימער, ווו מיר געפינען זיך און מאַכט וויברירן אונדזער שטים איבער דער גאַנצער וועלט"... אַט אַזעלכע פאַקטן —מיינט צוויג— ווערט די קומענדיקע געשיכטע דערמאָנען אויפן ערשטן פּלאַץ, און בישט די „אום־ממשותדיקע" ענדערונגען פון דער געאָגראַפישער קאַרטע.

*

דער אויסבראַך פון דעם ערשטן וועלט־קריג, אין 1914, אין האַרץ פון אייראָפּע, האָט אינספּירירט סטעפאַן צווייגן צו שרייבן די דראַמאַטישע פּאָעמע „ירמיהו", אין וועלכער ער ברענגט קלאָר אַרויס זיינע געדאַנקען און שטימונגען פון אַ הומאַניסטישן רודף־שלום און אַנטי־מיליטאַריסט. דער קריג פון 1914—1918 איז געווען אַ „פאַרשפּיל" צו דער אומבאַשרייבלעכער טראַגעדיע פון צווייטן וועלט־קריג, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע ביז איצטיקע טראַגעדיעס פון דער מענטשהייט. צווייגס וועלט האָט געקראַכט. ער האָט אין יאָר 1933, ווען דער טייוול איז געקומען צו דער מאַכט, אויסגעוואַנדערט פון „זיין" ווין קיין ענגלאַנד, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט... אין יאָר 1941 איז ער צוזאַמען מיט זיין צווייטער פרוי געפאָרן קיין בראַזיל, ווז ער איז געווען שעפעריש, אָבער זיין וועלט, די „וועלט פון נעכטן", איז אונטערגעגאַנגען. דער מחבר פון בוך „ירמיהו" איז איצט אַליין געוואָרן אַ קלאָגער, אַ זינגער פון אַ האַרץ־רייסנדיקן איכה־ניגון; דאָס איז געווען: איכה ישבה בדד אייראָפּע. דער פאַרצווייפלטער זינגער פון דער מאָדערנער איכה איז געזעסן ביי די מעכטיקע טייכן פון בראַזיל און געקלאָגט אויפן באַנקראָט פון דער אייראָפּעישער קולטור — דאָס וווּנדערלעכע אָרט אין דעם וועלט־גאָרטן, וואָס איז געווען אונטערגעפוילט.

אין איינעם אַ טאָג פון יאָר 1942 האָט דער פאַרצווייפלטער דיכטער אָפּגעשפּילט דעם לעצטן אַקט פון זיין לעבנס־טראַגעדיע און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוזאַמען מיט זיין פרוי.

סטעפאַן צווייג איז געווען געשעצט און באַליבט ביי די גרויסע אייראָפּעישע קינסטלערס און שרייבערס — סיי פאַר זיינע שרייבערישע מעלות

און סײַ פּאָר זײַנע פּײַנע אײגנשאַפּטן װי אַ מענטש און פרײַנד. דערויף האָבן עדות געזאָגט זײַנע גרויסע אײראָפּעיִשע פרײַנד, אַזעלכע װי ראָמען ראָלאַן, הערמאַן העסע, פראַנץ װערפעל און זייערס גלײַכן.

*

סטעפאַן צווײַגס פרעמדקייט צום יידישן לעבן און יידישע פּראָבלעמען װערט אָפט דערמאָנט װי די שאָטן־זײַט פון זײַן ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט. אַ גרויסער טייל פון די באַשולדיקונגען זענען אמת. זיי װערן, אָבער, פאַרמילדערט אַ דאַנק זײַן ספּעציפישן אידעאַליזם, אַ רעזולטאַט פון גלויבן אין דער אַנטשטייונג פון אַ נײַער מענטשהײַט, קודם כל פון אַ נײַער אײראָפּע, באַלויכטן פון אמתער ברידערלעכקייט און הומאַניזם. די געשיכטע האָט, צום באַדויערן, אין גאַנצן אָפּגעלייקנט זײַנע גרונט־פּרינציפּן.

מע מוז, אָבער, נעמען אין באַטראַכט, אַז צווײַג איז נישט געווען אין גאַנצן פרעמד און ווײַט פון יידישע פּראָבלעמען. זײַנע ערשטע שאַפונגען — נאָך װי אַ גימנאַזיסט — האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער ציוניסטישער צײַטשריפט „די װעלט" און אין אַנדערע יידישע אויסגאַבעס. זײַן יידיש געפיל קומט אויך צום אויסדרוק אין זײַן װערק „ירמיהו". סע דאַרף אויך דערמאָנט װערן, אַז סטעפאַן צווײַג האָט אין זײַן צוואה געבעטן, אַז זײַנע בריוו און מאַנוסקריפּטן זאָלן איבערגעגעבן װערן דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. זײַן עזבון איז, אין אײַנקלאַנג מיט דעם װוּנטש, געבראַכט געוואָרן נאָך דעם קריג קיין ירושלים און געפינט זיך אין דעם אַרכיוו פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט. לעצטנס זענען די אַלע וויכטיקע מאַטעריאַלן קאָנצענטרירט אין ספּעציעלן „סטעפאַן צווײַג זאַל", אין דער געבײַדע פון דער ביבליאָטעק. דאָרט געפינען זיך איבער 400 בריוו, וואָס ער האָט אויסגעטוישט מיט ראָמען ראָלאַן, װי אויך אַ בריוו־אויסטויש מיט טעאָדאָר הערצל, וואָס האָט, װי פעליעטאָן רעדאַקטאָר פון דער „װינער נײַע פרײַע פּרעסע", פאַרעפנטלעכט צווײַגס ערשטע אַרבעטן.

פראַנץ קאַפקאַ,
דער קינסטלער פון חלומדיקער וואָר

פראַנץ קאַפקאַ געהערט צו די דיכטערס וואָס מען מוז „גיין אין זייער לאַנד”, כדי זיי צו זען. און דאָס „לאַנד” מיינט: זייערע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, זייער נשמהדיקע טאָפּאָגראַפיע, וואָס גיט אַ באַשייד אויף זייער ווערק.

דער לעגענדאַריש־געוואָרענער קינסטלער איז געבוירן געוואָרן אין דער לעגענדאַרישער שטאָט פּראַג, דעם 3טן יולי, 1883, אין אַ שפּראַכלעך־אַסימילירטער פאַרמעגלעכער ייִדישער משפּחה. ער האָט געקראָגן זײַן דערציִונג אין דער דײַטשער גימנאַזיע און אין דײַטשן אוניווערסיטעט פון פּראָג, ווו ער האָט אין 1906 גראַדויִרט ווי אַ דאָקטער פון יוריספּרודענץ. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער אָנגענומען אַ פּאָסטן אין אַן איטאַליענישער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. די אַרבעט־באַדינגונגען זענען אָבער געווען נישט־פּאַסיק פאַר אים און ער האָט, אין 1908, אָנגענומען אַ פּאָסטן אין אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט קעגן אומגליק־פאַלן צווישן אַרבעטער, וואָס איז געווען טיילווײַז אונטער רעגירונגס־קאָנטראָל. אין דער אינסטיטוציע האָט קאַפקאַ געהאַט ווינציקער אַרבעט־שעהן און אַ גרעסערן פאַרדינסט, אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען גינסטיק פאַר זײַן שעפערישן פלי. און היות ער האָט נישט געוואָלט לעבן פון דער פען, באַזונדערס פון זשורנאַליזם, האַלטנדיק דאָס פאַר אַ סתירה צו זײַן שרײַבערישן אידעאַל, האָט ער געמוזט בלײַבן אויף דעם ביוראָ־פּאָסטן.

אין זײַן קורצע לעבן איז קאַפקאַ געווען אונטער אַ דויערנדיקן אינער־

זעכן געראַנגל. קודם כל איז אים געווען דערווידער די הערשערישע נאַטור פון זײַן פֿאָטער, אַ וויטאַל־סאַנגווינישער טיפּ, וואָס האָט אים געוואָלט „מאַכן פֿאַר אַ לײַט" און אים צוגעדריקט מיט זײַן ברוטאַלער ליבשאַפֿט. פראַנץ קאַפקאַ האָט אויך פּסיכיש נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיט זײַן טעגלעכער רוטין, מיט דער גראָבקייט און דער טריוויאַלער אַרבעט־דיסציפּלין אין דער פֿאַרזיכערונגס־אינסטיטוציע. גאָר באַזונדערס איז זײַן אַנגסט און פּײַניקנדיקע ספקות און פֿאַרצווייפלונג געקומען צום אויסדרוק אין זײַן אינטימען געפיל־לעבן. ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ פֿײַן מיידל אין מײַ, 1914, אָבער אין סוף פון דעם יאָר האָבן זיי איבערגעריסן צווישן זיך, אין יולי 1917 האָבן זיי דאָך זיך פֿאַרקנסט, אָבער האָבן ווי־דער איבערגעריסן אין דעצעמבער פֿון דעם זעלבן יאָר, נאָך דעם ווי עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אַז קאַפקאַ איז קראַנק אויף טובערקולאָז.

אין 1920 האָט פראַנץ קאַפקאַ זיך באַקענט מיט אַ יונגער טשעכישער שרײַבערין מילענאַ יעסענסקאַ, די פרוי פון אַ ייִדישן פּראָפעסאָר, וואָס איז געווען סעפּאַרירט פון אים. די פרײַנדשאַפֿט האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ שטורמישער ליבע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע בריוו צו איר, וועלכע זענען מיט פיל יאָרן שפּעטער דערשינען אין בוכפֿאָרעם.

אין יאָר 1923 איז פראַנץ קאַפקאַ אַריבערגעפֿאָרן וווינען אין בער־לין און זײַנע לעצטע חדשים זענען באַשטראַלט געוואָרן פון דעם פֿאַמי־ליע־גליק, וואָס ער האָט ענדלעך געפֿונען אין דעם צוזאַמענלעבן מיט דאָראַ דיאַמאַנט, אַ ייִדיש מיידל פון פּוילן. זײַן קראַנקייט האָט זיך פֿאַרער־גערט און ער איז אין מאַרץ 1924 אַריבערגעפֿאָרן מיט זײַן פרײַנדין אין אַ סאַנאַטאָריום נעבן ווין, וווּ ער איז געשטאָרבן דעם 3טן יוני.

*

פראַנץ קאַפקאַ, דער יונג־פֿאַרשטאָרבענער טשעכישער ייִד, וואָס ווערט באַטראַכט ווי איינער פון די גרעסטע און טיפסטע וועלט־קינסט־לער, רייצט מיטן כישוף פון זײַן ווערק ווי פון זײַן פּערזענלעכקייט. און ווען מע באַקענט זיך מיט זײַן „לאַנד", זעט מען ווי דער מענטש, דער שעפֿער און זײַן ווערק זענען איינס. מע זעט אָפֿט, ווי גרויסע אָדער גרויס־אַספּירירנדיקע שרײַבערס האָבן אַן אימפּאָזאַנטע גלאַנציקע „פֿאַסאַדע", הינטער וועלכער מען געפֿינט אַ ביאָגראַפֿישן „הינטער־הויף" מיט פֿאַר־

שטויבטע שמאַטעס און „שברי־כלים". אַזעלכע קינסטלערס קאָנען זײַן גרויסע מאָראַל־פּרעדיקערס און פּובליסיטי־אַגענטן פון יראת שמים, אָבער זייער אמתער אינטימער „איך" איז — צו באַנוצן די פּרווידיאַנישע טערמינאָלאָגיע — „אַ שלאַכטפעלד, ווו דער „סופּער־עגאָ", דאָס לויטערע געוויסן און גוטסקייט פאַרשפּילט גאָר אָפט צום id דעם „אינסטינקטן קעלער". מע קען אַפילו געפינען אַ סך אומסימפּאַטישס בײַ אַזאַ אַלגע־מיין־באַרימטן קינסטלער־ריז און גרויסע פּערזענלעכקייט ווי לעוו טאָלסטאָי און אַוודאי בײַ דאָסטאָיעווסקין.

מאַקס בראָד, ווען די וועלט האָט צו פאַרדאַנקען, וואָס קאַפקאַס גרויסע ווערק זענען דערשינען נאָכן שרײַבערס טויט, האָט אין זײַן ביאָגראַפיע וועגן דעם דיכטער פון „שלאָס" און „פּראָצעס" געשילדערט די נאָבעלע געשטאַלט פון זײַן באַגעניטן פרײַנד, זײַן זעלטן־לויטערן כאַראַקטער פון אַבסאָלוטער ערלעכקייט, באַשיידנקייט און געוויסנקייט. ער שטעלט אַרויף זײַן יוגנט־פרײַנד אויף אַ הויכן מאָראַלישן און עטישן פּיעדעסטאַל און דערקלערט פּינערלעך, אַז די קאַטעגאָריע פון הייליקייט איז די איינציק ריכטיקע קאַטעגאָריע, אונטער וועלכער עס קען באַטראַכט ווערן קאַפקאַס לעבן און שאַפן.

דער מײַסטער פון „שלאָס" איז אויך געווען אידענטיש מיט זײַן ווערק אין דער „תורה שבעל פּה" — אין דעם גערעדטן וואָרט. אין אייג־קלאַנג מיט זײַן גרויסער באַשיידנקייט, האָט קאַפקאַ נישט קיין סך גערעדט, ספּעציעל אין אַ פרעמדער געזעלשאַפט, אָבער ווען ער האָט יאָ גערעדט — איז דאָס געווען אַ שנירל געדאַנקען־פּערל און בריליאַנטענע בילדער און פאַרגלײַכן.

פון דעם עדות זאָגן פון זײַנע פרײַנד, צווישן זיי מאַקס בראָד, מילענאַ יעסענסקאַ און אַנדערע שרײַבערס, קען מען זיך שאַפן אַ בילד פון קאַפּ־קאַס גײַסטיקער „מאַפּע", פון זײַן כאַראַקטער־לאַנדשאַפט און נשמה־דיקן קלימאַט. דאָס איז געווען אַ פּערזענלעכקייט פון די שאַרפסטע קעגנ־זאַצן, ווי אַ באַרגיקער פּייזאַזש, וואָס איז אַנטשטאַנען פון אַ פּײַערדיקן געבורט.

פאַר אים איז געווען כאַראַקטעריסטיש זײַן טיפער גלויבן אין דעם „יש" אין עפּעס אַן אומדערגרייכלעכער גוואַלטיקייט, און פון דער צווייטער זײַט — אַ טיפער צווייפל. פון איין זײַט די האָפענונג אין דער גוטער

זייט פון לעבן, און פון דער צווייטער — אַ געוואַלדיקער יִיאוש; אַן אומענדלעכער דאָרשט צו דער אומענדלעכקייט, צום אַבסאָלוטן אין זיין לעבן און ווערק; און די געזונטע, זאַפטיקע ערדישקייט, אין וועלכער ער איז געווען פאַרוואָרצלט מיט זיינע חושים. אָבער בישט געקוקט אויף זיין אומגעטערייסטן פעסימיזם, האָט קאַפקאַ געהאַט אַ טיפן אינטערעס פאַר פאַר־שיידענע סאָציאַלע פּראָבלעמען: די אַרבעטער־פראַגע, דערציִונג, געזונט־הייט און אַזוי ווייטער. פאַר אַ צייט האָט ער אַפילו פאַרקערט אין אַן אַנאַר־כיסטן־קרייז.

פראַנץ קאַפקאַס טראַגיזם איז געווען אַ פאַרכישופטער קרייז פון אָב־יעקטיווע רעאַקציעס. באַזונדערס איז דאָס געווען אין זיינע אָנשויאונ־גען אין אינטימען לעבן, וואָס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס, אויב נישט הויפּטזאַכלעך, באַדינגט פון זיין אַנגסט־קאָמפּלעקס און גרויסער געוויסנ־האַפטיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל.

אין זיין „בריוו צו מיין פאָטער", וואָס איז נאָך זיין טויט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין בוך־פאָרעם, טענהט זיך אויס דער יונגער קאַפקאַ מיט זיין דאָמינירנדיקן פאָטער און ווייזט ווי ער, דער גייסטיק־צעריסענער זון, האָט זיך געפילט קליין און דערדריקט פון פאָטערס מאַסיווער געשטאַלט, פון זיין בעל־גופישער העלדישקייט און לעבנס־פעיִקייט. וואָס שייך דעם פאַמיליע־פּראָבלעם שרייבט ער אין דעם בריוו:

„חתונה צו האָבן, שאַפן אַ פאַמיליע, צו אַקצעפּטירן אַלע קינדער וואָס קומען, אויפצוהאַלטן זיי אין דער אומזיכערער וועלט און אַפילו צו פירן זיי אַ ביסל אויף זייער וועג איז, לויט מיין מיינונג, דאָס העכסטע, וואָס ס'קען ווערן עס איז געלינגען אַ מאַן. סוף כל סוף איז נישט נייטיק אַריינצופליען דירעקט אין מיטן פון דער זון, נאָר בלויז צוצוקריכן צו עפּעס אַ ריינעם פונקט אויף דער ערד, אויף וועלכן די זון שיינט אַ מאָל, און ווו מען קען זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען".

אין שייכות מיט דעם איז אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ כאַראַקטע־ריסטישן עפּיזאָד, וואָס ווערט דערמאָנט פון קאַפקאַס ביאָגראַפן. דער קינסטלער פון „פּראָצעס" האָט גערן געהאַט צו דערציילן דעם עפּיזאָד פון דעם פראַנצויזישן שרייבער גוסטאַוו פלאָבער, דעם עסטעט און אומדער־מידלעכן וואָרט־שלייפער, וואָס האָט זיין לעבן מקריב געווען פאַר קונסט. די פאַסירונג איז באַשריבן געוואָרן פון פלאָבערס אַ פלימעניצע אין

אירס אַ בוך זכרונות. זי דערציילט ווי פלאָבער איז איין מאָל געווען מיט איר אויף אַ באַזוך בײַ אַ זייער גליקלעך און געזונט־שפּראָצנדיק פּאָרל, אַרומ־גערינגלט מיט אַ חברה צעשטראַלטע „קליינוואַרג". אויפן וועג צוריק אַ־היים האָט פלאָבער זיך טיף פאַרטראַכט און שפּעטער פּלוצלינג אויסגערופן: „איל סאָן דאַן לע ווראַ" (זיי זענען אין דער אמתן לעבן). די זכרונות־שרײַבערין באַמערקט, אַז איר פעטער האָט אויפן וועג אַהיימצו כסדר איבערגעחזרט די פראַזע.

קאַפקאַס אָפטע דערמאָנען וועגן פלאָבערס באַדויערנדיקער באַמער־קונג, ווײַזט ווי טיף ער האָט געוויטיקט, וואָס ער —ווי פלאָבער— איז נישט דערגאַנגען צו „דעם אמתן", צו וועלכן ער האָט אַזוי געבענקט.

(פלאָבער און קאַפקאַ זענען, אגב, נישט די איינציקע גרויסע שע־פער, וואָס דאָס פעלנדיקע „אמתע" איז געווען איינע פון זייערע „בענק־שאַפט־פּײַלן". איך האָב מיט אַ צײַט צוריק געלייענט וועגן אַ רירנדיקן עפּיזאָד מיט ביאַליקן. דער דיכטער פון „אבי" און „דאָס לעצטע וואָרט" איז איין מאָל, פאַרנדיק אין אַ באַן ווי פאַרכישופט געוואָרן פון אַ פּרעכ־טיק קינד, אַ מיידעלע, וואָס איז געזעסן אין זעלבן וואַגאָן. ער האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט אַוועקגעגעבן זײַן גאַנצן ליטעראַ־רישן „עולם הבא" צו האָבן אַזאַ קינד).

*

אויב קאַפקאַ האָט זיך געראַנגלט אין אַ גורלדיקן פּלאָנטער פון קאָנפליקטן, אַנגסט און פּײַן, איז ער דאָך געווען פרײַ פון אַ ספּעציפישער שרײַבערישער „אַכילעס־פּיאַטע" — דעם דראַנג צו אָנערקענונג און דעם אינערלעכן חורבן וואָס זי ברענגט מיט זיך. ער איז נישט געווען גע־בונדן פון דער „באַרימטקייט", וואָס איז, לויט זשאַן קאָקטאָ, דער לעצטער „פּאָרטל", מיט וועלכן די געזעלשאַפט צעשטערט דעם קינסטלער. קאַפקאַס באַשיידנקייט, זײַן גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיזם און זײַן פאַרמעסט צום העכסטן סטאַנדאַרט האָבן אים אימוניזירט קעגן די כבוד־באַצילן, וואָס קאָרופּטירן אַ סך שעפערישע פּערזענלעכקייטן.

אין זײַן דערהויבנקייט איבער אַל דאָס קליינלעכע און וווּלגאַרע איז קאַפקאַ געווען ענלעך צו אַזעלכע גאונישע נאַטורן ווי אַ פּאַסקאַל, קיר־

קעגאַר און טאָראָ, מיט וועלכע ער האָט אויך געהאַט „בשותּפות״ דעם אָדלער־פלי און דעם טיפסטן אַרײַנבליק אין דעם מענטשלעכן תהום.

קאַפקאַס נאָמען איז געווען ווייניק באַקאַנט בײַ זײַן לעבן. בלויז באַ־גרענעצטע קרײַזן, לייענערס און שרײַבערס האָבן געוווּסט וועגן אים. שוין נאָך זײַן טויט, ווען מאַקס בראָד האָט געזוכט רעקאָמענדאַציעס פון אָנ־געזעענע שרײַבערס צו דערמוטיקן דאָס אַרויסגעבן קאַפקאַס ווערק, האָט געדרהאַרט האופּטמאַן אים געענטפערט, אַז ער האָט ליידער קיין מאָל נישט געהערט וועגן אַ שרײַבער מיט אַזאַ נאָמען.

*

קאַפקאַ, וואָס איז געשטאָרבן צו 41 יאָר, דעם 3טן יוני 1924, איז אויך ענלעך געווען צו פּאַסקאַלן, דעם געניאַלן פראַנצויזישן קינסטלער־דענ־קער פון 17טן יאָרהונדערט; צו קירקעגאָרן, דעם בליציקן דענישן רע־ליגיעזן פילאָסאָף און צו טאָראָן, דעם לויטערן אַמעריקאַנער נאַטור־דיכ־טער פון 19טער יאָרהונדערט מיט זײַן יסורימפולן און יונג־פאַרשניטענעם לעבן. פראַנץ קאַפקאַ איז אָבער געווען מער קאָמפּליצירט, מער פאַראַנקערט אין לעבן, מיט מער קאָנטראַסטן און פילפאַרביקער ווי אַ קינסטלער.

מאַקס בראָד האָט געשריבן אין זײַן ביאָגראַפיע, אַז „זינט דעם ספר איוב... איז קיין מאָל נישט אַזוי ווילד געקעמפט געוואָרן מיט גאָט, ווי אין קאַפקאַס „פּראָצעס״, „דער שלאָס״ אָדער „אין דער שטראָף־קאָלאָניע״.

דער געראַנגל מיטן העכסטן און דאָס אונטערטויכן אין די טיפע־נישן פון גורל און זענען אייגנטלעך די לייט־מאָטיוון פון קאַפקאַס אַנדערע ווערק: דערציילונגען, טאָג־ביכער, אַפאָריזמען, משלים, בריוו.

ער איז דער אַרכיטעקט פון אַ פאַרכישופטן „שלאָס״ און דער רע־פּאָרטער פון סאַמע ביזאַרסטן „פּראָצעס״.

די העלדן פון „שלאָס״ און פון „פּראָצעס״, וואָס ביידע האָבן דעם כאַראַקטעריסטישן איניציאַל „ק״, באַוועגן זיך אין אַ וועלט און אין כּיבֿות, וואָס זענען אָפּגעשפּיגלט אַזוי רעאַל ווי די ווירקלעכקייט און אַזוי אַבסורדאַל־פאַנטאַסטיש ווי אַ חלום. און אַזעלכע איז די אַטמאָספערע פון זײַנע אַנדערע ווערק, ווו אַלץ באַוועגט זיך אויף חלום־שליאַכן און קאָש־מאַרנע בלינדע געסלעך.

דער יונגער טשעכישער ייִד, וואָס איז אפשר דער גרעסטער און

באַרימטסטער (באַרימט אין ווערטיקאַלן עליטע-זין נישט אין האָריזאָנ־טאַלן מאַסן-זין) דײַטשישער שרײַבער זינט י. וו. געטע, איז זיך מתוודה אין אַ טאָגבוך־פאַרצייכענונג, אַז פאַר אים איז שרײַבן — אַ פאָרעם פון תּפילה.

און די תּפילה איז — זײַן הויך־געלאָדענע, אינטענסיווע וויזיאָנע־רישקייט און אומענדלעכע בענקשאַפט צום אומענדלעכן און זײַן געראַנגל פאַר דעם לייטער, וואָס זײַן שפּיץ דערגרייכט צום הימל.

ער האָט געשאַפן אַן אַבסורדאַלע וועלט, ווו די העלדן ווערן געצויגן ווי מאַריאָנעטן פון גרויליקן מיסטעריעזן „שטריקל־ציִער". אָבער ווי הימל־הויך און תּהום-טיף איז ער אין פאַרגלײַך מיט די „אַבסורדאַלאָגן", די סכע־מאַטישע טריק-מײַסטערס און שוואַרץ-קינסטלערס, ווי יאָנעסקו און זײַנע נאָך־הינקערס!

אין קאַפקאַס סטיל געפינען זיך פאַראייניקט די קעגנזאַצן פון הלכה און אגדתא, די דיאַלעקטיק פון תּופסות און די קלאָרע פּשטות פון רש"י, „פּשט" און „פּשט'ל".

אין זײַנע ווערק געפינען מיר אָריגינעלע און אויסערגעוויינטלעכע חלום־וואָר לאַנדשאַפטן; די קלאָרע פּלאַסטישקייט און די דעטאַל־אַספּעקטן פון טאָג פון איין זײַט און די וויזיעס, קאָשמאַרן פון דער נאַכט — פון דער צווייטער זײַט.

דאָס אַלץ האָט זיך פאַראייניקט אין קאַפקאַס סטיל, אין זײַנע ווערק און אין אַ ספּעציפישער בין־השמשות לאַנדשאַפט פון טאָג־נאַכט, פון רעאַליטעט־פאַנטאַסמאַגאָריע, וואָס איז איינציקאַרטיק אין דער ליטעראַטור.

*

קאַפקאַ איז אַ שרײַבער, וועמענס סוגעסטיווער צויבער איז געשטיי־גערט דורך דער שפּאַנונג און דינאַמיק פון זײַן אייביקן געראַנגל מיט דער וועלט און מיט זיך. דער אינערלעכער געראַנגל איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין זײַן באַציִונג צו „ייִדישקייט".

אין 1913, רעבעלירנדיק קעגן מאַקס בראָדס פּרוּוון צו דערנעענטערן אים צום ציוניזם, האָט ער אין זײַן טאָגבוך פאַרצייכנט: „וואָס האָב איך שותּפותדיקס מיט די ייִדן? איך האָב כּמעט גאָר נישט מיט מיר אַליין".

דער כאַראַקטעריסטישער ווײ־געשריי ווײַזט אויך אויף קאַפקאַס צעריסנ־קייט אין דעם פּרט.

פאַקטיש האָט ער שפּעטער זיך דערנעענטערט צום ציוניזם, געלערנט העברעיִש און אַפילו געחלומט פון אויסוואַנדערן קיין „פּאַלעסטינע״.

זײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט נאַציאָנאַלער ייִדישקייט און מיט דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדיש־קולטור, האָט ער געשלאָסן דורך זײַן קאָנטאַקט מיט אַ ייִדישער טעאַטער־טרופּע פון פּוילן, אין 1910. עס האָט אָנגעהויבן דערוואַכן אין אים אַן אינטערעס צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. ער האָט אַפילו אָרגאַניזירט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג מיטן אָנטייל פון ייִדישע אַקטיאָרן און געהאַלטן די אײַנלײַטונג־רעדע, אָנהויבנדיק מיט פאַרזיכערן די אָנוועזנדיקע, אַז זיי פאַרשטייען מער ייִדיש, ווי זיי מיינען.

אין איינעם פון זײַנע „בריוו צו מילענאַ״ דערציילט ער זײַן פרײַנדין, אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַנטי־ייִדישער העצע אין די גאַסן פון פּראָג און געהערט איינעם אָנרופן די ייִדן „פּאַרשיווע פּלעמענאַ״ (שמוציק געזינדל). קאַפקאַ באַמערקט דערויף:

„איז נישט די נאַטירלעכסטע זאַך צו פאַרלאָזן דאָס אָרט ווו מען איז אַזוי שטאַרק פאַרהאַסט? (פאַר דעם איז נישט נויטיק קיין ציוניזם אָדער נאַציאָנאַלער געפיל). די העלדישקייט, וואָס באַשטייט אין בלײַבן דאָ, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איז זי פון ווערעם, וואָס קאָנען אויך נישט אויסגעראָט ווערן פון באָד־צימער״.

אין אַ ווײַטערדיקן בריוו צו זײַן פרײַנדין באַמערקט ער, אַז „ווענקאָוו״ (אָרגאַן פון דער רעאַקציאָנערער אַנטיסעמיטישער פויערים־פּאַרטיי), האָט לעצטנס דערקלערט אין אַ לײַט־אַרטיקל, אַז די ייִדן קאָרופּטירן און פאַרדאַרבן אַלץ, אַפילו אויך די פלאַגעלאַנטישע באַוועגונג אין מיטלעלטער (קריסטלעכע סעקטעס, וואָס זייערע מיטגלידער פלעגן זיך געבן שמיץ, אָדער דאָס לאָזן זיך טאָן פון אַנדערע, ווי אַ טייל פון רעליגיעזן ריטואַל). ער זאָגט, אַז אין דעם אַרטיקל זענען נישט אָנגעגעבן געוואָרן קיין דעטאַלן, און ער וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי ייִדן זענען געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פון די קריסטלעכע זעלבסט־פּײַניקערס.

פאַקטיש איז קאַפקאַ, דער טיפער קינסטלער און דענקער, אַליין געווען אַ „פלאַגעלאַנט״, אַ זעלבסט־פּײַניקער, און דאָס אידעלע פּראָבלעם ייִד־

װעלט איז געװען נאָך איין גײַסטיקער אויפּרײַס־שטאָף, נאָך איין עלעמענט אין זײַן שאַפן, װאָס איז באַזירט אויף אַן אומאויפהערלעכער „צוזאַמענ־שטויס־דינאַמיק".

אונדזער עפּאָכע, דאָס יאָרהונדערט פון טײַװולאָנישע משיח־מאַס־קאַראַדן און גאולה־בורלעסקן פון גרויליקע „פּראָצעסן", „סאָציאַלע פאַר־װאַנדלונגען" און „שטראָף־קאָלאָניעס", האָט געפונען אין קאַפקאַן דעם װיזיאָנער, װאָס האָט געשטאַלטיקט אין זײַן װערק דעם קאָשמאַר פון מענטש און װעלט. דעם טראַגי־קאָמישן קאָסמישן אַבסורד פון דעם זײַן.

מיט זײַן מעטעאָרישן לעבן און טיפזיניקן „פּירוש" אויף דעם װעלט־רעטעניש שטײַגט אָבער דער לעגענדאַרישער פּראָגער דיכטער װײַט אַריבער די גרענעצן פון אָרט און צײַט. ער איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ פײַערדיקן פרעג־צייכן — דער סך־הכל פון אונדזערע בענק־שאַפטן און ראַנגלענישן — װאָס הענגט איבער דער אייביקער נאַכט פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ.

אַרטור שניצלער,
דער וויזיסעקטאָר פון נשמות

אין אַן אַרײַנפיר־נאָטיץ פון טערעזאַ ניקל און היינריך שניצלער (זון פון דעם שרײַבער) ווערט דערקלערט, אַז אַרטור שניצלערס אויטאָביאָגראַפיע „מײַן יוגנט אין ווין" איז געשריבן געוואָרן צווישן 25סטן מײַ 1915 און דעם 14טן אויגוסט 1918. דער מעמואַרן־שרײַבער האָט אָנגעהויבן מאַכן דעם טראַנסקריפט מיט עטלעכע חדשים שפעטער און אים פאַרענדיקט דעם 28סטן יאַנואַר 1920.

מיר ווערן אויך געוווּיר, אַז פון שפעטער־געפונענע פאַרצייכענונגען איז צו זען, אַז אַרטור שניצלער האָט געפּלאַנט פאָרזעצן זײַנע מעמואַרן פאַר דער צײַט פון סוף 1889 ביז 1900. ער האָט אָבער, צוליב אומבאַקאַנטע מאָטיוון, אויפגעגעבן דעם פּלאַן און אין דעם בוך ווערט בלויז באַשריבן זײַן לעבן ביזן עלטער פון 28 יאָר.

אַ דורכגעטראַכט פאָרוואָרט צום בוך האָט געשריבן פרעדעריק מאָרטאָן, אַ מחבר פון דערפאָלגרײַכע ביכער („דהי ראָטשילדס" א"אַ), וואָס שטאַמט אַליין פון עסטרײַך און לעבט אין ניו־יאָרק.

מאָרטאָן ווײַזט אָן אויף דער ספּעציעלער צײַט, אָרט און סביבה, וואָס ווערט געשילדערט אין שניצלערס אויטאָביאָגראַפיע — ווין, די מעטראָפּאָליע פון דער עסטרײַכיש־אונגאַרישער אימפּעריע. ער דערמאָנט דעם אַפאָריזם פון דעם שאַרפזיניקן שרײַבער קאַרל קראַוז, אַז „ווין איז די לאַבאָראַטאָריע פון דעם אַפּאָקאַליפּסיס" (וויזיע פון וועלט־אונטערגאַנג).

מאָרטאָן ציט אַ פּאַראַלעל צווישן דער אַמאָליקער אימפּעריאַלער הויפּטשטאָט ווין און ניו־יאָרק, מיט די נאָך־העכערע געבײַדעס, און ער

דריקט אויס די מורא, אַז די אַמעריקאַנער מעטראָפּאָליע קאָן נאָך ווערן דאָס אָרט פון אַ גרעסערן אימפּעריע־קראַך.

אין דעם טרעפלעכן אַרײַנפּיר געפינען מיר אַ קאָנדענסירט בילד פון דעם „וואָלצערבנדיקן" ווין: וועגן דיביידע יאָהאַן שטראַוסעס, דעם פֿאָטער און דעם זון, וואָס האָבן מיט שפּע געזייעט פרייד און אַליין געווען עלנט און קרענקלעך.

מאַרטאָן האַלט, אַז די „שטראַוס איראָניע" איז געווען כאַראַקטעריס־טיש פאַרן אייבערפלעכלעכן גלאַנץ פון די האַבסבורג־לענדער. הינטער דעם ווינער גלאַנץ און איר פראַכט זענען געווען פאַרשפרייט געשלעכט־קראַנקייטן צווישן פאַרשיידענע שיכטן, באַזונדערס צווישן דער גאָלדענער יוגנט און די העכערע קרײַזן.

אַן אַנדערע קראַנקייט, וואָס איז נישט געווען אַזוי פאַרבאָרגן, אָבער דאָך נאָך אין די „ווייקעלעך", איז געווען דער אַנטיסעמיטיזם צווישן דעם געבילדעטסטן קלאַס פון ווין (שניצלער דערציילט אגב, אַז דער מעדיציני־שער אָפּיצירן־קאָרפּוס, ווו עס זענען געווען מערערע ייִדן, האָט געקראָגן דעם עפּיטעט: „מאָזעס־דראַגונער").

אַרטור שניצלער, דער פילזײַטיקער שרײַבער, איז געבוירן דעם 15סטן מײַ, 1862, אין ווין, און איז דאָרט געשטאָרבן דעם 21סטן אָקטאָבער, 1931. זײַן פאָטער איז געווען אַ דערפאָלגרײַכער און פראָמינענטער דאָקטער און פּראָפעסאָר פון לאַרינגאָלאָגיע. אויך זײַן זיידע פון דער מוטערס זײַט איז געווען אַ מעדיצינער.

דער יונגער אַרטור האָט, ווי זײַן פאָטער און זיידע, שטודירט מע־דיצין און אין פאַרלויף פון אַ צאָל יאָרן פּראַקטיצירט ווי אַ דאָקטער, לכתחילה אין זײַן פאָטערס פּאָליקליניק און שפּעטער פאַר זיך. ער האָט אָבער שפּעטער רעזיגנירט פון דער מעדיציניִשער פּראָפעסיע און זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור, וואָס איז אייגנטלעך געווען זײַן נייי־גונג שוין אין דער יוגנט, ווען ער האָט געלעגנהײַטלעך „געלידלט" און געשריבן פאַרשיידענע אַנדערע אומרײַפע ווערק.

אַרטור שניצלער איז געווען אַ מחבר פון ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמעס, אַפּאָריזמען־זאַמלונגען און אַנדערע שאַפונגען.

טייל פון זײַנע דראַמאַטישע ווערק (הויפּטזאַכלעך קאָמעדיעס) און

דערציילונגען זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן.

אין די מערסטע פון די שאַפונגען איז דער „גראַוויטאַציע־פּונקט״: ליבע און „סעקס״, וואָס שניצלער באַהאַנדלט מיט דער אָפנקייט און ציניזם פון אַ מעדיצינער. די אַ הויפּט־טעמע ווערט דורך שניצלערן געשטאַלטיקט אין אַ סך וואַריאַציעס, מיט אַ פײַנעם פּסיכאָלאָגישן אַרײַנבליק אין דער מענטשלעכער טראַגי־קאָמעדיע, מיט אַ קילער, סובטעלער איראָניע און סקעפּטיציזם.

אין קאָנצענטרירן זײַן קינסטלערישע אויפמערקשאַפט אויף ליבע און געשלעכט־לעבן איז שניצלער נאָענט צום פראַנצויזישן ראָמאַניסט און דערציילער גי דע מאָפּאַסאַן, צו וועלכן ער איז אויך ענלעך מיט זײַן פּסיכאָלאָגישער „טויכערײַ״.

אין די פּסיכאָלאָגישע „עקספּעדיציעס״ איז שניצלער אויך ענלעך צו זײַנעם אַ לאַנדסמאַן און מיטצײַטלער, זיגמונד פרויד. אַגב האָט דער באַגרינדער פון פּסיכאָאַנאַליז אָנגערופן שניצלערן מײַן „דאָפּל־קעגנער״ און האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיט אים געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ.

אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין דײַטש אין 1968, שילדערט דער מחבר זײַן היים, קינדהייט, יוגנט און שטודיום אין גימנאַזיע און שפּעטער אין דער אוניווערסיטעט; זײַן מיליטער־דינסט אין מעדיצינישן קאָרפּוס אין פאַרלויף פון אַ יאָר; זײַנע פאַרשיידענע אַוואַנטורעס און ראָמאַנטישע „סאַפאַרים״ אין דעם געמיטלעכן ציוויליזירטן ווין און אין אַנדערע שטעט. די דאָזיקע שילדערונגען לייענען זיך אָפּט ווי קאַפּיטלען פון קאַזאַנאָוואַס מעמואַרן.

פון די אָפענע שילדערונגען זעט מען פאַרוואָס אַרטור שניצלערס יורשים האָבן באַשלאָסן אַרויסצולאָזן זײַן אויטאָביאָגראַפיע קנאַפּע פערציק יאָר נאָך זײַן טויט און אַכציק יאָר נאָך די פּאַסירונגען, ווען קיין איינער פון די העלדן און העלדינס פון די טראַגישע און קאָמישע עפּיזאָדן איז שוין נישט געווען בײַם לעבן.

אַרטור שניצלער ברענגט אין בוך סצענעס פון זײַנע סטודענטישע יאָרן ווי ער האָט, צוזאַמען מיט זײַנע קאָלעגן, זיך באַטייליקט אין פּאַלמעסן מתים. ער שילדערט די טײלווײַז־געמאַכטע העלדישקייט און פאַד־ציניזם פון די

מעדיצין־סטודענטן, וואָס האָבן געקײַט געבראָטענע קאַשטאַנעס בײַם טיש, ווו טויטע זענען געפּאַלמעסט געוואָרן.

עפּעס פון דער אומרחמנותדיקער קאַלטקייט און ציניזם איז פאַראַן אין די שילדערונגען פון דעם מחברס קאַזאַנאָוואַ־אַוואַנטורעס. אָבער אין דעם פאַל האַנדלט זיך מערסטנטייל אין דער וויסנשאַפטלעכער אָיפּריכטי־קייט פון אַ פּסיכאָלאָג וואָס אַנטבלויזט סײַ דעם קערפּער סײַ די נשמה.

און „אַנטבלויזט" האָט אַרטור שניצלער נישט בלויז זײַנע אומצאָליקע פרײַנדינס און געלעגנהײַטלעכע אַוואַנטורעס, נאָר אויך די מענטשלעכע כאַראַקטערן — זײַנע נאָענטע פרײַנד און קאָלעגן, וואָס זענען טיילן פון דער אַלגעמיינער רעטעניש — מענטש.

אין שניצלערס טראַגי־קאָמעדיע „דאָס ווײַטע לאַנד", טענהט זײַנער אַ העלד:

„דערציילט מיר נישט, אַז איר האָט נישט באַמערקט וואָסערע קאָמ־פּליצירטע באַשעפענישן מיר זענען! אַזוי פיל פּלאַץ געפינט אין אונדז אין דער זעלבער צײַט סײַ ליבע און אָפּנאַרערײַ, סײַ געטרײַשאַפט און פאַרראַט; סײַ די פאַרגעטערונג פאַר איין פרוי און סײַ די לוסט צו אַ צווייטער, מעגלעך מער ווי צו איינער. איך גלייב אַז מיר טוען דאָס בעסטע וואָס מיר קענען צו האַלטן אונדזער הויז אין אָרדענונג, אָבער סוף־כל סוף איז די אָרדענונג אויבערפלאַכלעך. די נאַטירלעכע זאַך איז כאַאָס, יאָ... די נשמה איז אַ ברייט לאַנד".

דאָס אָ דערמאָנט אין זיגמונד פרוידס טעאָריעס וועגן דעם קאַמף צווישן דער „אויבערפלאַכלעכער אָרדענונג" און דעם „נאַטירלעכן כאַאָס" אין דער מענטשלעכער נשמה.

שניצלערס איבערלעבונגען אין דער מעטראָפּאָליע פון קאַרנאַוואַלן און מאַסקנבעלער (אייגנטלעך איז די שטאָט ווין געווען אַ כסדרדיקער קאַרנאַוואַל און די עטיקעטן־מאַסקעס האָבן אויך קיין מאָל נישט געפעלט) זענען געווען דאָס „רוי־מאַטעריאַל", פון וועלכע דער שרײַבער האָט שפּע־טער געשאַפן זײַנע „ליבעליי"־שפּילן און טראַגי־קאָמעדיעס, ווי אויך די „אַקטיאָרן" און „אַקטריסעס", וואָס האָבן זיי „אויסגעשפּילט". דאָס באַציט זיך אויך צום אויסדרוק פון דעם ווינער „זיסן מיידל", מיט וועלכע שניצלער האָט באַצייכנט איינע פון זײַנע געליבטע און האָט זי שפּעטער אײַנגעגלידערט ווי אַ העלדין אין זײַנע ווערק. אגב, ווי שניצלער באַמערקט

דאָס איז זײַן אויטאָביאָגראַפיע, איז דער אויסדרוק אַרײַן אין דער ליטע־ראַטור־געשיכטע און געוואָרן אַ באַצייכענונגס־קלישע פאַר אַ באַ־שטימטן „נאָכגיביקן" מיידל־טיפּ.

עס זענען אָבער געווען נישט בלויז „זיסע" מאָמענטן אין שניצלערס יוגנט, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט געלעבט אין אַ זאָרגלאָזער סביבה פון העכערן מיטלקלאַס און אין אַקאַדעמישער און ליטעראַריש־קינסטלערישער „באָהעמיע".

אַרטור שניצלער, דער אַסימילירטער יונגער־מאַן, אין אַ סביבה פון שפּראַכלעך־קולטורעלער אַסימילאַציע, אָן נאַציאָנאַל־ייִדישער אידענטיש־קייט, האָט שוין דעמאָלט, אין דעם גאָלדענעם הארבסט פון דער עסטרײַך־אונגאַרישער אימפּעריע, געפילט די ייִדישקייט ווי אַ ירושה־„פּעקל" אויף זײַנע פּלייצעס.

אין אַ פאַרצייכענונג פון 1912 דערמאָנט דער מחבר, אַז אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע וועט אַ סך גערעדט ווערן וועגן יודאַיזם און אַנטיסעמי־טיזם; אַז ווען די זײַטן וועלן געלייענט ווערן, וועט אפשר נישט מעגלעך זײַן צו האָבן אַ ריכטיקן אײַנדרוק וועגן דער וויכטיקייט פון דער „ייִדישער פראַגע" אין יענער צײַט. ער דערמאָנט, אַז אין זײַנע גימנאַזיע־יאָרן האָט מען קוים געפילט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַנטיסעמיטיזם, אָבער די לאַגע האָט זיך געענדערט שפּעטער, אין דער צײַט ווען ער האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט.

אין דעם קאַפּיטל, וואָס נעמט אַרום די צײַט צווישן 1875 און 1879, שרײַבט שניצלער, אַז אַנטיסעמיטיזם האָט, ווי שטענדיק, עקסיסטירט אין פיל הערצער ווי אָן עמאַציע... מיט מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג, אָבער האָט נישט געשפּילט קיין וויכטיקע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע ראָלע.

(„די מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג" האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן שרעקלעכער ווי די גרעסטע פּעסימיסטן האָבן געקענט פאָרויסזען. קורץ נאָך דעם ווי די ווערטער זענען געשריבן געוואָרן איז אין שטעטל בראַונאַו געבוירן געוואָרן אַ מאָנסטער־ממזר מיטן נאָמען אַדאָלף שיקלגרובער — דער שפּעטערדיקער „ימח שמו" אַדאָלף היטלער, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין זײַן זאָאָלאָגישן האַקנקרייץ־צוג).

אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן — דערציילט שניצלער — האָט די

אַנטיסעמיטישע קרענק זיך אָנגעהויבן שנעל צו פאַרשפּרייטן אין די סטודענטן־קרײַזן. די דײַטש־נאַציאָנאַלע „בורשענשאַפטען" (סטודענטן־פאַרבאַנדן) האָבן שוין אָנגעהויבן באַזײַטיקן פון זייערע רייען אַלע ייִדן און אָפּשטאַמיקע פון ייִדן. עס זענען פאָרגעקומען אָפטע קאָנפליקטן און געשלעגן צווישן די אַנטיסעמיטישע סטודענטן־גרופּעס און די אַקאַדע־מישע „לאַנדסמאַנשאַפטן" צו וועלכע עס האָבן הויפּטזאַכלעך געהערט ייִדן, אַזוי ווי די פּראָוואָקאַציעס צווישן אינדיווידועלע סטודענטן האָבן זיך פאַרמערט, זענען אָפט פאָרגעקומען דועלן, און די ייִדישע סטודענטן האָבן געפונען פאַר בייטיק צו ווערן גרויסע עקספּערטן אין פעכטן. שניצ־לער דערמאָנט, אַז דער פאַקט וואָס ייִדן זענען געווען בעסערע ספּעציאַליס־טן אין דועלן, איז זיכער געווען די הויפּט־סיבה פון אַ שענדלעכן חרם־מאַניפעסט מצד די אַנטיסעמיטישע סטודענטן. אין מאַניפעסט איז דער־קלערט געוואָרן — צווישן אַנדערע „קאָמפּלימענטן" — אַז אַ ייִד איז אָן ערע און אָן „פײַנע עמאָציעס". מ'טאָר דעריבער נישט זײַן אין פרײַנד־לעכע באַציִונגען מיט ייִדן און נישט אָננעמען פון זיי אַרויספאָדערונגען צו אַ דועל.

אַרטור שניצלער גיט איבער בײַ דער געלעגנהײַט אַ סענסאַציאָנעלן עפּיזאָד: טעאָדאָר הערצל האָט אין די אַכציקער יאָרן געהערט צו אַ דײַטש־נאַציאָנאַלער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע; פאַרשטייט זיך, איידער די ענדע־רונג איז פאָרגעקומען, און ער האָט געזען הערצלען מאַרשירן אין זייערע פּאַ־ראַדן. דער מעמואַרן־שרײַבער דריקט אויס די מיינונג, אַז דער פאַקט וואָס די קאָרפּאָראַציע האָט באַזײַטיקט הערצלען (צווישן אַלע אַנדערע ייִדישע מיטגלידער), איז געווען דער ערשטער מאָטיוו, וואָס האָט פאַר־וואַנדלט דעם דײַטש־נאַציאָנאַלן סטודענט אין דעם „מעגלעך מער ענטו־זיאַסטישן ווי איבערגעצײַגטן ציוניסט"...

*

אַרטור שניצלער איז געווען איינער פון אַן אַנזעעוודיקער פּלעיאַדע ייִדיש־דײַטשע שריפטשטעלער אין דעם קייזערלעך־קעניגלעכן עסטרײַך, צו וועלכער עס האָבן געהערט: סטעפאַן צווײַג, פראַנץ ווערפעל, פּעטער אַלטענ־בערג און אַנדערע. זײַן אויטאָביאָגראַפיע איז — ווי סטעפאַן צווײַגס מע־מואַרן־בוך „די וועלט פון נעכטן", אָבער מער איראָניש, קיל און סקעפּ־

טיש. דאָס איז פאַרשטענדלעך ווען מע נעמט אין באַטראַכט די פאַרשיידנ־אַרטיקייט פון קינסטלערישן טעמפּעראַמענט און סטיל פון ביידע שרייבערס: שניצלערס כאַראַקטעריסטישער געמיש פון איראָניע, סקעפּטיציזם און כאַראַקטער „אַנטבלויזונגען" פון איין זייט, און סטעפאַן צווייגס נאָסטאַלגיע און אידעאַליזם פון דער צווייטער זייט.

אַרטור שניצלערס „יוגענד אין ווין" איז נישט בלויז אַ טאָגבוך פון אַ מאָדערנעם קאַסאַנאָוואַ, נאָר אויך אַ פּאַנאָראַמע פון עסטרייך־אונגאַרן, די בבל־אימפּעריע אַרום דעם דונאי אין דעם פּעריאָד פון דעקאַדענץ, פון ערב־אונטערגאַנג; אַ שילדערונג פון דער בבל־מעטראָפּאָליע ווין אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט, געזען מיט די אויגן פון אַ שאַרף־אָבסערווירנדיקן קינסטלער. עס איז בלויז אַ שאָד וואָס די זכרונות ענדיקן זיך אויף דער פלאַך נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן שניצלערס גרויסע ליטעראַרישע קאַריערע און קינסטלערישע רייפקייט.

אַזאַ אַרייַנבליק אין שניצלערס גייסטיקער וועלט קען מען אָבער האָבן בלויז אומדירעקט אין דעם בריוו־אויסטויש וואָס ער האָט געפירט מיט זיינע גרויסע צייט־חברים: זיגמונד פרויד, הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל, געאָרג בראַנדעס, ראַינער מאַריאַ רילקע און ענלעכע. אַ טייל פון די בריוו זענען דערשינען אין דייטש אין בוכפאָרעם, אַנדערע אין זשורנאַלן.

די וואַלצער־סענטימענטאַלע און איבערצייטיק־פאַרשימלטע האַבסבורגישע אימפּעריע איז זיך צעפאַלן אין רוינען, ווי דער שטייגער פון אַלע אימפּעריעס, וואָס טראָגן אין זיך די זוימען פון אייגענעם פונאַנדערפאַל.

אַרטור שניצלער איז געווען דער קינסטלער וואָס האָט אויסגעדריקט אין זיינע ווערק — און נישט בלויז אין זיינע ווערק — די דעקאַדענץ, די שאָטנדיקע צווייזייטיקייט פון דעם „פּראָווידיאַנישן" וויטן לאַנד, פון אַ ציוויליזאַציע, וואָס האָט טאַנצנדיק זיך באַוועגט צו איר אייגענעם אונטערגאַנג. אָבער נישט געקוקט אויף די טונקעלע שאָטנס, האָט די „זיסע" מעטראָפּאָליע אויך געהאַט אירע באַחנטע שטריכן וואָס זענען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט איר.

אַרטור קעסטלער:
„טרינקערס פון דער אומענדלעכקייט"

אַרטור קעסטלער, דער אַסימילירט־קאָסמאָפּאָליטישער ייִד פון אונגאַרן, באַרימטער ענגלישער שרײַבער און אייראָפּעיִשער אינטעלעקטואַל, גיט אין זײַן ווערק „טרינקערס פון דער אומענדלעכקייט" מוסטערן פון זײַן כאַראַקטעריסטישן סטיל — עסייען, רעדעס, רעצענזיעס און פּאָלעמיקעס פון דעם צײַט־אָפּשניט 1955—1967. די שאַפונגען זענען פּאַראַינטריגירנדיק, אָנהייבנדיק אַפילו מיט זייערע נעמען: „גראַוויטאַציע און דער הייליקער גײַסט", „די מויער פון יריחו", „אַ צוריקרײַזע צו נירוואַנאַ" און ענלעכע.

דער מחבר פון דעם באַרימטן פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, „דאַרקנעם עט נון", איז אַ קולטורעלער „גלאָבטראָטער" און אינטעלעקטועלער טוריסט, וועמענס ווערק, באַזונדערס די אויטאָביאָגראַפישע, זענען עטאַפּן פון זײַנע וואַנדערונגען און בלאָנדזשענישן. ער האָט אין זיך עפּעס פון דעם „איקאָנאָקלאַסט", דעם לעסטערער פון אָנגענומענע הייליקייטן, צו וועלכע ער האָט אַליין „געדאַוונט".

אַרטור קעסטלער, דער אַנטוישטער אמת־זוכער, איז נישט בלויז אַ קאָסמאָפּאָליט, נאָר אויך אַ קאָסמישער פליט, אַ „שוואַרצער" און אַן אַנטלויפער פון פיזישע און אידעאָלאָגישע גרענעצן. דער „גרויסער סטאַלין" האָט אים, ווי אַ סך אַנדערע אייראָפּעיִשע שײַנגײַסטער און אידעאַליסטן, אויסגעניכטערט פון דעם אידעיִשן נאַרקאָז. אַזוי האָט ער אויך מחמת אייגענער דערפאַרונג און אָבסערוואַציע, אײַנגעזען דעם בלאָף און שווינדל פון דער מיסטיקער און פאַרפוילטער אימפּאָרט־סחורה פון ווײַטן מזרח — דעם

געפּעלשטן אינדישן מיסטיציזם און זײַנע אַנדערע וואַריאַציעס פון „יאָגאַ", „זען־בודיזם" און אַנדערע.

טייל פון די עסייען און פּאָלעמיקעס אין דעם בוך זענען טאַקע אין שײַכות מיט זײַנע דערמאָנטע ווערק אָדער זייערע וואַריאַציעס. אַנ־דערע באַהאַנדלען וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, סאָציאַלע אָנגעלעגנהײַטן, קולטור־קריטישע און אַנדערע טעמעס. שוין די טעמאַטיק ווײַזט אויף דעם מחברס אומבאַגרענעצטן אינטערעסן־קרײַז, אויך דעם פּאַרנעם פון זײַן אינטעלעקטועלן ראַדיוס, אַפילו ווען צוליב דעם זעלבן דאַרשט נאָך אומ־ענדלעכקייט ווערט זײַן שרײַבן אַ ביסל דילעטאַנטיש.

*

איינע פון אַרטור קעסטלערס ליטעראַרישע מעלות איז זײַן געזונטער חוש פון אַ קולטור־קריטיקער, פון אַ שאַרפן אָבסערוואַטאָר און אַנאַליטי־קער פון ציוויליזאַציעס און אינטעלעקטועלע „סיסטעמען". וואָס שײַך זײַנע היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע עקסקורסיעס זענען זיי באַוואָרנט קעגן לאַנגווײַל אַ דאַנק דעם באַנוץ פון אינטערעסאַנטע „גאַידס" — קוריאָזן און אַנעקדאָטן.

אין דעם עסיי, „רעפלעקסיעס וועגן אַ האַלב־אינדזל", ווײַזט קעסט־לער אָן, אַז פון דעם זעלבן וואָרט־שורש און סאַנסקריט — „מאַטר" — שטאַמען די צוויי ווערטער: „מאַיאַ" און „מעטראָן". מאַיאַ איז אין הינדויזם און בודיזם דער סימבאָל פון אַן אײַנשטעלונג, וואָס באַטראַכט די נאַטור ווי אַ געוועב פון אילוזיעס, דער שלײַער פון „מאַיאַ"; „מעטראָן", אָבער, איז מ אָ ס , באַטראַכט די נאַטור ווי אַן עפּעס וואָס מען קאָן באַגרײַפן, מעסטן, באַהערשן מיטן גײַסט.

מיט אָט דער עטימאָלאָגיש־פילאָלאָגישער באַמערקונג האָט דער מחבר אילוסטרירט דעם אונטערשייד צווישן דעם אָריענטאַלישן און אײַ־ראָפּעיִשן וועלטבליק און צוגאַנג צו דער עקסיסטענץ. דער אַנאַליז באַ־ווײַזט גלײַכצײַטיק קעסטלערס ערודיציע און אַנאַליטישע שאַרפקייט.

צו זײַנע קולטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען געהערט צווישן אַנדערע דער עסיי, „קולטור און אויפרײַס", אַ רעדע, אין 1960, געהאַלטן בעתן אינטערנאַציאָנאַלן סימפּאָזיום וועגן קונסט אין דער מאָדערנער געזעל־שאַפט בײַם ווינער פעסטיוואַל.

דער מחבר דערקלערט, אַז די שטריכן וואָס אונטערשיידן אונדזער איצטיקע ציוויליזאַציע פון די פריערדיקע, זענען: „עקספּלאָזשאָן, אָס־מאָזיס און פיעדבעק״.

וועגן דעם ערשטן שטריך — דעם „אויפרײַס״ פון דער באַפעלקערונג און פון צאָלן בכלל, ווײַזט אַרטור קעסטלער אָן אויף דער גוואַלדיקער פאַר־גרעסערונג פון אַלעם, אַפילו אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכע צײַט־שריפטן: אין יאָר 1700 זענען אויף דער וועלט נישט געווען קיין צען אַזעלכע זשורנאַלן, אָבער איצט האָבן מיר אַרום הונדערט טויזנט.

„אָסמאָזיס״ — דער צושטאַנד, ווען פליסיקייטן באַוועגן זיך און מישן זיך אויס דורך די ווענטלעך מיט פאָרעס, וואָס צעשיידן זיי. מיט אָט דעם כאַראַקטעריזירט דער מחבר דעם צווייטן שטריך פון אונדזער וועלט, די „קולטור־אָסמאָזיס״. קעסטלער ווײַזט אָן אויף דער אוניווערסאַלער שאַבלאָ־נישקייט פון אונדזער מאָדערנער ציוויליזאַציע, אויף דער גלאָבאַלער סטאַנדאַריזאַציע אין אַלע פאָרמען און דערשײַנונגען. ער דערמאָנט, אַז די „עספּעראַנטאָ־אַרכיטעקטור״ פון גלאָז, שטאָל און קאָנקריט מאַכט כמעט אוממעגלעך אונטערצושיידן איינעם פונעם צווייטן די שטאָטישע צענטרען פון באַנגקאָק, שטוטגאַרט, אָדער מעלבורן. דאָס זעלבע מעבל, קליידער־מאָדע, „בעסט־סעלערס״, פילמען, מוזיק־שלאָגערס און פריזורן מאַכן דעם ערדקײַלעך מער איינהײַטלעך ווי ווען ס׳איז אין דער געשיכטע. מיר האָבן איצט, לויט קעסטלערן, אַ „קאָקאַ־קאָלאָניזירטע וועלט״.

מיט דעם דריטן שטריך — „פיעדבעק״ — באַצייכנט דער מחבר דעם זעלבסטרעגולירנדיקן פּראָצעס פון אונדזער הײַנטיקער קולטור. ער ברענגט אַ בילד פון דעם טערמאָסטאַט אין הויז, וואָס רעגולירט אַליין די טעמפּע־ראַטור. אַמאָל האָבן די קולטור־פּראָדוצענטן געשאַפן פאַר אַ קליינער עליטע, אויף וועלכער זיי האָבן „אַרויפגעצוואונגען״ זייער וויזיע און גע־שמאַק; הײַנט, אָבער, קאָנטראָלירן די מאַסן־קאָנסומענטן דעם מאַרק מיט זייערע פאָדערונגען. זיי זענען די טערמאָסטאַטס, וואָס קאָנטראָלירן און רעגולירן די פּראָדוקציע דורך „מאַרקעט־פאָרשונג״, סטאַטיסטישע אָפּ־שאַצונגען, גאַלאָפּ־אַנקעטעס און אַזוי ווײַטער. די פאַרלעגערס און די פּראָדו־צענטן פון ביליקע פילמען, ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־פּראָגראַמען האָבן אַ מעגלעכקייט אָפּצושאַצן וועלכן סאָרט פּראָדוקציע דאָס פּובליקום וויל...

דאָס איז זייער אַ טרעפלעכער אַנאַליז וועגן די אייגנשאַפטן און טענ־

דענצן פון אונדזער פרע־פאַבריצירטער קולטור און ציוויליזאַציע, באַזונדערס אין אַמעריקע.

אַרטור קעסטלער, דער טוריסט, באַווייַזט זיך ווי אַ קינסטלער־רעפּאָרטער אין זייַן „ליבע מיט נאָרוועגן". ער הייבט אָן דעם „רעפּאָרטאַזש" מיט דעם זאַץ:

„אַלע פעלקער זענען משוגע, אָבער די נאָרוועגיער זענען מער משוגע ווי אַנדערע, און אויף אַ מער סימפּאַטישן שטייגער".

ער שילדערט די משוגעדיקייט פון דער נאָרוועגישער נאַטור, די לאַנדשאַפט, וואָס ווערט „פאַרפולקומט" דורך דער משוגעדיקייט פון די מענטשן. שניי און זאַלצוואַסער (ים־וואַסער) פאַרערונג איז די ערשטע נאָרוועגישע „משוגעת". די צווייטע איז קונסט. ער שילדערט זייער פּלאַסטיש די צוויי „משוגעתן" פון די נאָרוועגיער. די סטיכישע פאַרבונדנקייט פון די נאָרוועגיער מיט שניי און ים, ווי אויך מיט קונסט. דאָס לעצטע קומט צום אויסדרוק אין דעם גראַנדיעזן קונסטפּאַרק פון אָסלאָ, וואָס איז אָן אוניקום אין דער וועלט. דער קונסטפּאַרק אויף אַ שטרעקע פון הונדערט אַקער, איז אויסגעפולט מיט די מאָנומענטאַלע סקולפּטורן פון דעם קינסטלער וויגעלאַנד. 150 גרופּעס פון אַרום טויזנט ריזיקע סקולפּטורן, געשאַפן אין פאַרלויף פון איבער פערציק יאָר דורך דעם „משוגענעם" קינסטלער, געפינען זיך אין דעם איינציקאַרטיקן קונסטפּאַרק אין דער נאָרוועגישער הויפּטשטאָט.

אין דעם עסיי „אַ צוריקרייַזע צו נירוואַנאַ" שילדערט אַרטור קעסטלער זייַן איבערלעבונג מיט „האַלוצינירנדיקע דראָגס" און זייַן ניכטערע און טרעפלעכע אָפּשאַצונג נאָך דער אויסניכטערונג פון דעם נאַרקאָטישן מיטל. ער גיט אונדז אַ קינסטלעריש בילד פון איבערלעבונג און אַ „דערנאָך"־אָפּשאַצונג, דערקלערנדיק אַז די ווערטער פון אָן אַמעריקאַנער שרייַבער — מיט וועלכן ער האָט בייַנאַנד געמאַכט די „רייַזע" („אויסגעברייטערטער באַוווסטזייַן", „קאָסמיש געפיל", „זען־באַוווסטזייַן") — האָבן אים שאָקירט ווי שמוץ, מער ווי „פיר־בוכשטאַבן ווערטער".

אין איינער פון די פּאָלעמישע עסייען אין דעם בוך „צווישן דעם לאָטוס און דעם ראָבאָט" (אַ „פּאָסט-סקריפּטום" צום ווערק מיטן ענלעכן נאָמען) מאַכט קעסטלער דעם חשבון מיטן „זען־בודיזם" אויף אַ גאָר אינטערעסאַנטן שטייגער. ער באַווייַזט ווי אַ יאַפּאַנישער לערער פון „זען" דערקלערט זייַן „תורה" ווי אַ זייער עלאַסטישע זאַך, וואָס קאָן זיך צופּאַסן

צו יעדער פילאָסאָפיע און דאָקטרין — צו אַנאַרכיזם, פּאַשיזם, קאָמוניזם, אָדער דעמאָקראַטיע...

דער מחבר ווײַזט ריכטיק אָן, אַז אַ קולטור, וואָס איז באַדראָעט פון „סטראַנטיום - וואָלקנס", שטרעבט צום וואָלקן פון אומבאַקאַנטן. ער באַטראַכט אָבער, אַז די אַבדיקאַציע פון שכל־הישר לטובת אַ געפעלשטן מיסטיציזם לייזט נישט דאָס פּראָבלעם, און פירט־אויס ,אַז ער האָט געפרווט צו באַווײַזן, אַז „יאָגא" און „זען", ווי זיי ווערן איצט פּראַקטיצירט, זענען פאַלש און דעגענערירט.

*

די און אַנדערע עסייען, פּאָלעמיקעס און קולטור־היסטאָרישע אַרבעטן אין דעם בוך האָבן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַרטור קעסטלערס סטיל — זײַן קלאָרע פּרעציזקייט און ערלעכע קאָנצענטרירטקייט, זײַן אַנאַליטישן שאַרפזין און קריטישן חוש, מיט וועלכן ער דערפילט גײַסטיקן שימל און דעקט־אויף אידעישן שווינדל. ער צייכנט זיך אויס מיט זײַן לעבעדיקן, פּיקאַנטן סטיל, פול מיט גײַסטרײַכע פאַרגלײַכן און אַנעקדאָטן, וואָס זענען געשמאַקע ליטעראַרישע געווירצן.

מע דאַרף אָבער פון דעסטוועגן נישט פאַרזען זײַנע „מינוסן". גראָד זײַנע מעלות —פּרעציזע קלאָרקייט און צוועקמעסיקייט— זענען אין אַ געוויסן זין חסרונות. זיי פירן קעסטלערן אויפן גלאַטן פּובליציסטישן טראַקט. קלאָרקייט אַליין איז נישט קיין סימן — „פּער סע" — פון נישט־טיפקייט, פּונקט ווי סתם טונקלקייט איז נאָך נישט קיין באַווײַז פון טיפקייט. אַ מאָל איז פאַראַן אַ טיפער נשמה־שטראָם, וואָס איז גלײַכצײַטיק קלאָר: און אַ מיסטיש־טונקעלער סטיל קאָן אַ מאָל זײַן דער אויסדרוק פון... אויסדרוקלאָזיקייט, פון שטאַמלערישקייט, פון אייגענער נישט־קלאָרקייט, אָדער פון „מוטנע מאַכן דאָס וואַסער, כדי ס'זאָל אויסזען טיף". אָבער בײַ זײַן גאַנצן פרייען אופן שרײַבן און איראָפּעישן עספּרי, פעלט אָבער אין די שאַפונגען די טיפערע קינסטלערישע דימענסיע. קאָן זײַן, אַז אַרטור קעסטלער איז אין תוך אַ פּובליציסטישער קינסטלער, אָדער פּובליציסט פון גרויסאַרטיקן פאַרנעם.

ווי עס זאָל נישט זײַן — מע קאָן נישט פאָדערן בײַ אַ שרײַבער בלויז די בעסטע קוואַליטעטן און אַוודאי נישט קיין פּערפעקציע.

אין דעם זין מוז מען זאָגן, אַז ס׳איז אַן אינטעלעקטועל און קולטורעל פאַרגעניגן צו באַגלייטן אַרטור קעסטלערן, דעם גײַסט־ און קולטור דאָרשטיקן טרינקער פון אומענדלעכקייט, אויף זײַנע אומצאָליקע „עסקאַפּאַדעס״ אין צײַט און שטח. אויך זײַנע רײַזעס און „צוריקרײַזעס״ זענען אין תוך באַלערנדיק. אַוודאי איז אַ פאַרגעניגן צו זען ווי דער „איקאָנאָקלאַסט״ פירט אויס זײַן עבודה — צו צעשמעטערן די עבודה זרהס, וואָס ער טוט מיט געניטקייט פון איינעם וואָס איז געווען א י נ ע ו ו יי נ י ק און ווייסט אַז ס׳איז הויל, אָדער אויסגעשטאָפּט מיט סוראָגאַטן.

א י נ ה אַ ל ט

זײַט

א — 7
משה-לייב האַלפּערן: גרויסער שטורעם און דינע שטילקייט — 9
איציק מאַנגער: באַלאַדן-מײַסטער — 18
מאַני לייב, די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט — 27
ישראל שטערן — 33
ז. סעגאַלאָוויטש, דער דיכטער פון שטילקייט — 40
הערש וועבער — 45
יעקב פרידמאַן, דער אצילותדיקער זינגער און זעער — 50
אהרן צייטלין, דער דיכטער פון געראַנגל און גענאָד — 59
דוד אײַנהאָרן: מוזיקאַלישקייט, פאָלקסטימלעכקייט — 73
רייזל זשיכלינסקי — 78
אליעזר גרינבערג — 87
מ. ז. טקאַטש: דיכטער פון פשטות — 95

ב — 103
י. מ. ווײַסענבערג: צו דער טיפער איביקייט — 105
משה קולבאַק — 118
משה נאַדיר, דער פּרינץ פון די ווירטואָזן — 126
ה. ד. נאָמבערג — 132
יונה ראָזענפעלד — 135
מיכאל בורשטין — 141
ש. בערלינסקי — 150
יחזקאל קייטלמאַן — 158

זײַט

יצחק באַשעוויס, דער מײַסטער פֿון דער קורצער דערציילונג — 167
יוסף אָקרוטני — 175
ברוך האַגער: די לאַנדשאַפֿט פֿון חסידות — 184
ב. שלעווין — 190
משה אײַזענבוד — 197

ג — 203
לעאָ קעניג: דער עסטעט און אפּיקורסישער עסייִסט — 205
י. ראַפּאָפּאָרט: עטיש־עסטעטישער קנאי — 215

ד — 225
עלזע לאַסקער־שילער, די מאָדערנע סאַפֿאָ — 227
סטעפֿאַן צווײַג: אַן איכה אויף חורבן־איראָפּע — 233
פֿראַנץ קאַפֿקאַ, דער קינסטלער פֿון חלומדיקער וואָר — 239
אַרטור שניצלער, דער וויוויסעקטאָר פֿון נשמות — 248
אַרטור קעסטלער: „טרינקערס פֿון דער אומענדלעכקייט” — 255
אינהאַלט — 261

ביכער פון יצחק גאָלדקאָרן:

נאָקטורנס, וואַרשע, 1938

ליטעראַרישע סילועטן, מינכען, 1949

לידער, מינכען 1950

עפּיגראַמאַטיש, מאָנטרעאַל, 1954

פון וועלט־קוואַל, תל־אביב, 1963

לאָדזשער פּאָרטרעטן, תל־אביב, 1963

זינגערס און זאָגערס, תל־אביב, 1971

היימישע און פרעמדע, בוענאָס־איירעס, 1973

este libro se terminó
de imprimir en el mes
de enero de 1973, en los
talleres gráficos
julio kaufman s.r.l.
avenida corrientes 1976
buenos aires, (argentina).